STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00715

POYLN

Yehiel Yeshaia Trunk

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. & Mrs. Robert Neda Chernack & Family
in memory of
Harry & Sarah Chernick

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



י. י. טרונק

פוילן

זכרונות און בילדער

י. י. טרונק

פוילן

זכרונות און בילדער

זיבעטע בוך

וואַרשע צווישן ביידע וועלט־מלחמות

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו־יאָרק, 1953

J. I. TRUNK

POILN

BOOK SEVEN

Copyright 1953
by
Farlag Unser Tsait

Published by
Farlag Unser Tsait
25 East 78th Street
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

Printed by
Grenich Printing Corp.
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט:

זייט

פון פאַרלאַג — — — — — — — 7

עטלעכע ווערטער פון מחבר — — — — — — — 9

קאַפּיטל איינס

דאָס אַקער־אייזן פון דער צייט — — — — — — — 15

קאַפּיטל צוויי

דריי שאָטענעס מיטן וועלט־חורבן אויפן שטערן — — 18

קאַפּיטל דריי

דער אָפּגעקומענער לייב — 23

קאַפּיטל פיר

צירעלע פּריוועס זיצט אין די טונקלענישן — — — — — — 28

קאַפּיטל פינף

צירעלע פּריוועס וויל אין מיר זען דעם חורבן פון דער וועלט — — — — — — 33

קאַפּיטל זעקס

וואָס האָט געוואָלט זיין טלאָמאַצקע דרייצן — — — — — 38

קאַפּיטל זיבן

כל ישראל און רב ישראל — 40

קאַפּיטל אַכט

די חידושים וואָס אַ פּראָווינצער בחור האָט זיך אָנגעזען — — — — — — — 42

קאַפּיטל ניין

דער גרויסער מאָמענט אין לעבן פון מנחם קיפּנים — — — — 49

זייט

קאַפּיטל צען

אומעטום איז הפקר־פּעטרישקע — — — — — — — — 55

קאַפּיטל עלף

פּריץ מאַרקיש קומט פון רוסלאַנד — — — — — — — — 60

קאַפּיטל צוועלף

די ביטל־שניידער פון זשעליכאָווער יאַריד — — — — 65

קאַפּיטל דרייצן

דאָס יתומל פון דער יידישער ליטעראַטור — — — — — — 71

קאַפּיטל פערצן

עוזר וואַרשאַווסקי באַווייזט זיך — — — — — — — — 78

קאַפּיטל פופצן

דער ריז צווישן קאַרליקעס — 82

קאַפּיטל זעכצן

דאָס פּוילישע מלכות זיצט בחרבה ובקשתה — — — — — 87

קאַפּיטל זיבעצן

דער פולקאַוואַניק לעכצט אָנצוקוקן אַ פּופּיק — — — — — — 93

קאַפּיטל אַכצן

יידישע שריפטשטעלער קומען צוריק — — — — — — — 100

קאַפּיטל ניינצן

דער ביתו פּתוח לרווחה פון די מענדלסאָנס — — — — — — 107

זייט

קאַפּיטל צוואַנציק

סאַלאָמעאַ דרעזנער מאַכט אַ תל פון די פינף שוועסטערן — — 115

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

עס איז נישט קיין ווערטעלע צו ווערן ברוגז — — — — — 119

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

יידישע וועלט-וויזיעס — — 125

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אויף צוויי באַזונדערע וועגן 129

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

די יידישע שול אין פוילן — 134

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אַ לעבעדיקער רעקוויזיט פון די אַמאַליקע צייטן — — — — — 138

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

צוגאַסט ביי די מענדלסאָנס — 144

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

דער „בונד” אין התגלות — 147

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

העבריק ערליך — — — 155

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

יוסף כמורנער — — — — — 162

קאַפּיטל דרייסיק

בייגוש מיכאַלעוויטש — — 167

קאַפּיטל איין און דרייסיק

עמנואל נאָוואָגרודסקי — — 175

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

נח — — — — — — — — 181

זייט

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן אויפן פּשעיאַזד— — — — 188

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

דער יידישער פּען-קלוב אין פוילן — — — — — — — — — 196

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

מלכות ביאַלע — — — — 201

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

ביאַלער ותיקין כאַפּן אַ קוק אויפן ינוקאַ אין וויגל — — 205

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

נאָר גאָט אַליין איז אַ יודע-לבבות — — — — — — 211

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

ביי דער פאַמיליע פוקס — — 218

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

דער מענטש און די חיה — 226

קאַפּיטל פערציק

איך וויל האָבן אָרום מיר פּי-לאָזאָפן — — — — — — 232

קאַפּיטל איין און פערציק

ביטער איז דער גורל פון גע-פאַלענע געטער — — — — 238

קאַפּיטל צוויי און פערציק

אין די חלומות פון ליב-שאַפּט — — — — — — 242

עפּילאָג — — — — — — — 247

הוספות — — — — — — — 267

מיט דעם 7טן באַנד ווערט פאַרענדיקט די סעריע פון י. י. טרונקס „פּוילן“.

נישט פאַר אונז איז אָפּצושאַצן דעם ווערט און די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן ווערק. דאָס האָט געטאָן די קריטיק, דאָס האָבן געטאָן די לייענער. דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין דעם, וואָס די לייענער האָבן אונז דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן אַלע 7 בענדער און אַפילו נויטיק געמאַכט אייניקע איבערצודרוקן 2 אָדער 3 מאָל.

דאָ ווילן מיר בלויז דערקלערן פאַרוואָס מיר האָבן די ביכער אַרויס־געגעבן. דאָס פּוילישע יידנטום האָט געהאַט זיינע גרויסע קינסטלער. י. ל. פּרץ, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, י. מ. ווייסענבערג און פיל אַנדערע פון אַלטן און נייעם דור האָבן אין זייערע שאַפונגען פאַראייביקט דעם פּוילישן ייד, זיין כאַראַקטער און האַנדלונגען, זיין גייסט און נטיות. זיי האָבן אונז געוויזן אַ שפע געשטאַלטן און אייגנטימלעכקייטן פון פּוילישן יידנטום. און כאָטש י. י. טרונק איז מיט זיין „פּוילן“ געקומען שפּעט, נאָך אַלעמען, איז ער געקומען נישט איבערחזרן אַזוינס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן. ער האָט געוויזן אַנדערע יידן און אַפילו די זעלבע יידן — אַנדערש. אפשר זיינען מיר נישט גערעכט, נאָר אונז דוכט זיך, אַז זעלטן־ווער איז אַריינגעדרונגען אַזוי אינטים אין אינערלעכן מהות פון די דאָזיקע יידן, ווי ער. לכל־הדעות איז דער מחבר פון „פּוילן“ צוגעגאַנגען צו זיי פון גאָר אַן אַנדער ווינקל און במילא געזען דאָס, וואָס אַנדערע האָבן פאַרזען.

„אונזער צייט“ איז אַ יידישער סאָציאַליסטישער פאַרלאַג. און אויב מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אַ גרויס ווערק, וואו אַ באַדייטנדיקן טייל פאַרנעמען יידן פון שטריימלעך און תורה, פון עשירות און מסחר, פון פּלפּול און לופט־פּרנסות, איז עס מחמת דעם, וואָס אָן דעם היינטערגרונט קען נישט זיין פאַרשטענדלעך דער אויפברויז און בונט, די ווידערשפּע־

ניקייט און באַנייאונג אין די טיפעניש פון יידישן לעבן. כדי צו רעוואָל־טירן, האָט עפּעס געמוזט דריקן, האָט מען געמוזט מיט עפּעס איבעררייסן.

אָנגעהויבן אין די אַלטע פּריצישע וועלדער, וואו תורה און עשירות זיינען זיך מתחתן, האָט אונז י. י. טרונק אין באַגלייטונג פון אויסטערלישע און דאָך היימישע יידן געפירט איבער די צוויי גרעסטע, היינט דורך קאָנצענטרירטער רשעות און רציחה שוין פאַרשניטענע, יידישע ישובים פון פוילן. אויף זיינע וואַנדערונגען דורך מאַגנאַטישע הייזער, רביישע הויפן, חסידישע שטיבלעך, אָרעמע קעלער־שטובן און רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס האָט ער אונז אַריינגעפירט צווישן די שאָפער פון דער נייער יידישער קולטור און ליטעראַטור, צווישן די שפּינער פון יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק און אויספירער פון דער רעוואָלוציאָנערער טאַט.

פאַר אונז בלייבט איצט בלויז זאָגן אַ יישר־כוח דעם מחבר פאַר איבערגעבן אונזער פאַרלאַג די פּריווילעגיע צו פאַרעפנטלעכן די 7־בענ־דיקע עפּאָפּייע פון די פּוילישע יידן.

פאַרלאַג „אונזער צייט״

עטלעכע ווערטער פון מחבר

I.

מיט דעם זיבעטן בוך פאַרענדיק איך די סעריע אין וועלכער איך האָב געוואָלט געבן פּוילן אין ליכט פון אַ גרויסער יידישער תקופה. איך וויל נישט זאָגן, אַז עס איז געווען אַ פאַרמעסט צו געבן דאָס יידישע פּוילן אין איר פולער גאַנצקייט. דאָס צו טאָן — איז אַן אַרבעט פאַר דורות און אַן אַרבעט פון פאַרשידענע אַספּעקטן.

איך האָב געגעבן פּוילן נישט בלויז אין ליכט פון אַן אָביעקטיווער וואָרהייט, נאָר אויך אין ליכט פון אַ סוביעקטיווער דיכטונג. פּוילן ווי עס האָט זיך סובלימירט אין לעבן און אין די באַציאונגען פון אַ געוויסן פּוילישן ייד — און דאָס איז מיין ווינציקייט.

אין די קלאַמערן אויפן שער בלאַט פון אַלע זיבן ביכער שטייט אָנגעשריבן „זכרונות און בילדער". עס וואָלט געווען מער געראָטן ווען עס וואָלט געווען אָנגעשריבן „דיכטונג און וואָרהייט". דער אַלטער געטע האָט זיך אָבער מקדים געווען און מיר אויסגעכאַפּט דעם נאָמען פאַר זיין אויטאָביאָגראַפיע.

במשך די יאָרן וואָס די ביכער „פּוילן" זענען איינס נאָך איינס דערשינען, האָט מיר די קריטיק פאָרגעוואָרפן, ראשית, אַז נישט תמיד גיב איך איבער די פאַקטן אין זייער גאַנצער ריכטיקייט, און שנית, אַז איך סטיליזיר די פערזאָנען און די געשעענישן און אַז איך פאַל אָפט אַריין אין גראָטעסקן און בין אָפט אַפילו מגזם.

איעדער געשעענער פאַקט איז אָבער נישט מער ווי
אַ שאָל אין וועלכער עס ליגן באַהאַלטן אַ סך און אַ סך מעגלעכקייטן.
מעגלעכקייטן — וואָס עס האָבן פשוט געפעלט די באַדינגונגען זיי
צו ברענגען צו אַקטיוויטעט און צו אויסדרוק. די אויפגאַבע פון דער
קינסטלערישער געשטאַלטונג איז, נעמלעך, צו באַשאַפן אילוזאָ־
רישע באַדינגונגען פאַר די אַלערליי לאַטענטע פסיכישע מעגלעכ־
קייטן און זיי אַרויסצוברענגען צו טאַט און געשטאַלט. ערשט אין
דעם דאָזיקן אַספּעקט זעען מיר די פולע צורה סיי פון אַ מענטש און
סיי פון אַ תקופה. פּאַבולירן, הייסט טאַקע באַשאַפן באַדינגונגען
פאַר באַהאַלטענע מעגלעכקייטן. די מעגלעכקייטן פון אַ פאַקט זענען
אָפטמאָל כאַראַקטעריסטישער פאַר פערזאָן און תקופה, ווי די
רעאַלע מעשים וואָס זענען באמת געהאַט געשען. די מעטאַמאָר־
פאָזע פון דער צייט? — אויף די פלאַכן פון דער קונסט וויקלט
זי זיך פאַנאַנדער ווי אַ קעגנוואַרטיקייט.

וואָס שייך דעם גראָטעסקן וואָס די קריטיק האָט מיר פאַר־
געוואָרפן, מוז איך ווידער זאָגן, אַז איך האָב מיר דאָ גענומען דעם
ביישפּיל פון די גרויסע מייסטער אין דער מאָלעריי, ווי רעמבראַנד
און סעזאַן. זיי האָבן אומישנע צעבראָכן די אויסערלעכע
פאָרמען פון אַ פאָרטרעט צי אַ פּייזאַזש, כדי אַזוי אַרום אַרויסצו־
באַקומען זייערע אינערלעכע ליכטער.

מען מוז קעלטערן די וויינטרויבן כדי אַרויסצובאַקומען דעם
וויין.

אויך די קונסט באַנוצט זיך מיט דעם מיטל פון „שבירת
הכלים" כדי צו דערלאַנגען צו דער טיפערער תוכישקייט פון אַן
עקזיסטענץ.

לאָרד מעקאָלי זאָגט אין זיין עסיי וועגן מאַקיאַוועלי:
„די בעסטע פאָרטרעטן זענען אפשר די יעניקע אין וועלכע
עס איז פאַראַן אַ לייכטע צומישונג פון קאַריקאַטור. מיר זענען
נישט זיכער, אויב די בעסטע ווערק פון געשיכטע זענען נישט
גראָד די יעניקע אין וועלכע עס איז פאַראַן אַ געוויסע מאָס פון
אויסגעטראַכטער דערציילונג. די שוואַכע ליניעס ווערן דורכדעם

טאָקע אויסגעלאָשן, דאָס גרויסע און כאַראַקטעריסטישע ווערט אָבער דערמיט איינגעקריצט אויף דורות.״

די סעריע „פוילן״ האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אין חודש מערץ 1941, דעם צווייטן טאָג ווי איך בין נאָך לאַנגע וואָגלענישן אָנגעקומען אַהער אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

די ערשטע צוויי זייטלעך פון מאַנוסקריפּט פון ערשטן בוך האָב איך דיקטירט מיין פרוי חנה. אָבער שפּעטער האָב איך מיך צעברענט צו דער אַרבעט און אַליין גענומען די פּען אין דער האַנט אַריין.

צום סוף וויל איך דאַנקען מיין טייערן פריינט דעם חבר שלום הערץ. אַדאַנק זיין מי האָבן די ביכער „פוילן״ באַוויזן צו דערשיינען אין דרוק. איך דאַנק אויך דעם חבר דוד מייער און דעם פאַרלאַג „אונזער צייט״. איך וויל אויך אויסדריקן אַ דאַנק מיין טייערן פריינט דעם חבר שמעון דאַווידאָוויטש וואָס האָט מיר געהאָלפן ביים אַדורכקוקן דעם מאַנוסקריפּט.

II.

וואָסער באַטייט האָט די תקופה י י ד ן א י ן פ ו י ל ן גע־האַט פאַר דער געשיכטע פון יידישן וועלט־פאָלק?

עס וועט אפשר נישט זיין קיין צו גרויסע גוזמא ווען איך וועל וואַגן צו באַהויפּטן:

אויב די מחשבה פון דער יידישער געשיכטע האָט באַקומען איר פּלאַסטיש געשטאַלט, איר פאָרם און איר סטיל סיי אינם יידישן יחיד און סיי אין דער יידישער מאַסע — איז עס געווען דער קיבוץ פון פּוילישע יידן. אין דעם איז אפשר געלעגן זייער דיאַלעק־טישער שיקזאַל און דער סוד פון זייער אומקום. די יידישע גע־שיכטע האָט אין פּוילישע יידן דערגרייכט אַ שפּיץ פון איר מיזאַמען באַרג־אַרויף.

די אָ נ ה י י ב ע ר ־ י י ד ן, די תנ״ך־יידן האָבן זיך — ווי אַ מאַסע — אין זייער קולטור און לעבנס־סטיל מן־הסתם ווייניק־

וואָס זיך אונטערגעשיידט פון זייערע שכנים, עמון, מואָב און אדום. די יידישע מחשבה האָט דעמאָלט געהאַט אירע נביאים, — זי האָט אָבער נישט געהאַט דאָס פּלאַסטישע סטיל-געשטאַלט פון איר מענטשלעכן קאָלעקטיוו. דער מענטש איז דאָס אות פון דעם בוך וועלט. אין די תנ״ך-צייטן איז נאָך דער יידישער מענטש נישט געווען דאָס אות פון דער יידישער וועלט-תורה.

עס האָבן דערצו געמוזט נעמען טויזנטער יאָרן. די געשיכטע פון יידן האָט געמוזט מאַכן אַ סך עקספּערימענטן און זיך אויס-שטעלן אויף די ביטערסטע און בלוטיקסטע נסיונות ביז די יידישע מחשבה האָט ווי אַ ליכטיק פיבער אַדורכגענומען דאָס בלוט און פלייש פון דעם יידישן מענטש. ביז זי איז געווען נישט בלויז דער נביאישער אידעאַל, נייערט די טאָג-טעגלעכע טבע פונם יידישן מענטש. ביז זי איז געוואָרן זיין טאָג און נאַכט, זיין האָפענונג און זיין טרויער, זיין טראַגעדיע און זיין קאָמעדיע, זיין געלעכטער און זיין געוויין, זיין שטאַרקייט און זיין שוואַכקייט. ביז זי, די יידישע מחשבה, איז געוואָרן די אינערלעכסטע לופט אין וועלכער ער האָט געלעבט.

טויזנטער יאָרן — זאָג איך — האָט עס געמוזט געדויערן אין דיאַלעקטישע עקספּרימענטן און פּרואווענישן ביז די גרויסאַרטיקע אידעע פונם סוד פון א י י נ ס — דער מענטש וואָס הייבט זיך אַרויס פון אַלע „דזשונגל-מאַכטן" און פון אַלע גרענעצן פון די אור-היילן. די אור-היילן וואָס אויף מאָדערנער שפּראַך הייסן זיי שטאַטן און פאַטערלענדער — ביז דער מ אַ כ ט ל אָ ז ע ר מ ע נ ט ש האָט באַקומען פאָרם און געשטאַלט.

אַלע שיינקייטן פון דער איידלסטער מענטשלעכער מאַכט-לאָזיקייט זענען געווען אויסגעגאָסן אויפן ייד פון דער פוילישער ערד. די קלענסטע תנועה פון זיינע הענט, דאָס מוסקל-שפּיל פון זיין פּנים, זיין גאַנג, זיין הילוך, דער קלענסטער דעטאַיל פון זיין הלבשה — אַלצדינג איז געלעגן אונטער דער דיסציפּלינירטקייט פון אַ סטיל. אַלצדינג איז געווען דער שטרענגער נוסח פון אַ לעבנס-קולטור. דער נוסח פון אַ באַזונדערן קוק אויף דער וועלט. דער נוסח

פון אַן אינערלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער וועלט. אַט דער נוסח האָט דורכאויס געשטימט מיטן שטילן ליריש־ראָמאַנטישן געמיט פון דעם ייד אין פּוילן. אַ נוסח וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער ריטמיק און מיט דעם זינג־זאַנג פון זיין יידישער שפּראַך — מיט דער שפע פון שטיל־באַשיידענער אָבער מיט אַ וואונדערלעכער רייכקייט פון קאָנען זיך אויסדריקן. דאָס לשון־יידיש וואָס יידן האָבן גערעדט אויף דער פּוילישער ערד האָט אין זיך געהאַט אַ שפע פון ניואַנסן און גאַמעס.

די מענטשלעכע מאַכטלאָזיקייט האָט אין פּוילישע יידן געוויזן דאָס געשטאַלט פון אירע מענטשן ווי אַזוי זיי קוקן אויס אין פייערלעכן און אין גראָטעסקן, אין שטאַרקייטן און אין שוואַכקייטן, אין אַסקעזע און אין תאוה. ווי זיי קוקן אויס אין די וועלטן פון אויבן אין גייסט און אין די וועלטן פון אונטן אין גופישער ליידנשאַפט. עס איז געווען אַן עקספּערימענטאַלער אויפטו פון דער מענטשלעכער געשיכטע צו ווייזן דאָס שבט פון דער מאַכטלאָזיקייט אין די פולקומענקייטן פון אַ סטיל און אין דער עשרות פון גופישער און נשמהדיקער ניואַנסירטקייט.

דאָס פאַרשידנאַרטיקע יידישע לעבן אין פּוילן איז אין תוך געווען צוזאַמענגעבונדן אין דעם סטיל פון אַן א י י נ ס, אין סטיל פון אַ רזא־דיחידא — וואָרים וואָס איז סטיל אויב נישט די איינהייט אין דעם פאַרשידנאַרטיקן? אויך דער אידעאַליסטישער טעמפּעראַמענט וואָס האָט נביאיש און צוקונפטיק געברענט אין די פּוילישע יידן איז פאַרבליבן ביי אַן איינהייטלעכן קולטור־נוסח און ביי אַן איינהייטלעך וועלט־געמיט, — נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע און קעגנזעצלעכע פאָרמען פון דער יידישער מחשבה פון פּוילישע יידן.

די קאַמפן צווישן זיך האָבן פּוילישע יידן געפירט שאַרף און פאַרביטערט. דאָס אַלטע דור האָט ליב געהאַט צו פירן מחלוקתן איבער יעדער קלייניקייט. אַפילו איבער אַ שוחט ערגעץ אין אַ שטעטל האָט מען צווישן זיך ביטער געקעמפט. אין דער נייער צייט זענען געקומען די מאָדערנע אידעען וואָס די יידישע ליטע־

ראַטור בראש מיט פּרצן און דער יידישער סאָציאַליזם בראש מיטן „בונד" האָבן אַריינגעטראָגן אין דער מאַסע פון פּוילישע יידן און דאָרט אויפגעגראָבן נייע קוואַלן פון שעפערישער יידישער שפע. די קאַמפן און ווידעראַנאַנדן צווישן די אַלטע און נייע דורות פון פּוילישע יידן האָבן אויפגעשטורעמט ווי די שטורעם-ווינטן אין אַן אַלטן שמעקענדיקן וואַלד. שוין ווי זיי זענען געשטאַנען מיט זייערע פּיס אויף די אָפּגרונטן פון לעצטן אומקום האָט די נאַציאָנאַלע מחשבה פון יידישן פאָלק אין זיי געפלאַקערט ווי אַ נביאיש פייער. און עס האָט אויסגעקוקט: נישט זיי זענען אָנגעקומען צו זייערע לעצטע טעג, נייערט זיי הייבן ערשט אָן דעם יידישן וועג אין דער וועלט.

אין טיפן תוך איז עס געווען די גאַנצקייט פון אַ היסטאָרישער ו ו ע ל ט - א י י נ ס אין דעם געמיט פון יידן אויף דער פּוילישער ערד. תורה און חסידות, פּרצישע שבת-יום-טובדיקייט און דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער-קלאַס אונטער די פענער פון „בונד" — אַט די אַלע טעזעס און אַנטיטעזעס זענען געווען נייערט די גאָלדענע פּרוכטן פון אַ ליכטיקן עץ-החיים. אַ בוים פון אַן אייביקן און איידל-שיינעם מענטשלעכן לעבן. און ער האָט געהאַט אַלע אידעאַלע אַמביציעס צו לייכטן איבער גאָר דער וועלט.

קאַפּיטל איינס

דאָס אַקער־אײַזן פון דער צייט גייט אַדורך איבער דעם גזשיבאָוו. די פּריוועסעס ווערן יורדים. אַ פעלד־בלימל וואַקסט ווי אַ חוזק אויף דער אַמאָליקער שפע.

זייער אַ טראַגיש שוישפּיל פון שאָטן און פאַרגענגלעכקייט איז געווען דער נאָך־מלחמהדיקער גורל פון דער משפחה פּריוועס.

די פּריוועסעס זענען געווען ווי אַ פעסטער איינגעוואָרצלטער בוים אין דער אַלטער תקופה. אַ בוים מיט אַ ברייטן שטאַם, מיט צווייגן און בלעטער און מיט זינגענדיקע פייגעלעך, אַ בוים וואָס איז שפּעדיק געוואַקסן אין דער פאַרגאַנגענער תקופה פון יידן אין פּוילן. עס איז זיך עפּעס נישט מעגלעך געווען פאַרצושטעלן דאָס חסידישע וואַרשע אָן דעם גאָלדענעם עול פון די פּריוועסעס. ווען די שטורעם־ווינטן פון דער צייט האָבן דעם דאָזיקן בוים אַ ריס־אויס געטאָן מיט זיינע וואָרצלען האָט זיין פאַלן געטאָן אַ קלאַפּ־אָפּ ווי דער האַמער פון אַ שיקזאַל. מען האָט בפירוש געזען אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין דויערהאַפטיקייט. אַלצדינג בייט זיך און אַלצדינג מוז פאַרגיין. אין וואַרשע און אויפן גזשיבאָוו מוז אויך אַדורכגיין דאָס שניידיקע און שאַרפע אַקער־אײַזן פון דער צייט. אַפילו אויפן אַלטן גזשיבאָוו מוז זיך אָנהייבן דער באַרג־אַרויף פון די נייע און די אויפגעקומענע — און די פּריוועסעס מוזן ווערן די יורדים.

די ירידה פון די פּריוועסעס האָט דערמאָנט אין דער ירידה פון קיניג ליר. זיי האָבן אויך נישט געקאָנט באַנעמען וואָס די צייט האָט מיט זיי געמאַכט און נישט דערקענט מער די וועלט. עס איז טאַקע געווען אַ ירידה וואָס איז געקומען פון דרויסן, פון דער אַנטוויקלונג פון די אומשטענדן —

די צייט האָט זיך מיישב געווען און די פּריוועסעס אויסגעטאָן די שיינע קאַפּאָטע פון גבירישן יחוס. אָבער עס איז ביי זיי אויך געווען — און אפשר דער עיקר — אַן אינערלעכע פּסיכאָלאָגישע ירידה.

פאַר דעם אויסערלעכן שיקזאַל — ביי זיי האָט עס געהייסן אַ טרויעריק שפּיצל פון דער צייט — האָבן די פּריוועסעס ווילנדיק צי נישט ווילנדיק געמוזט בויגן די קעפּ. וואָס קאָן מען טאָן ווען עס דונערט און בליצט אין די הימלען און אויף דער וועלט יאָגט אַן אַ פינצטער געוויטער? אָבער די אינערלעכע ירידה, דאָס הייסט, אַז אין פּוילן גילט שוין נישט מער אַ פּריוועס ווי אַ פּריוועס און מען האָט זיי אַלעמען אין טראַק? צו דעם דאָזיקן אומפאַרשטענדלעכן געדאַנק האָט זיך — איבערהויפּט דאָס עלטערע דור פון די פּריוועסעס — נישט געקאָנט צוגעוויינען. האָט מען גענומען און צוגעמאַכט די אויגן און זיך ווייטער כלומרשט נוהג געווען כמקדם. מען האָט כלומרשט געפּרואווט זיך צו בלאָזן און כלומרשט ווייטער צו קוקן אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ. אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן און קיינער האָט זיך מער נישט געדאגהט ווי די פּריוועסעס קוקן. די אַמאָליקע מקורבים וואָס האָבן נאָך געדענקט ר׳ ישעיהן און זיין מלכות זענען ס׳רוב אויס־געשטאָרבן אין די מלחמה־יאָרן. די עטלעכע מקורבים וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן ווי זאַנגען נאָכן שניט, זענען געווען נייערט ווי שאָטנס און זיך אויך געפילט שפּל מיט דער ירידה פון די פּריוועסעס.

באמת — ס׳איז זיך נישט געווען מיט וואָס איבערצונעמען. דער גזשיבאָוו האָט שוין מער נישט געהילכט מיט דעם אומאויפהערלעכן אייזן־געהאַמער וואָס האָט זיך במשך דורות געהערט פון די הייף פון די פּרי־וועסעס. אויב עס האָט געהאַמערט אויפן גזשיבאָוו איז עס געווען אויף אַנדערע הייף. אין דער אייזן־בראַנזשע זיינען דאָרט אויסגעוואַקסן יידן וואָס פאַר דער מלחמה וואָלטן די פּריוועסעס זיי קיינמאָל נישט געענטפערט גוט־שבת.

אויפן הויף פון די פּריוועסעס האָט אויסגעקוקט תשעה־באָב. וואו עס זענען אַמאָל געלעגן די בערג מיט אייזערנע בעלקעס — וואַקסט גראָז. פרילינג־צייט וואַקסט דאָרט אַפילו אַמאָל אַן איינזאַם פעלד־בלימל, און דאָס פעלד־בלימל וואַקסט ווי אַ חוזק און ווי אַן אָנזאָג, אַז דער אַלטער שטערן וועט שוין קיינמאָל מער נישט צוריק אויפלויכטן. די פּריוועסעס

מעגן זיך שוין פאַרשרייבן צווישן די אָרעמעלייט. אַנדערע יידן, נייע, נאָך־מלחמהדיקע „פּני״, וועלן זיך אַוועקשטעלן אויף דער מזרח־וואַנט.

דאָס זעלביקע טרויעריקע חורבן־בילד האָט זיך געזען אין די גרויסע פּריוועסישע אייזן־סקלאַדעס וואָס במשך לאַנגע, לאַנגע יאָרן זענען זיי פול געווען מיט שפע און פוילן האָט דערציילט פון זיי לעגענדעס. פון די רייכטימער פון אייזן איז פאַרבליבן נישט מער ווי דער זויערער פאַר־דומפּעצטער ריח וואָס קיין שום נייע תקופה האָט נישט באַוויזן אים אַרויס־צוטרייבן. אויף די ווענט האָט זיך באַוויזן אַן אַנדערע שפע, אַ שפע פון פוסטקייט און חורבן, נעמלעך, גאַנצע פלאַכטעס מיט שפּינוועבס. אין די פאַרדומפּעצטע פינצטערנישן האָט מען געהערט דאָס פייפן און הושען פון מייז און שטשורעס.

קאַפּיטל צוויי

דריי שאָטנס מיטן וועלט־חורבן אויפן שטערן.
די וועלט האָט דעם זכרון פון אַ קאַץ. עמך שער און
אייזן. דאָס בן־זקונימל פון פּוילן. איטשע אַבראַמאָ־
וויטש לאַכט אין די פויסטן. גיי און ווייס צי נפתלי
פּריוועס שטייט מיטן פּיטום אַרויף.

ווי מיר ווייסן, זענען אַמאָל געווען זעקס באַרימטע ברידער פּריוועס, — זעקס זין פון ר׳ ישעיהן וואָס אַלע אַמאָליקע גבירים אין פּוילן האָבן געגאַרט זיך מיט זיי משדך צו זיין.

צו זען די ביטערע צייט וואָס איז געקומען, זענען פון די זעקס איבער־געבליבן נישט מער ווי דריי.

די איבעריקע דריי האָבן נאָך געהאַט דאָס גליק נישט צו זען דאָס לצים־שפּיל וואָס די וועלט האָט אָנגעהויבן צו טרייבן, — אַ ביטער חוזק־שפּיל וואָס הייסט: גורל. זיי האָבן זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן אַהין אויף דער בעסערער וועלט. זיי זענען איצט געלעגן אין דריי קברים פון די זעקס וואָס האָבן אַרומגערינגלט — ווי אַ קרייז פון דער אייביקייט פון די פּריוועסעס אין דעם אַלטן פּוילן — דאָס קבר פון ר׳ ישעיה פּריוועס.

די דריי וואָס זענען איבערגעבליבן איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. זיי זענען געווען די אמת־טראַגישע פיגורן פון מיוחסדיקע יורדים.

די יינגערע פּריוועסעס — דאָס דריטע דור נאָך ר׳ ישעיהן — זענען ס׳רוב געווען בויגעוודיקער און האָבן גיכער געקאָנט בייטן די מערכה. פּאָרט איז זיי לייכטער אויסגעקומען צו פאַרלאָזן דאָס שיינע, גבירישע העסע־בעט און במחילה אָנהייבן צו מאַרשירן צופוס איבער

דער שאַלקהאַפּטיקער וועלט, אַ וועלט וואָס האָט דעם זכרון פון אַ קאַץ און איז קאַפּאַבל אַלצדינג צו פאַרגעסן. טייל פון זיי זענען אַליין געלאָפן באַרג־אַראָפּ אויף דער שאַרפער שפּוע פון דער צייט. זיי זענען געלאָפן גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען קיין פריוועסעס. טייל — און דאָס איז געווען דאָס פערטע דור — האָבן זיך אַפילו אָנגעהויבן צו פּראָלעטאַריזירן און געפּרואווט טון דאָס, וואָס אַמאָל וואָלט עס אין די אויגן פון אַ פּוילישן ייִד אויסגעקוקט ווי אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט, היינו: אַז אַ פריוועס זאָל זיך אויסלערנען אַ מלאָכה. אָבער עמך, שער און אייזן זענען נאָר געוואָרן די גאָר לעצטע שבלעצטע פון ר׳ ישעיה פריוועסעס איי־ניקלעך. זיי האָבן שוין צומאָל נישט געפילט אַז זיי זענען יורדים.

אַ טייל פון די ייִנגערע פריוועסעס האָבן טאַקע אויסגעטאָן דאָס אַלטע שעם־היטל. דערפאַר האָבן זיי געוואָלט זיך אַרויפכאַפּן אויף דער נייער קאַרוסעלע פון דער תקופה. זיי האָבן חשק באַקומען אויך אָפּצולעקן פון די גאָלדענע ביינדלעך וואָס די משוגענע נאָך־מלחמהדיקע צייט וואַרפט אויף די ווינטן. זי פרעגט נישט קיין יחוס ביי דעם וואָס וויל כאַפּן.

אָבער פון די דריי גרויסע איבערגעבליבענע ברידער פריוועס — — די לייבלעכע שאָטנס פון דעם אונטערגעגאַנגענעם אַמאָל — האָט אַראָפּגעשריען די אונטערגעגאַנגענע וועלט. זיי האָבן געטראָגן אירע שאַרבנס אויפן קאָפּ און איר האָפענונגסלאָזן אומעט אויפן פּנים. ווען זיי זענען אַמאָל געגאַנגען אויפן גזשיבאָוו און געהערט ווי פון אַנדערע הייף אַרויס הערט מען האַמערן אייזן און דער הויף פון די פריוועסעס איז שטום ווי אַ שבת־שבתון, האָבן זיי געטראַכט: משמעות האָט זיך דער גאַנצער אַמאָליקער גזשיבאָוו אַוועקגעלייגט אויפן גענשער בית־עלמין. וואו מען הייבט אויף די אויגן זעט מען נייע פאַרהאַוועטע פּנימער. קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום, אויף די דריי זין פון ר׳ ישעיה פריוועס. קיינער טראָגט זיי נישט אונטער דעם הכנעהדיקן גוט־מאָרגן.

איעדער איינער פון די דריי ברידער האָט אויף אַן אַנדער אופן געטראָגן אויף זיך דאָס אבלות פון דער וועלט און דאָס בילד פון דעם חורבן פון די פריוועסעס. און דאָס וועדליק דער עלטער. דער ייִנגסטער, ר׳ ישעיה פריוועסעס בן־זקונימל, איטשע־מאיר, וואָס האָט זיך אַליין פאַר־פּיעשטשעט און האָט תמיד געמיינט, אַז ער איז אויך דאָס בן זקונימל פון

פוילישע יידן — ער האָט, אַזוי צו זאָגן, די קאַטאַסטראָפּע אַריבערגע־טראָגן צום לייכטסטן. ער איז געווען דער ייִנגערער און ממילא דער טעמפּעראַמענטפולסטער פון אַלע דריי.

ער איז געווען אַ היפּשע מנחם־מענדלישע נאַטור און האָט געהאַט אַ בלינדן בטחון אין דעם ליכט פון דער וועלט, און דאָס מיינט נישט עפּעס אַנדערש ווי אין דעם ליכט פון די פּריוועסעס. אין אַ שיינעם טאָג — האָט איטשע־מאיר געחלומט אויף דער וואָך — וועט פּאַרט ר׳ ישעיה פּריוועס אויפשטיין פון זיין קבר אויפן גענשער בית־עלמין און ער וועט צוריקקומען אויפן גזשיבאָוו און מאַכן „פּאַראַנדעק״. יידן וועלן זיך פון דאָס ניי דערמאָנען וואָס עס הייסט אַזוינס אַ פּריוועס און וועלן צוריק אַרונטערנעמען די היטלען און אָפּגעבן דעם שיינעם גוט־מאָרגן. אַ וועלט איז פּאַרט נישט הפקר — האָט דאָס בן־ זקונימל איטשע־מאיר געטראַכט אין די ביטערסטע שעהן. און אויב די וועלט איז פּאַרט הפקר און אַלצדינג האָט זיך פאַר די פּריוועסעס אויסגעלאָזט ווי די ווינטן אויף דער ווייסל, איז אפשר דאַרף מען טאַקע זיך איבערדרייען די קאַפּאָטע מיטן אָרע־מאַנסקן אויף אַרויף? אפשר איז גאָר בעסער אַלצדינג צו פאַרגעסן? אפשר דאַרף מען נעמען די נאָז אין דער האַנט אַריין און אויך פּרואוון אַ שמעק צו טאָן צו דער נייער וועלט?

שמעקן איז געווען צו וואָס. איטשע־מאיר פּריוועס האָט עס באַ־שיימפּערלעך געזען מיט זיינעביידע אויגן.

נישט בלויז די אַמאָליקע קליינע מענטשעלעך האָבן היינט עולה־לגדולה געווען. איטשע אַבראַמאָוויטש, דער לייבלעכער בכור פון אברהם פּריוועס, עליו השלום, האָט זיך געעפנט מיקלאָמפּערשט אַ שטילע און באַשיידענע קראָם פון בלעך. די קראָם איז טאַקע אין די הייזער פון די פּריוועסעס און טאַקע אויפן גזשיבאָוו. קינד און קייט ווייסן, אַז אין די טונקלנישן פון הצנע־לכת — אין וועלכע איטשע אַבראַמאָוויטש האָט ליב צו גיין זיין וועג — בעט ער זיך פּעט אַרום מיט די היינטיקע גליקן. יידן זאָגן, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט ער צעשפּרייטן די פליגלען און אַרויספליען אויפן גזשיבאָוו ווי אַ היינט־צייטיקער ניי־געבאַקענער פּרי־וועס. איטשע אַבראַמאָוויטש איז געגוג קלוג אָפּצושטויבן פון זיך די אַמאָליקע צייטן. ער לאַכט שטיל אין די פּויסטן פון די שאָטנס פון די

איבערגעבליבענע דריי גרויסע פעטערס וואָס דרייען זיך נאָך אַרום אויפן גזשיבאָוו.

דאָס בן־זקונימל איטשע־מאיר איז אַליין טאַקע געווען איינער פון די דריי גרויסע שאָטנס. עפנטלעך האָט ער אַפילו פאַרלייקנט דאָס אמת־פריוועסישע פון איטשע אַבראַמאָוויטשן. אין האַרצן אָבער האָט ער אים ביטער מקנא געווען און וואָלט אויך געוואָלט נאָכטאָן און אַראָפּשפּרינגען פון דער אַלטער צעבראָכענער קאָטש.

דער צווייטער זון פון אברהם פריוועס — נפתלי מיטן נאָמען — האָט זיך גאָר אַרויפגעכאַפּט אויפן נאָך־מלחמהדיקן אויבנאָן און קלינגט מיט אַלע גלאָקן. נישט געקוקט דערויף וואָס די פריוועסעס זענען יורדים און קיינער רעדט מער נישט פון זיי אין פוילן — רעדט מען אָבער פון נפתלי פריוועס. די אויפגעקומענע נעמען פאַר אים אַראָפּ דאָס היטל. און ער ווייסט ווי צו מישן דעם אַלטן ווייַן אין די נייע געפעסן. אָבער ער שטופּט פאָרויס נאָר זיך אַליין. אויף די איבעריקע פריוועסעס קוקט ער אויך ווי אויף יורדים און גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען די סמעטענע. נפתלין שטייט בעסער אָן צו שפּילן די ראָל פון אַן אויפגעקומענעם און נישט ווי דאָס פלייש פון דעם פלייש פון די פריוועסעס. ווי עס זעט זיך אויס, לוינט זיך גאָר נישט פאַר נפתלין זיך צופיל צו יחסנען מיט דעם געוועזענעם. ער וויל זיין פון די אָנהייבער אין דער איצטיקער וועלט און ער הייבט טאַקע אָן, אַז עס שווינדלט פאַר די אויגן. ער דרייט דעם גרויסן ספּאָדיק — נאָר קיינער ווייסט נישט צי דער ספּאָדיק איז פול מיט שפּע, צי נפתלי שפּילט בלויז מיט ווינט און מיט שראַגע. אַ סך יידן זאָגן, אַז ער שטייט מיטן פּיטום אַרויף און אַ סך יידן זאָגן: לאַ מיט אַן אַלף. דער גאַנצער נפתלי שטייט מיטן פּיטום אַראָפּ. איי ער וואוינט אין פּאַלאַצן? זענען טאַקע די פּאַלאַצן נישט מער ווי הוילער שפּינוועבס.

אַט דער שטילער איטשע אַבראַמאָוויטש — זאָגן יידן — אַט דער וואָס זיצט און שוויגט הצנע־לכתדיק אין זיין באַשיידענער בלעך־קראָם — ער שעפּט יאָ די זשמעניע. איר וועט זען — זאָגן יידן — אַז פוילן וועט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפשטיין און זיך רייבן די אויגן. אַ נייער פריוועס וועט נעמען און אַרויסקריכן פון גאָלדענע אייער־שאָלן.

דאָס זעלביקע האָט אויך געטראַכט וועגן איטשע אַבראַמאָוויטשן

דאָס אָפּגעקומענע בן־זקונימל פון ר׳ ישעיה פּריוועסן. לפנים אין מענטשנס אויגן האָט ער, איטשע־מאיר, מיטגעזיפצט מיט די דריי שאָטנס פון דעם אַמאָליקן, אָבער אין זיינע באַהאַלטענע געדאַנקען אויף דער וואַך און אין זיינע חלומות אין שלאָף וואָלט ער זיך גערן געוואָלט אָפּטשעפּען פון דעם טראַגישן שיקזאַל וועלכן די פּריוועסעס האָבן אַרומגעטראָגן מיט אַזוי פיל עצבות. ער וואָלט אויך קאַפּאַבל געווען אַ שווים צו טאָן אין די נייע וואַסערן.

האָט ער אָבער גאָר נישט באַוויזן צו טאָן. קינדער האָט ער געהאַט אַ סך. ביי דער עלטסטער טאָכטער, פראַניע, זענען אים צומאָל נישט אָנגעשטאַנען די ראַדאָמישלער האָרנשטיינס און ער האָט דווקא געוואָלט האָבן די באַרימטע מרגליותעס פאַר מחותנים. דאָס רעדעלע האָט זיך אָבער שטאַרק אַ דריי געטון. פאַר זיינע יינגסטע טעכטער האָט ער געזוכט מחותנים דווקא אין דעם בסתר המדריגה פון דער נייער וועלט, און טאַקע צווישן די אויפגעקומענסטע פון די אויפגעקומענע. נישקשה, — אין פּוילן האָבן זיך נאָך געפונען אַמאָליקע אַרעמעלייט און היינטיקע גבירים וואָס האָבן געוואָלט האָבן אין זייער פאַרמעגן אָפּגעבראָכענע בעלקעס פון דער אַלטער שיף פון די באַרימטע פּריוועסעס.

קאַפּיטל דריי

דער אָפּגעקומענער לייב. אַדרבה! זאָל ער נאָר
פּרואוון מיר זאָגן גוט־שבת. סילענטיום! אויף דער
וועלט הערשט דאָס גרויסע שווייגעניש און די אַלטע
זייגערס קלאַפּן.

מאַך צו די אויגן, טאַכטער פון די פלאַנסקער
צמחס! צירעלע פּריוועס קוקט מיטן גאָלדענעם לאָרניאָן
אויף איר מאַן אלעזר.

דער מיטלסטער צווישן די דריי איבערגעבליבענע ברידער איז געווען מענדל פּריוועס. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער בטלן, דער למדן און דער גמרא ייד.

אים האָבן די נייע צייטן סתם גענומען און פּריטשמעליעט און גע־געבן מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ. ער האָט עס בכלל נישט געקאָנט גוט צעקייען. וואָס הייסט עס? מען איז געקומען און געמאַכט די פּריוועסעס פאַר אויס פּריוועסעס? ער האָט נעבעך געצאַנקט ווי אַ ליכט און אויס־געגאַנגען אין שטילער פאַרגעסנקייט. פון אים איז פאַראַן קנאַפּ־וואָס צו דערציילן. וואָס איז דאָ צו רעדן פון דער שטילער האָלאָוועשקע וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער וועלט־שרפה? אים אָנצוקוקן צווישן די דריי איז פּשוט געווען דאָס סאַמע ביטערסטע רחמנות.

דער אייגנטלעכער העלד פון דער טראַגעדיע איז געווען דער אַמאָ־ליקער ליבלינג פון ר׳ ישעיה פּריוועס, דער לייב צווישן די אַמאָליקע זעקס ברידער — אלעזר פּריוועס.

אויף אים איז אָנגעפאַלן די זיקנה מיט אַזאַ אימפּעט — גלייך ווי זי

וואָלט אויך וועלן צוהעלפן אַרויסצוברענגען די ירידה פון די פּריוועסעס. די זיקנה האָט עס אָבער געמאַכט כמעט מיט מער ציניזם ווי די צייט. אויסערלעך איז כלומרשט אַלצדינג אויף אלעזר פּריוועסן פאַרבליבן ווי אין דער שיינער אַמאָליקייט. עס זענען ביי אים פאַרבליבן די שיינע צעקעמטע באָרד, דער רחבותדיקער בויך, די ווייכע פליישיקע גבירישע נאָז, די גראָע שטאָלענע אויגן וואָס האָבן גאַווהדיק אַרויסגעגלאַנצט דורך גרויסע גאָלדענע ברילן. אַלצדינג איז אויף אים געבליבן כמקדם — ווי פריער. ס'האָט זיך אָפילו געקאָנט אויסדוכטן: ווען אין די היינטיקע ביטערע צייטן זאָל זיך נאָך געפינען אַ ייד אַ בעלן, און זאָגן אלעזר פּריי־וועסן גוט־שבת — מעג ער, דער ייד, זיכער זיין ווי דער טאָג אַז ער וועט נישט באַקומען קיין ענטפער.

אַזוי האָט זיך טאַקע געקאָנט אויסדוכטן ווען מען האָט געטראָפן אלעזר פּריוועסן אויפן גזשיבאָוו. געגאַנגען איז ער נישט ווייט פון די ווענט פון די הייזער פון די פּריוועסעס. זיי זענען געשטאַנען אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע און מחמת דעם לאָקאַטאָרן־דעקרעט האָבן זיי געטראָגן נישט מער ווי גראָשנס דירה־געלט.

האָט מען זיך אָבער נעענטער צוגעקוקט צו דעם אַמאָליקן לייב פון די פּריוועסעס — האָט מען געזען ווי דער שיקזאַל האָט גענומען די אַמאָליקע שטאָלצע גבירישע געשטאַלט און זי איבערגעדרייט אויף אַ חוזק. די באַקן זענען נאָך ביי אלעזר פּריוועסן געווען פולע און קיילעכדיקע — אָבער בלאַסע ווי אַלט אָפּגעשטאַנענע טייג. דער בויך איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַן אָנגעבלאָזענער ליידיקער זאַק. די גרויע שיינע באָרד האָט אויס־געקוקט ווי אָפּגעלאָזן און פאַרוויאַנעט. אלעזר פּריוועס איז געגאַנגען פּאַמעלעך. די שוואַכע פיס האָבן אים שווער געטראָגן. דער קאָלנער פון זיין פּאַלטן אָדער פּעלץ איז ביי אים געווען פּריציש אויפגעשטעלט. מיט זיינע שאַרפע און ווי שטאָלענע אויגן האָט ער דורך די גאָלדענע ברילן געקוקט אויפן גזשיבאָוו. ער האָט אים נישט דערקענט. אַמאָל האָט ער שאַרף אָנגעקוקט אַ ייד וואָס איז פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען, און ביי זיך געטראַכט: לאָז ער נאָר פּרוואָוון מיר זאָגן גוט־שבת.

סיידן ביי זיך אין דער היים — אין דער אַלטער דירה אויפן גזשיבאָוו נומער צען — האָט אלעזר פּריוועס געקאָנט פאַרגעסן וואָס עס טוט זיך

דרויסן אין וואַרשע און אויפן גזשיבאָוו. דאָ האָט זיך אים טאַקע געקאָנט אויסדוכטן, אַז די ווייזערס אויף זיינע אַלטע פּריצישע זייגערס רוקן זיך נישט. זיי האַלטן אָן די צייט און הייסן זי שטיין. די יאָרן זענען נישט פאַרלאָפן און די פּריוועסעס זענען זענען ווייטער די אַלטע פּריוועסעס פון אַמאָל.

ביי אלעזר פּריוועסן אין דירה האָבן די אַלטע אַמאָליקע זייגערס הייזעריק און שווער געקלאַפּט אין די שטילע טונקעלע חדרים. צוועלף ביינאַכט — אלעזר פּריוועס האָט געהאַט אַ סך שלאָפלאָזע נעכט און ער האָט דעמאָלט ביטער געקרעכצט אין זיינע טייערע וועבענע קישנס — האָט ער געהערט ווי דער עלטסטער זייגער צווישן זיינע זייגערס — דער זייגער וואָס צירעלע פּריוועס האָט גענומען בירושה פון די גיטער פון די פלאָנסקער צמחס — אָט דער זייגער צעשפּילט זיך אין חצות. ער שפּילט אַ פאַר־צייטישן פּוילישן „קוראַנט״. ער קלינגט צו אלעזר פּריוועסן אין שלאָף־שטוב אַריין און ווי ער וואָלט געוווען געזאָגט: סילענטיום! אויף דער וועלט הערשט דאָס גרויסע שווייגעניש און עס איז אַלצדינג פּונקט אויף דער האָר ווי אַמאָל. די נייע צייטן זענען נישט מער ווי אַ בייזער פינצ־טערער חלום . . .

צירעלע פּריוועס איז געווען די איינציקע פון די אַלטע פּריוועסעס וואָס האָט געטראָגן הויך דעם קאָפּ און נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע הכנעה פאַר דער נייער וועלט. זי איז פאַרבליבן די איינציקע וואָס האָט זיך אויפגעפירט גלייך ווי עס וואָלט גאָר נישט געווען געשען און דער יחוס פון דער חשובער משפחה האָט זיך נישט געמינערט אויף אַ האָרעלע. אמת — איצט איז זי געווען רואיקער און מער נישט געשפּונען די קאָמ־פּליצירטע משפחה־פּאָליטיק, אַזוי ווי עס וואָלט געווען געפּאַסט פאַר אַ טאָכטער פון די פלאָנסקער צמחס און פאַר דער אויבער־שנור פון ר׳ ישעיה פּריוועסן. ראשית — איז נישט געווען מיט וועמען. אַלע אירע פאַרטנער־קעס — ר׳ ישעיה פּריוועסעס אַנדערע שנורן — ליגן שוין אויפן גענשער בית־עלמין. ס׳איז נישטאָ צו וועמען צו גיין „גוט־יום־טוב־ביטן״ — מחמת פון אַלצדינג איז געוואָרן אַ תל. אין די דירות וואו עס האָבן אַמאָל געוואוינט אירע שוועגערינס, דירות וואו צירעלעס פוס האָט באַטראָטן נייערט ווערדליך ווי עס האָט איר דיקטירט איר הויף־פּאָליטיק — אין די דאָזיקע דירות וואוינען היינט ווילד־פרעמדע יידן. יידן פון די אויפגע־

קומענע. פאַר צירעלען זענען זיי פאַרבליבן די אַמאָליקע קליינע נאָמענ־לאָזע יידן — הגם וואַרשע און פוילן קלינגט היינט מיט זיי ווי מיט גלאָקן, און וועגן די פּריוועסעס איז איבער פוילן אַ שווייגעניש.

צירעלע האָט שוין אָבער נישט געהאַט איר אַמאָליקן טעמפּעראַ־מענט. זי איז שוין מער נישט אויפגעברויזט געוואָרן ביי דער מינדסטער קלייניקייט. זי איז געוואָרן רואיק און קאַלט ווי אַ שטיק מאַרמאָר. זי איז געוואָרן אַלט. די אַמאָליקע שיינקייט איז איר געלעגן אויפן פּנים ווי אַ פאַרוויאַנעטע בלום. זי איז געוואָרן גראָ און קאַלט־דיסטינגירט ווי אַ מאַטראָנע וואָס האָט שוין הינטער זיך אַלע שטורעמס פון לעבן. אַ מאַטראָנע וואָס האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ ווייסן מאַרמאָרנעם פּאָטעל — בלויז כּדי צו זיצן און צו דערמאָנען זיך. צוקוקן זיך נעענטער צו די נייע דורות האָט צירעלע נישט געוואָלט. צו וואָס? סילעטנטיום — און די אַלטע זייגערס קלאַפּן. עס איז ממש צו שמייכלען פון ביטערניש און אַנטוישונג ווי די וועלט איז ווי אַ קאַץ וואָס קאָן אַלצדינג פאַרגעסן. און געשווינד פאַרגעסן. מאַך צו די אויגן, טאַכטער פון די פּלאָנסקער צמחס, און לעב נייערט אין דער אַמאָליקייט!

פּונקט ווי אַמאָל זענען אין אירע שטובן געלעגן די טיפע שטילע טעפּיכער וואָס האָבן געשוויגן ווי וואַרעמע אייביקייטן. טעפּיכער, וואָס האָבן איינגעשלונגען אין זיך יעדן טריט. איבער אירע פענצטער אויפן גזשיבאָוו אַרויס האָבן געהאַנגען די טונקעלע בראָקאַטן וואָס האָבן גוט אַדורכגעזיפּט דאָס ליכט פון דרויסן ביז עס האָט געקאָנט אַריינקומען אין צירעלעס שטוב. פון די סופיטן אַראָפּ האָבן געהאַנגען די אַלטע קופּערנע הענג־לייכטער. הענגלייכטער, וואָס האָבן נאָך געהאַנגען אין פּריצישן הויף פון די צמחס און צירעלע האָט זיי באַקומען בירושה. אין די קופּערנע הענג־לייכטער האָבן נאָך געשטעקט האַלב־אויסגעברענטע וואַק־סענע ליכט. די ליכט זענען אויך נאָך געווען פון פּלאָנסקער הויף.

דאָ אין איר דירה האָט צירעלע אָפּגעהיט די אַלטע וועלט ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי האָט געהאַלטן די צייט פאַר די פּאָלעס און זי נישט געלאָזט אַנטלויפן.

אלעזר פּריוועס — ווען ער איז צוריק אַרויפגעקומען אַהיים פון דעם דרויסן אויפן גזשיבאָוו — האָט דאָ אַלצדינג געקאָנט פאַרגעסן וואָס ער

האָט געזען. די זיקנה האָט זיך פון אים דאָ אָפּגעטאָן. ער האָט ווי פון דאָס ניי אויפגעלעבט אין די טונקעלע גבירישע שטילקייטן פון צירעלעס דירה. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַן אַלטן ווייכן פאָטעל אַקעגנ־איבער צירעלען און אויף איר געקוקט דורך זיינע גאָלדענע ברילן. זי איז אויך געזעסן אין אַ פאָטעל. געזעסן אין איר גראָ פריזירט שייטל. זי איז געווען אָנגעטון לויט דער אַלטער מאָדע, אין אַ טונקל־זיידן קלייד מיט טייערע בעלגישע שפּיצן. זי האָט קאַלט געשוויגן און געקוקט אויף אלעזרן דורך איר גאָלדענעם לאָרניאָן.

גלייך ווי אַמאָל איז אויך איצט שווער געווען אַריינצוקומען צו אלעזרן אין דירה. עס האָט ווייטער געגאָלטן דער באַפעל: מען זאָל גוט נאָכפרעגן און נאָכפאָרשן הינטער דער טיר, ווער עס קלאַפּט. מען זאָל אַרויסקוקן דורכן טיר־לעכל און זען ווער עס איז דער פאַרשוין. כמקדם איז חל געווען אָט דער שטרענגער ריגאָר פאַר פרעמדע יידן וואָס ווילן אַריינקומען צו צירעלען אין דירה און טרעטן אויף אירע וואַרעמע און שווייגנדיקע טעפּיכער. איצטער איז אָבער דער ריגאָר געווען נישט מער ווי הוילע טעאָריע. פרעמדע יידן האָבן מער נישט אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר. ס'איז נישט געווען צו וואָס. אויך צירעלעס טיר האָט זיך אָנגענומען מיט שווייגעניש. דאָס עלעקטרישע גלעקל ביי איר איז אויך אַנטשטומט געוואָרן און זיך באַהאַלטן אין דער נאַכט פון פאַרגעסן. ווען מען וואָלט זיך געוואָלט אויסדריקן מיט אַ ביבלישער מליצה, וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן: די וועגן אַהין זענען געווען פאַרוואַקסן מיט גראָז.

קאַפּיטל פיר

צירעלע פּריוועס זיצט אין די טונקלענישן און מעניע דערציילט איר נייעסן פון דער וועלט. מ׳שטיינס געזאָגט היינטיקע מיליאָנען. האָסט געהערט פון „בונד״, מאַמע? שוסטערס צעזעצן זיך אויף די ערפּורכטיקע בענקלעך פון דער גמינע. צירעלע שאָקלט מיטן מאַטראָנע־קאָפּ און עס קלאַפּט דער אַלטער פלאַנסקער זייגער.

ביי איר קאַלטער שוויגעניש און ביי איר פאַרביטערטן שטאָלץ האָט צירעלע פּריוועס פּאָרט נישט פאַרלוירן דאָס שאַרפקייט פון אירע אויערן. אַמאָל, אין די פאַרצייטישע יאָרן, האָט זי מיט זיי אויפגעהאָרכט יעדעס פּיצל וואָס עס טוט זיך אין די הייזער פון די גרויסע פּריוועסעס און ביי זייערע ווייבער. אָט פון די איידעלע אַריינשעפּטשענישן פון אירע אויערן האָט זי אין יענע אַמאָלן אויסגעשפּונען די קונציקע און ראַפינירטע נעצן פון איר הויף־פּאָליטיק און הויף־אינטריגעס. צירעלע האָט עס געהאַלטן פאַר אַ וועלט־געבאָט צו בלייבן די אויבערשנור ביי ר׳ ישעיה פּריוועס. די אויערן האָבן איר אַלצדינג צוגעטראָגן — און זי האָט מיט קלוגער זיכערקייט געוואוסט עס אויסצונוצן פאַר איר שטאָלץ און פאַר איר מאַכט.

היינט האָבן די צייטן זיך געביטן. זי זיצט טאָקע אין אירע אַלטמאָדישע קליידער אויפן פאָטעל ווי אַ שווייגנדיקע מאַטראָנע, אַרום איר שווייגן אויך אירע טעפּיכער, די בראָקאָטן איבער אירע פענצטער לאָזן נישט אַריין דאָס ליכט פון דער גאַס, פונדעסטוועגן — ווייסט זי אַלצדינג. הערט זי אַלצדינג, צירעלע פּריוועס. זי איז פאַרבליבן קלוג אויך אין אירע

פאַרביטערטקייטן און אין איר עלטער און זי ווייסט, אַז די צייטן האָבן זיך געביטן און אַז זי איז פאַרבליבן די אוממעכטיקע און האַלט אין דער האַנט נישט מער ווי דעם שאָטן פון דעם שיינעם אַמאָל.

פרעמדע מענטשן האָט זי ווייניק געזען. זי האָט זיי אויך נישט געוואָלט מער אויספרעגן. זי האָט זיך אין האַרצן אָפּגעשלאָסן פון אַלעמען. צו יעדן פרעמדן — מעג ער אויך זיין פון אירע אַמאָליקע חשובים — האָט זי מער נישט געהאַט קיין צוטרוי. אַלעמען האָט זי חושד געווען, אַז זיי האָבן זיך געבראָכן אין די שטורעם־ווינטן פון דער צייט און זענען גרייט אַלצדינג צו פאַרגעסן צוליב די ברעקלעך וואָס מען וואַרפט זיי צו פון די טישן פון די נייע און אויפגעקומענע. אויף אַלעמען האָט זי איצט געקוקט מיט אומ־צוטרוי און מיט פאַראַכטונג און צו זיי גערעדט מיט ווערטער פון ביטער־סטער איראָניע. זי האָט נאָר געעפנט די אויערן ווען איר זון, מעניע פּריוועס, האָט זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט און איר דערציילט וואָס עס טוט זיך אינדרויסן אויף דער וועלט.

צירעלעס זון מעניע איז נאָך פאַרבליבן אַ גייסטיקער יורש פון פּריוועסישן יחוס. פון אים וועט מיר שפּעטער אויסקומען צו דערציילן. אַפילו אין די טעג פון יידישן אומקום אין פוילן האָט ער געוויזן היטלערן ווי אַזוי עס שטאַרבט אַ פּריוועס. מעניע האָט צירעלען געהאַלטן אויפן לויפנדיקן וועגן דעם וואָס עס טוט זיך.

יעדן אָוונט ווען אין וואַרשע איז געוואָרן נאַכט האָט מען אין צירעלעס דירה אָנגעצונדן אַן אַלטן פלאַנסקער הענג־לייכטער. אַ הענג־לייכטער, וואָס מיט יאָרן צוריק האָט מען אים איבערגעאַרבעט אויף עלעקטריש ליכט. מעניע פּריוועס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער מוטער און איר אָנגעהויבן צו דערציילן די נייעסן פון דער איצטיקער וועלט.

זי האָט פון אַלצדינג געוואָלט וויסן. ווער פון די אַלטע גבירים עס איז געשטאָרבן, ווער פון זיי איז געוואָרן אַ מחוסר־לחם און מוז — כדי איבערצולעבן דעם טאָג — פון זיך אַראָפּפאַרקויפן די לעצטע רעשטלעך וואָס זענען אים נאָך געבליבן פון אַמאָליקן. זי האָט געוואָלט וויסן צי עס גילטן נאָך די אַמאָליקע שיינע רוסישע פינף־הונדערטער וואָס האָבן אויס־געקוקט ווי פעסטע אייביקייטן.

מעניע האָט איר געזאָגט, אַז היינט זענען זיי, די רוסישע פינף־הונ־

דערטער, נישט ווערט קיין פרוטה. דאָס נייע מיקלאָמפערשטע געלט, דער פוילישער מאַרק, נעמט אָן דאָס ערפורכטיקע וואָרט — מיליאָן.

צירעלע געדענקט ווי סיי אין פּלאָנסקער הויף און סיי ביי די אַמאָליקע פּריוועסעס איז אַדורכגעגאַנגען אַ ציטער אין בלוט ווען מען האָט געזאָגט: מיליאָן.

— וואָס איז היינט אַ מיליאָן? — פרעגט צירעלע, הגם זי ווייסט גוט וואָס אַ מיליאָן באַטייט אין דער פוילישער וואַלוטע.

— היינט באַקומט אַ מיליאָן מאַרק אַ בעטלערקע וואָס קלאַפּט אָן ביי דער טיר, — האָט מעניע געזאָגט. — פאַר אַ מיליאָן קאָן מען קוים קויפן אַ פּעקל שוועבעלעך.

דאָס געלט האָט תמיד אָפּגעשפּיגלט דאָס מענטשלעכע חשיבות. דאָס געלט טוט עס היינט אויך — אָבער מיט אַ סך פאַרשייטקייט. דאָס דעוואַלואירטע געפאַלענע געלט ווייזט צום בולטסטן דאָס חשיבות פון היינטיקע מענטשן און היינטיקע גבירים.

דער לעצטער קלאַפּ און די לעצטע אַנטשיידונג צירעלעס, — דאָס הייסט איר באַשלוס נישט מער אַ בליק צו טון אויף וואַרשע, — איז געקומען נאָכדעם, ווי מעניע האָט איר דערציילט פון די מעשים־תעתועים אין דער גמינע אויף גזשיבאָווסקע.

לעבן איר אייגענער דירה איז דאָס רויטע הויז אויף גזשיבאָווסקע געווען די פעסטונג פון גבירישן יחוס און שטאַנד. אַמאָל, אין די אַלטע גוטע צייטן האָבן זיך אַרום יענע בענקלעך אָפּגעשפּילט די קאַמפן צווישן די גרעסטע נעמען פון דער אייבערשטער סמעטענע פון יידיש־גבירישן וואַרשע. בלויז צו האָבן דאָרט שטים־רעכט האָט מען געמוזט זיין אַ שיינער נגיד און צאָלן „עטאַט" פּופצן גוטע און פעסטע צאַרישע רובל. דאָרט זענען געזעסן די גרעסטע קאַרפּן־קעפּ פון דער אַמאָליקער אַסימילאַציע. דאָרט איז אויך געזעסן ר' ישעיה פּריוועס און דערנאָך — איר מאַן אלעזר. אין דער וואַרשעווער גמינע אויף גזשיבאָווסקע וואָלט אָפילו פאַר די פּלאָנסקער צמחס — די אייניקלעך פון דוד המלך — אָנגעשטאַנען צו זיצן אויף אַ דאָזאָר־בענקל.

צירעלע פּריוועס האָט זיך צוגעבויגן צו איר מעניע. אין דער אָוונט־לעכער טונקלקייט פון איר סאַליע האָט זי איר אייגענעם מעניען אָנגעקוקט

מיט איר גאָלדענעם לאָרניאָן, — ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צי איז עס טאַקע איר זון וואָס זיצט לעבן איר און דערציילט ? און צי זענען עס טאַקע אירע אויערן וואָס פאַרנעמען די חידושדיקע און ביטערע נייעסן.

און מעניע האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. אויף זיין אייגענעם אופן און מיט דעם ביטול און איראָניע פון אַ פריוועס, האָט ער איר אויפגע־קלערט וועגן די פּאָליטישע קאַמפן וואָס שפּילן זיך איצט אָפּ אין וואַרשע און אין פוילן. אין יעדער זאַך וואָס קומט פאָר אין פוילן—אויך אין די וואָלן צו דער גמינע אויף גזשיבאָווסקע — שפּיגלט זיך אָפּ דאָס אייגענע וואָס קומט פאָר אויף אַנדערע געביטן פון לעבן. די אַמאָליקע גרויסע אַסימי־לאַטאָרישע מאַגנאַטן און די חסידישע גבירים וואָס זייערע נעמען האָבן געקלונגען אין אַלעמענס מיילער — פון זיי הערט מען נישט. זיי זענען אויסגעלאָשן געוואָרן. מען קימערט זיך גאָר נישט וועגן זיי. אַלצדינג איז פאַרגעסן געוואָרן. דערפאַר מאַרשירן צו די דאָזאָר־בענקלעך די יעניקע, וואָס פריער האָבן זיי גאָר נישט געהאַט קיין וואַל־רעכט. מען וואָלט זיי אַמאָל דאָרט איבער דער שוועל נישט אַריבערגעלאָזט. אָט־אָ די קלייבן זיך איצט צו ווערן די דאָזאָרעס אין דער גמינע און צו זאָגן דעות איבער וואַרשע.

צירעלע האָט נאָך שאַרפער געקוקט מיט איר גאָלדענעם לאָרניאָן אויף איר אייגענעם זון. מעניע האָט געשוויגן. ער האָט זיך איצט געגרייט איר אָנצוזאָגן נאָך אַ ביטערערע בשורה. פון די שאַטנס פון דעם שוואַך־באַ־לויכטענעם צימער האָט הייזעריק און ערפורכטיק געקלאַפּט אַן אַלטער זייגער. אַ ירושה־זייגער פון פלאַנסקער פריצישן הויף.

— האָסט געהערט פון „בונד”, מאַמע ? — האָט מעניע פּלוצים געפרעגט.

צירעלע האָט געשאָקלט מיטן גראָען מאַטראָנע־קאָפּ אויף ניין. צי האָט זי באמת נישט געהאַט געהערט פון אַזאַ נאָמען ? צי איז איר נישט אָנגעשטאַנען צו האָבן פון אים געהערט ?

— פאַר דער מלחמה האָט מען זיי געקאַנט ווי לאָבוסעס און שטריי־קערס, — האָט מעניע שטיל געצויגן זיינע ווערטער, — מען האָט געהאַט פון זיי גענוג צרות. אָבער דעמאָלט איז געווען אַן אַנדער וועלט. אַ מיושבע

וועלט. אַ וועלט מיט אַ קייסער. פּאָליציי האָט די דאָזיקע שטרייקערס גע־שלעפּט אין תּפיסות און געריסן פון זיי דאָס פלייש ווערליק זיי האָבן זיך עס כשר פּאַרדינט. היינט שטייען זיי פון אויבנאָן אויף דער מזרח־וואַנט און האָבן אַוועקגעזעצט אויף אַ דאָזאָר־בענקל — דו וועסט נישט טרעפן וועמען!

צירעלע האָט שטייף געהאַלטן איר מאַטראָנע־קאָפּ און אָנגעקוקט מעניען דורכן גאָלדענעם לאָרניאָן.

— אַ שוסטער — האָט מעניע פריוועס זיך הויך און ביטער צע־לאַכט אין מיטן די טונקלקייטן — אַ שוסטער מיטן נאָמען בערל שטעפּער.

— נישט מעגלעך — האָט צירעלע פריוועס קוים אַרויסגעפּליסטערט.

— וואָס הייסט נישט מעגלעך? — האָט מעניע ווייטער געזאָגט — דו מיינסט, מאַמע, אַז די געררער חסידים זענען היינט בעסער? זיי האָבן אַוועקגעזעצט פאַר דאָזאָרעס מלמדים און שוחטים.

צירעלע פריוועס האָט געשוויגן. פון די טונקלקייטן האָט זיך הייזעריק און ערפורכטיק אַרויסגעהערט דער טיק־טאַק פון דעם אַלטן פלאַנסקער זייגער.

קאַפּיטל פינף

צירעלע פּריוועס וויל אין מיר זען דעם חורבן פון דער וועלט. איך האָב געהערט, אַז דער פּאַן שרייבט פּערזן.

צירעלעס קבורה אין די פינצטערנישן און ביי פּאַקל־ליכט. ניין! איך בלייב דאָ. מעניע וויזט היט־לערן ווי אַזוי עס שטאַרבט אַ פּריוועס.

נאָכן טויט פון מיין שווער משהל פּריוועס זענען איבערגעבליבן בירושה עטלעכע הייזער אויפן גזשיבאָוו. די אָפּגעריסענע און אָפּגעשלי־סענע הייזער האָבן איצט געטראָגן נישט מער ווי בעטלערישע גראָשנס. אַמאָל וואָלט מיט אַ ירושה פון די פּריוועסעס געקלונגען פּוילן. מען וואָלט זיך געלאָדנט און געלאָדנט און אַדוואָקאַטן וואָלטן געוווען גענומען די שווערע טויזנטער. היינט האָט צומאָל קיינער נישט געוואוסט דערפון, אַז די פּריוועסעס לאָזן פונדעסטוועגן נאָך איבער ירושה.

מיר און מיין שוואָגער, דער „קליינער מענדעלע״ — ער איז איג־צווישן געוואָרן פּאַביאַניצער רב — איז אויסגעקומען צוליב אָט דער ירושה אַמאָל אַרויפצוקומען צו אלעזר פּריוועסן אין דירה. עס איז געווען אַ לאַנג קלאַפּעניש ביי דער טיר. ענדלעך האָט מען אונז אַריינגעלאָזט און אַריינ־געפירט צו אלעזר פּריוועסן אין קאַבינעט.

ער האָט גוט געוואוסט ווער עס איז געקומען. אָבער ער האָט אונז קאַלט אָנגעקוקט דורך די גאָלדענע ברילן. דעם פּאַביאַניצער רב — אַ לייבלעכער זון פון „שפת־אמת״—האָט אלעזר פּאָרט געמוזט באַלד דער־קענען. ער האָט פּאַמעלעך אויסגעשטרעקט די פּוקעע גבירישע האַנט

און דערלאַנגט דעם פּאַביאַניצער רב שלום־עליכם, — און געהייסן זיצן. מיך האָט ער זיך געמאַכט אינגאַנצן נישט זען. ער האָט מיר נישט געגעבן די האַנט און נישט געהייסן זיצן.

באין ברירה האָב איך נישט געקוקט אויף קיין כבוד און זיך אַליין אַוועקגעזעצט.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. ס'איז אַריינגעקומען זיין זון מעניע. אין די לעצטע יאָרן האָט אלעזר געוואָלט אַז מעניע זאָל תמיד זיין דערביי ווען מען רעדט וועגן געשעפטן. ער האָט אין אים געזען זיין לייבלעכן נאָכ־פאָלגער אין די טראַדיציעס פון די פּריוועסעס — הגם נאָכצופאָלגן איז שוין ניט געווען וואָס.

אַ סך צו שמועסן איז נישט געווען. צום סוף האָב איך געבעטן מעניען אַז איך וואָלט געוואָלט זאָגן דער מומע צירעלע גוטן־אָוונט.

— איך וועל אַריינגיין צו דער מאַמע און זי פרעגן צי זי האָט צייט איך אויפצונעמען — האָט מיר מעניע געענטפערט.

ער איז באַלד אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

נאָך אַ צייט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פּאָזיטיווער תשובה.

***

אין די גאָר אַלטע גוטע צייטן בין איך שטאַרק מסופק צי צירעלע פּריוועס וואָלט מיר דערלויבט — אַזוי מיר נישט, דיר נישט — אַריינצוקומען אין אירע בודוואַרן און איר זאָגן גוטן אָוונט. די היעראַרכיע פון דער משפחה האָט זי געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין דער דאָזיקער היעראַרכיע איז זי געשטאַנען גאָר גאָר פון אויבן און איך — גאָר גאָר פון אונטן. זי איז געווען די אויבער־שנור און איך בין געווען דער ייִנגסטער איידעם פון דעם קנאַפּסטן זון פון ר' ישעיה פּריוועס. מען קאָן נישט אַזוי לייכט פאַרמישן די יוצרות אַז מען זאָל נישט וויסן וואו מען שטייט אויף דער לייטער.

אַחוץ דעם איז איר שטאַרק נישט אָנגעשטאַנען מיין יחוס. דאָס וואָס איך בין אַן אייניקל פון רבנים און גוטע־יידן האָט איר נישט שטאַרק אימ־פּאָנירט. אָבער דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. די גרעסטע צרה איז געווען — וואָס פון מיין מאַמעס צד קום איך אַרויס פון פּראָסטן ייִדישן

עמך. אין מיין משפחה האָבן נישט געפעלט קיין שוסטערס און קיין שניי־דערס. וויפל שאָדנפרייד צירעלע זאָל אין דעם דאָזיקן פּרט נישט האָבן געהאַט אין איר געשטאָרבענער שווּעגערין איטעלע — פּאַרט איז עס אַ טונקעלער פלעק אויף די פּריוועסעס. צירעלע קאָן דאָ אויך נישט אינגאַנצן פון זיך אַראָפּנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דערצו האָט איר מעניע דערציילט פון מיר גאָר ווילדע זאַכן, דהיינו אַז איך שרייב יידישע מעשה־ביכלעך פאַרן פּראָסטן עולם, און דער עיקר —אַז איך בין אַ בונדיסט און בין אַ חבר פון בערל שטעפּער. דאָ איז שוין דאָס מעסטל באמת איבערגעגאַנגען. זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן געוואָלט איינמאָל כאָטשבי אָנקוקן דעם חורבן פון דער וועלט.

זי איז געזעסן אַ שטייפע און אַ שטאָלצע אין איר פאָטער־שטול — געזעסן אין גרויען עלעגאַנט־פריזירטן שייטל און איינגעהילט אין אַ לייכטן זיידענעם שאַל. זי האָט צוגענומען דעם גאָלדענעם לאָרניאָן צו די אויגן און מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

איך האָב איר געזאָגט גוטן־אָוונט.

צירעלע פּריוועס האָט צוריקגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיך כסדר אויסגעמאָסטן מיט אירע בליקן.

— איך האָב געהערט אַז דער פּאַן שרייבט פערזן — האָט זי צו מיר געזאָגט אויף אַ פּאַרצייטישן שליאַכעצקן פּויליש און מיט אויסגעזוכטער העפלעכקייט.

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איך בין שוין אַן אַלטע פרוי, מיין חשובער פּאַן — האָט זי געזאָגט מיט אַ סך באַשיידנקייט, אָבער דער טאָן פון איר קול האָט געשניטן מיט ביטערער איראָניע — און איך קאָן מיך נישט אויף דער היינטיקער וועלט.

מיט דעם האָט זי פאַרענדיקט די אוידיענץ.

***

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אלעזר פּריוועס איז אויך גע־שטאָרבן. צירעלע האָט אים איבערגעלעבט מיט אַ צוויי יאָר און זי איז אויך אַוועקגעגאַנגען אין דער בעסערער וועלט צו אירע עלטערן.

איך ווייס נישט וואָס עס איז געווען די סיבה, אָבער ווען מען האָט זי באַגראָבן אויפן גענשער בית־עלמין איז עס שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. אין הימל איבערן בית־עלמין האָבן געפלאַקערט די שטערן. אַרום דעם אָפענעם קבר — האַרט ביים קבר פון שבעלע פריוועס — האָבן אַ סך יידן געהאַלטן צעפלאַקערטע שטורקאַצן.

אַינם געמיש פון פינצטערניש און פאַקל־ליכט זענען די גרעבער נאָך געשטאַנען אינעווייניק אין אויסגעגראָבענעם קבר און פאַרענדיקט זייער אַרבעט. אויפן בערגל פרישן זאַמד לעבן קבר איז געלעגן די טויטע צירעלע פריוועס איינגעהילט אין אירע ווייסע תכריכים. דאָס ווייסקייט פונעם מת האָט באַזונדערס שאַרף אָפּגעלויכטן אין דעם שיין פון די שטור־קאַצן וואָס האָבן געפלאַקערט אין דער פינצטערער בית־עולם־נאַכט.

אַרום דעם קבר זענען די מלווים געשטאַנען שטילע. מען האָט גע־וואַרט ביז די גרעבער וועלן פאַרענדיקן זייער אַרבעט און ס׳וועט זיך אָנהייבן די קבורה.

*
**

מעניע איז פאַרבליבן ווי דער לעצטער שאָטן פון די אַמאָליקע פריוועסעס. אַזוי איז ער פאַרבליבן ביז היטלערס חיילות האָבן פאַר־נומען וואַרשע.

מען האָט אים, מעניען, אַריינגעטריבן אין דער געטאָ. ער האָט דאָרט געלעבט אין נויט און אין ביטערסטער אָרעמקייט. ער האָט געלעבט באַגלייך מיט דער גאַנצער מאַסע יידן. היטלער האָט אַלצדינג צונויפ־געמישט אין איין טאָפּ. אַפילו מעניע האָט געמוזט דערזען, אַז אין דער היינטיקער פינצטערער נויט זענען אַלע גלייך. צווישן די דערשלאָגענע און הונגעריקע איז שווער צו דערקענען ווער עס איז פריוועס. ער האָט געליטן און געשוויגן.

ער האָט געהאַט אַ שנור מחוץ די מויערן פון דער געטאָ. אַזוי צו זאָגן אויף דער אַרישער זייט. זי האָט אַלץ געטאָן כדי צו פאַרשאַפן מעניען פאַלשע גויאישע פּאַפּירן, אים אַרויסצונעמען פון דער געטאָ און אים צו באַהאַלטן אין דער אומבאַקאַנטקייט.

אין אַ געוויסן טאָג איז זי צו אים געקומען מיט די פאַלשע דאָקו־מענטן און מיט פויערישע מלבושים כדי אים אַרויסצושמוגלען.

מעניע האָט באַקוקט די פאַלשע פאַפירן וואָס וועלן ביי אים צונעמען דעם נאָמען פריוועס, ווי אויך די פּראָסטע מלבושים פון אַן אָרעמען גוי — ער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צו דער שנור:

— ניין. איך בלייב דאָ. אַ פריוועס ווערט נישט קיין פויער און פאַר־לייקנט נישט זיין נאָמען.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצושיקן יידן פון וואַרשע. מען האָט נאָך נישט געוואוסט אויף קלאָר וואו אַהין מען פאַרשיקט זיי. עס זענען אָבער שוין אַרומגעגאַנגען זיכערע שמועות, אַז די אַרויסגעשיקטע מחנות יידן ווערן פאַרטיליקט אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערס. מעניע האָט געזען ווי מען טרייבט יידן איבער די גאַסן פון דער וואַר־שעווער געטאָ.

היינט צי מאָרגן — האָט מעניע געוואוסט — וועט מען אים אויך כאַפּן, און אויך אים, דעם לעצטן פריוועס אין וואַרשע, אַזוי ברוטאַל טרייבן איבער אַ וואַרשעווער גאַס.

— ניין! — האָט מעניע צו זיך געזאָגט, — דאָס וועט היטלער נישט דערלעבן.

ווען עס איז געוואָרן אָוונט איז ער אַהיימגעקומען, ער האָט געעפנט די גאַז־רער, זיך געלייגט אין בעט אַריין און אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק.

קאַפּיטל זעקס

וואָס האָט געוואָלט זײַן טלאָמאַצקע דרײַצן און וואָס איז זי געווען?

אויף טלאָמאַצקע דרייצן אין וואַרשע איז געווען דער יידישער ליטע־ראַטן־פאַראיין. וועגן דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז אַ סך געשריבן געוואָרן. סיי יידישע שרייבער אין פּוילן און סיי די וואָס זענען געקומען צוגאַסט מחוץ פון די פּוילישע גרענעצן, האָבן זיך געפילט פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן לאָקאַל. איצט, נאָכן חורבן פון יידן אין פּוילן ווערט דער נאָמען טלאָמאַצקע דרייצן באַטראַכט ווי דער סימבאָל פון דער חברישער געמיינשאַפט פון יידישע שריפטשטעלער — און עס איז אַ ביסל שווערלעך עפּעס צו מינערן פון דער דאָזיקער סימבאָלישער גלאָריע.

טלאָמאַצקע דרייצן איז געגרינדעט געוואָרן נאָך פּרצעס טויט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אין דער תקופה פון געזעלשאַפטלעכן רענעסאַנס אין יידישן לעבן אין פּוילן, — דאָס הייסט, אין די לעצטע צענדליק יאָר ווען אַלצדינג איז שוין אייגנטלעך געשטאַנען פאַרן סוף. דער גורל האָט זיך געגרייט צו פאַרוואַנדלען דאָס פּוילישע יידנטום אין אַש און שטויב. דעמאָלט גראָד — גיי און ווייס די מחשבות פון דער יידישער געשיכטע! — האָט אין די יידישע מאַסן אין פּוילן זיך מיט אַן אָרגאַנישן אימפּעט געזועקט דער ווילן זיך צו זאַמלען און זיך צו אָרגאַניזירן.

אין די יידישע דורות פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דאָס היסטאָרישע געשטאַלט און דער היסטאָרישער ווילן פון יידישן כלל אין פּוילן געפּרואווט צו געשטאַלטיקן אין דעם געשטאַלט פון זיינע יחידים און פּערזענלעכקייטן. איצטער — ערב דעם אומקום — האָט מען ווי גע־

וואָלט איבערלאָזן פאַר די שפּעטערע דורות דאָס געשטאַלט פון יידישן קאָלעקטיוו אויף פּוילנס ערד. זיינע ווילנס און זיין אימפּעט. ווער ווייסט ווי טיף אין דער טונקלעניש פון דער צוקונפט עס דערגרייכן די מענטש־לעכע אָנונגען? אין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַרום וועט דאָך דער יידישער קאָלעקטיוו אויף אַזאַ טראַגישן אופן מוזן אָפּטרעטן פון דער שפּיל־בינע! מוז דעריבער געזאָגט ווערן דאָס לעצטע וואָרט פון יידן אין פּוילן.

די הויפּט־גרינדער פון טלאָמאַצקע דרייצן — דאָס הייסט פון אַן אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו פון יידישע שריפטשטעלער — זענען געווען די יתומים פון פרצעס שטוב, יעקב דינעזאָן און ה. ד. נאָמבערג. מען האָט געוואָלט די געשטאַלט פּרץ — דאָס הייסט, די געשטאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער געשטאַלט פון אַ פּערזענלעכקייט אַריבערטראַנספּאָר־מירן, ווערדליק דעם גייסט פון דער צייט, אין אַ קאָלעקטיווער געשטאַלט פון יידישע שריפטשטעלער. דאָס, וואָס פּרץ איז געווען אויף צעגלאַנע איינס, האָט מען געוואָלט, אַז יידישע שרייבער צוזאַמען זאָלן עס זיין אויף טלאָמאַצקע דרייצן. דאָס אידעאישע געשטאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך ביז אַהער געהאַט אויסגעדריקט אין דער טאַט פון אַ פּערזענלעכקייט. זאָלן עס איצט טאָן אַלע יידישע שרייבער צוזאַמען! אַלע יידישע שרייבער צוזאַמען זאָלן ווערן אַ י. ל. פּרץ! זאָלן זיי אַלע צוזאַמען פירן די יידישע ליטעראַטור צו איר באַשטימונג אין דעם אידעאַ־לאָגישן וועג פון דער יידישער געשיכטע!

קאַפּיטל זיבן

כל ישראל און רב ישראל אויף טלאָמאַצקע דרייצן. אומעטום דרייט זיך היינט דאָס וועלט־רעדל און אומעטום — אַפּילו אויפן סאַמאַראָדנעם באַרג אָלימפּוס — זענען פאַראַן עולים ויורדים.

דער יחיד איז דאָס מיניאַטערישע בילד פון דעם כלל, און אויך אויף אים איז שווער צו זאָגן שוואַרץ אָדער ווייס. סיי אינם יחיד און סיי אינם כלל ליגט נאָך אַלצדינג אין אַ כאַאָס פון ליכט און פינצטערניש, פון גוטס און שלעכטס, פון חכמה און נאַרישקייט. ווען מיר קוקן זיך גוט צו צו דער וועלט און צום מענטש — זעען מיר, אַז די זעקס טעג פון ימי־בראשית האָבן זיך נאָך נישט פאַרענדיקט. עס קאָכט זיך נאָך דער טאָפּ פון דער שאַפונג. און וואָס עס וועט ענדלעך אַרויסקומען פון אָט דעם קאָסמישן געקעכץ, איז באמת שווער פאַראויסצוזאָגן.

כדי צו דערזען די פּסיכישע צונויפמישעניש אין יחיד, דאַרף מען האָבן דאָס שאַרפע אויג פון קינסטלער און פּסיכאָלאָגן. דעם וועלט־מיניאַטור איז שווער צו באַמערקן. מען מוז דעריבער ווענדן אונזער בליק אויפן כלל, כדי צו דערזען אויפן בעסטן אופן דעם גרויסן קאַליידאָסקאָפּ פון דעם אַלערליי וואָס איז זיך כסדר סותר און וואָס פליסט אַרויף און אַראָפּ און רייסט זיינע ברעגעס.

דעריבער איז שווער צו זאָגן אַז טלאָמאַצקע דרייצן האָט אַנטוישט די גרינדער און אַז זי האָט נישט דערפילט איר פליכט צו זיין פאַרן יידישן שריפטשטעלער דאָס, וואָס עס איז אַמאָל געווען פּרץ. אין פּרצעס שטוב איז אַלצדינג געוואָרן איינגעצוימט אין גדר פון פּרצעס סימפּאַטיעס און

אַנטיפּאַטיעס. אַלצדינג איז דאָרט געשען אינם אַספּעקט פון פּרצעס פּערזענלעכקייט. ס׳איז געווען פּרץ און זיינע השפּעות. האָט מען אָבער געוואָלט אָנקוקן דאָס פּנים פון יידישן שרייבער אין פּוילן ווי ער איז געשטאַנען מיט איין פוס אין חורבן און מיטן צווייטן פוס אין דער האָפענונג פון אַלע אָנהויבן — האָט מען דאָס געקאָנט באַאָבאַכטן נאָר אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט מען אויך געקענט זען, אַז דאָס וואָס עס געשעט איצט מיט כלל־ישראל אין פּוילן געשעט אויך מיטן שריפטשטעלערישן רב ישראל. אין דער יידישער וועלט בכלל האָט זיך איבערגעריסן די גאָלדענע קייט. עס גייט אַ גראַטעסק שפּיל פון עולים ויורדים. די ראָלן בייטן זיך מיט אַ זעלטענער ראַשיקייט. אומעטום האָבן אָפּגעשפּילט די אַלטע „פּני" און אויפן אויבנאָן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט נייע נעמען. אַזוי איז עס אויך געשען אינם קאָלעקטיוו פון די יידישע שריפטשטעלער. אויך דאָ האָבן די אַלטע ביימער אויפגעהערט צו געבן זייער פּרוכט. דער רוב פון די, וואָס אין פּרצעס שטוב האָט מען זיי שוין צוגערעכנט צו די קלאַסיקער, ווי, למשל, ה. ד. נאָמבערג און א. מ. וויסנבערג — זענען איצט געווען בבחינת ליטעראַרישע יורדים. געוויס, אין דער וועלט פון גייסט קאָן מען נישט אַזוי לייכט פאַרגעסן אַמאָליקע פּאָזיציעס ווי מען פאַרגעסט זיי אין דער וועלט פון מאַטעריע. דאָס פּאָזיטיווע וואָס אַ שאַפערישער גייסט האָט אָפּגעטאָן איז פּאָרט פאַרשווינט פון אַלע נייאיקייטן. אָבער אויפן וויטערן וועג פון דער יידישער ליטעראַטור זענען זיי געבליבן די הינטערשטעליקע. זיי זענען אויך געבליבן די הינטערשטעליקע אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

קאַפּיטל אַכט

די חידושים וואָס אַ פּראָווינצער בחור האָט זיך אָנגעזען אויף טלאָמאַצקע דרייצן. דער אויבערשטער הימל איז נאָך דאָרט אויסגעמישט מיטן אונטערשטן וואַסער. די שרייבער הערן זיך צו מיט אַ פּערטל אויער און ס'איז שווער צו דערגיין ביי זיי אַ טאַלק. מלך ראַ־וויטש פּאַכעט איבער פּוילן מיט אַ שווערד פון דין און רחמים.

איידער איך וועל גיין שילדערן די פּאַרשוינען און דאָס גייסטיקע בילד פון טלאָמאַצקע דרייצן, וויל איך קודם־כל דערציילן ווי די דאָזיקע אינ־סטיטוציע פון יידישע ליטעראַטן האָט אויסגעקוקט, אַזוי צו זאָגן, פיזיאָ־נאָמיש. ווי האָט אויסגעקוקט אין איר בשר־ודמדיקן גוף אַט אָ די קאָלעק־טיווע פּאָזיציע פון יידישן וואָרט ?

ווען אַ ייד וואָס ווייסט נייערט פון חסידים־שטיבלעך און קלויזן וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אויף טלאָמאַצקע דרייצן, וואָלט עס אים שטאַרק געחידושט. ער וואָלט זיך פּלוצעם דערוואוסט אַ נייע אַמעריקע, היינו: אַז דער מהלך פון וועלטלעכע ליטעראַטן ביז, אַזוי צו זאָגן, די „ווענט פון בית־המדרש״, איז גאָר נישט אַזוי גרויס, ווי עס ווילן אים איינשמועסן די טרייף־פּסולס. שוין אויף די טרעפּ צום ליטעראַטן־פּאַר־איין וואָלט אַזאַ ייד דערפילט דעם ריח פון קלויז און חסידים־שטיבל. די טרעפּ זענען געווען שמוציקע און צעדרייטע. מען האָט דאָרט כסדר גע־שפּירט די ריחות פון אַלערליי יידישלעכע געקעכצן. די ריחות זענען געקומען סיי פון אַן אונטערשטער רעסטאַראַציע וואו עס האָט זיך געטאָן

די גרויסע וואַרשעווער פּרעסאַרביע און טאָקע ווי פּאַרצייטנס בימי העקסעל־מאַן. די ריחות זענען אָבער אויך געקומען פון אויבן, פונם בופעט פון טלאָמאַצקע דרייצן גופא, הגם דאָרט האָבן זיך די עסנס נישט געהאַט מיט וואָס איבערצונעמען. די תושבים און די איינגייער פון טלאָמאַצקע דרייצן האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן אַזאַ שפע ווי די געסט אין דער אונטערשטער רעסטאָראַציע, אָבער וואָס שייך צו שיקן זיינע ריחות האָט אויך דער ליטעראַטן־בופעט געוויזן, אַז ער איז נישט עפּעס דאָרט אַ ליאַדע לעמעלע און האָט זיך דעריבער גאָר שאַרף געלאָזט הערן אויף די טרעפּ.

אַ פּראָווינצער בחור האָט זיך אין זיין שטעטל ערגעץ ווייט אין פוילן אָנגעהערט מיט די חידושים פון טלאָמאַצקע דרייצן. ער האָט צו איר ערפורכטיק אַרויפגעקוקט ווי צום קוואַל פון וועלטלעכער ליכטיקייט וואָס שלאָגט איבער פוילן. נאָך לאַנגע בענקשאַפטן אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן טלאָמאַצקע דרייצן, האָט ער, דער פּראָווינצער, זיך פּאָרט אַמאָל דערשלאָגן קיין וואַרשע און זיך געקליבן צו זען דאָס הייליקטום וואו די יידישע שרייבער זיצן און שאַפן. אָבער, גייענדיק אויף די טרעפּ צום דאָזיקן טעמפּל, האָט ער זיך שטאַרק געחידושט — אים איז אַלצדינג אויסגעקומען גאָר גאָר היימישלעך.

ווען דער פאַרבענקטער פּאָעטישער בחור האָט געעפנט די טיר פון טלאָמאַצקע דרייצן, האָט ער קודם־כל געזען ווי די געטער עסן זייערע מאַלצייטן. דער בופעט אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט די מאַכלים האָט פאַרנומען אַ דריטל פון ערשטן צימער. וויפל ערפורכטיקייט ער זאָל נישט האָבן געהאַט פאַר די נעקטאַרן און אַמבראָזיעס און אַנדערע שפּייזעכצן פון טלאָמאַצקע־דרייצן־בופעט, ווען ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויפן בעל־הבופעט בכבודו ובעצמו, איז ער, דער פּראָווינצער, באַלד געטאָן אַ פאַל אַראָפּ פון אַלע זיבן הימלען. דער בעל־הבופעט איז געווען אַ הויכער געלער פּאַרשוין, און ער האָט גיכער אַריינגעפּאַסט אין אַ יאַטקע ווי אין אַן עס־הויז פון קינסטלער. לעבן אים איז געשטאַנען זיין ווייב — גאָר אַ גראָבע פּראָסטע יידענע, אַן אמתע וואַרשעווער יענטע. דער בופעט־טיש האָט זיך נישט געהאַט וואָס איבערצונעמען מיט זיין שפע. געמאָסטן וועדליק וואַרשע, איז עס ממש געווען אַ תשעה־באָב־טיש, און ער איז געווען דער לעבעדיקער עדות וואָסער ביטערער

חורבן עס איז נעבעך אין די קעשענעס פון די בעלי־היצירה אויף טלאַ־מאַצקע דרייצן.

ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ טישל. דאָרט פלעגט זיצן דער אונטער־סעקרעטאַר פון פאַראיין. לאַנגע יאָרן איז אויף אָט־אָ־דעם חשובן פּאָסטן ביי דער טיר געזעסן ריבאַייזן. אַ בחור וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט היפּער־מאָדערנער דיכטונג און זי אויסגעלאָזט מיט אַ מייסטער־שאַפט צו טרייבן פּליאָטקעס און רכילות אין דער ליטעראַרישער משפחה. דער אונטער־סעקרעטאַר איז געזעסן כלומרשט מיט דער צוויי־שאַרפיקער שווערד פון אַ גן־עדן־היטער. ער האָט געהאָט דעם שטרענגסטן באַפעל נישט אַריינצולאָזן אין דעם פאַראיין קיין פרעמדע וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו ליטעראַטור און פרעסע. פונדעסטוועגן, האָט ער תמיד געהאָט דאָס האַרץ פון אַ יידישן גזלן און האָט געקוקט דורך די פינגער און אַלעמען אַריינגעלאָזט.

אין דער ערשטער שטוב האָט טאַקע דעריבער געהערשט די ברייטסטע דעמאָקראַטיע. ווי פאַר די ששת־ימי־בראשית איז דער גאָר אויבערשטער הימל נאָך געווען אויסגעמישט מיט דעם גאָר אונטערשטן וואַסער. דער אויבנדערמאָנטער אויסגעבענקטער פּראָווינצער יינגערמאַן, וועלכן איך האָב גענומען פאַר אַ משל, האָט, מן הסתם, קודם־כל געוואָלט אַ קוק טאָן אויף די פּנימער פון דער ערשטער שטוב פון טלאָמאַצקע דרייצן און אויף טשעקאַוועסט אָנגעהויבן פּרוואון טרעפן, היינו: ווער איז אָט יענער פלוני צי אַלמוני? צי איז ער טאַקע דאָס דער באַרימטער שאַפער פון ליטעראַטור און קולטור? צי איז עס טאַקע דער נאָמען וואָס קלינגט ווי אַ שאַליקער גלאָק איבער אַלע דעכער פון שטעטל? אָבער גיי טרעף אויף די פּנימער פון טלאָמאַצקע דרייצן? עס איז גאָר נישט אַזוי פּשוט דאָ עפּעס צו טרעפן. און נישט איינמאָל האָט אַזאַ אידעאַליסטישער יינגערמאַן געטראָפן מיט זיינע אָפּשאַצונגען פונקט פאַרקערט.

אָפטמאָל איז דער פאַרשוין, וועמען דער פּראָווינצער האָט געהאַלטן פאַר דעם ריכטיקן פלוני־אַלמוני, גראָד געווען עפּעס אַ פּראָסטער וואַר־שעווער חי־וקים וואָס האָט ליב געהאָט אַרויפצוקומען אין דער ערשטער שטוב פון טלאָמאַצקע דרייצן. עס איז נישט געווען — ווי דער פּראָווינצער האָט געמיינט — קיין ליטעראַרישער גאָט, נייערט אַ פּשוטער שטערבלעכער.

נישט אַלעמאָל פלעגן אַזעלכע שטערבלעכע אַרויפקומען אויף טלאָ־מאַצקע דרייצן בלויז מיט דער כוונה כדי זיך דאָרט צו „רייבן" ביי דער אומשטערבלעכקייט. טיילמאָל זענען זיי געקומען מיט גאָר פּראָזאַאישע כוונות, היינו: ער האָט זיך דאָ געהאַט באַשטעלט אַ ראַנדעוואו מיט אַ מיידל. טלאָמאַצקע דרייצן איז אויך אַמאָל געווען אַ מקום־מקלט פאַר אַלערליי שמוגלאַרעס און וואַלוטע־הענדלער וואָס האָבן זיך בכיוון אויסגעקליבן די היים פון דעם יידישן וואָרט כדי דאָרט צו מאַכן לינקע געשעפטלעך, נישט דאַרפנדיק מורא צו האָבן אַז מען וועט זיי כאַפּן.

אָבער דאָס זענען נאָר געווען איינצלנע טרויעריקע צופאַלן. דער גרעסטער פון גרעסטן רוב פון די „פּרעמדע" אויף טלאָמאַצקע דרייצן זענען טאַקע אַרויפגעקומען אַהין נייערט מיט די ריינסטע און בעסטע כוונות צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ שרייבער, צו הערן אַ וואָרט ליטעראַטור. טלאָמאַצקע דרייצן האָט אויך געהאַט אַ היפשלעכן שבט פון שיינעם געשלעכט. מען האָט זיי גערופן „ליטעראַרישע ביילאַגעס". זיי האָבן אויסגעפירט די ראָלע פון די מוזעס אויפן טלאָמאַצקער אָלימפּוס.

פון אָט די פּרויען און מיידלעך וועט מיר נאָך אויסקומען צו דער־ציילן.

אין דער ערשטער שטוב פון פאַראיין האָט מען אויך געזען די ערב־שרייבער, די וואָס גרייטן זיך אין דער ליטעראַטור אַריין. אין די אַמאָליקע יאָרן האָט מען זיי געטראָפן אויף פּרצעס טרעפּ אויף צעגליאַנע איינס. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט דערשראָקענע ביי זיין טיר און אים געוויזן זייערע כתבים. אויפן אָרט האָבן זיי פון פּרצעס מויל געהערט דעם גזר־דין — טויט צי רויט. איצטער, אין דער נאָך־מלחמהדיקער צייט, איז אָבער שווער געווען אַרויסצובאַקומען דעם ענדגילטיקן באַשייד. עס איז אין אַלצדינג געווען אַ בין־השמשות און אַן איבערגאַנג. ליכט איז אויסגעמישט געווען מיט פינצטערניש, האָפענונג מיט אַנטוישונג. דער דערפאָלג מיטן דורכפאַל זענען געווען צוגעוואַקסן איינער צום אַנדערן ווי דאָס סיאַמישע צווילינג. גיי און דערגיי וועגן עפּעס אַ טאָלק ווען אויף קיין שום געביט איז נישטאָ דער פּוסק־אחרון.

זענען טאַקע פון דער פּראָווינץ אַרויפגעקומען אויף טלאָמאַצקע אַלערליי אויסגעבליכטע יינגעלייטלעך וואָס האָבן ביי זיך אין די שטעט־

לעך געזען די מוזעס אין חלום. עס איז דערגאַנגען צו זייערע אויערן, אַז אויף טלאָמאַצקע דרייצן קאָן מען זיך דערוויסן, צי מען איז טאַקע אַ פּאָעט און אַ שרייבער צי נישט. און אויב יאָ — עפּענען זיך דאָרט די טירן צו דער ליטעראַטור מיטן גרויסן ברוך־הבאָ. טיילמאָל איז מען נאָך לאַנגע גילגולים און אויסגעהונגערטע געקומען קיין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע. מען האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן צו דרייען אַרום די פּראָמינענטע און נישט־פּראָמינענטע שרייבער און געוויזן די אויפגעשריבענע שאַפונגען.

קיין סך דערוויסן האָט מען זיך ביי די שרייבער נישט געקאָנט. זיי זענען געווען אומגעדולדיק אויסצוהערן וואָס אַן אַנדערער שרייבט. ס'איז אויסגעקומען, אַז פּראָווינצער ייִנגעלייט האָבן זיך חדשים און יאָרן־לאַנג אַרומגעוואָלגערט אויף טלאָמאַצקע און בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין וואָס זיי זענען. צי געהערן זיי צו דער משפחה פון דער ליטע־ראַטור ? צי שטייען זיי גאָר אינדרויסן און זיי מוזן זיך נעמען צו קוראַנ־טערע מלאָכות ?

אויף טלאָמאַצקע האָבן זיך טאַקע איינגעבירגערט אַ גאַנצע ריי אַזעלכע בידנע בין־השמשות־תושבים וואָס האָבן אַליין נישט געוואוסט ווי זיך אַנצורופן. טלאָמאַצקע דרייצן איז אָבער געווען ווי אַ מאַמע צו אַלעמען וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אירע פליגלען. זי האָט נישט גע־פרעגט, צי פּרעמדס, צי אייגנס. אין דעם האָט זי אויך אין זיך געהאַט פון אַלטן בית־המדרש, וואו די טירן זענען געשטאַנען אָפן פאַר היימישע און פאַר פרעמדע. מען האָט נישט געפרעגט קיין פּאַספּאָרטן. ווער עס האָט געוואָלט — איז אַריינגעקומען. ווער עס האָט געוואָלט, איז צוגעגאַנגען צו דער ספרים־שאַנק, אַרויסגענומען אַ גמרא און זיך אַוועקגעזעצט לערנען. אויך אַ פּראָסטער ייִד, צי גאָר אַ פרעמדער ארחי־פרחי האָט געקאָנט אַריינקומען מיט זיין זעקל און מיט זיין שטעקל אין אַ בית־מדרש און זיך דאָרט אַוועקזעצן ביים אויוון און זיך וואַרעמען. צי גאָר זיך אַוועקלייגן ביינאַכט אויף אַ האַרטער באַנק און שלאָפן.

אַזעלכע שטיף־קינדער און ליטעראַרישע אָרעמעלייט האָבן פּאַמע־לעכל באַקומען בירגער־רעכט אויף טלאָמאַצקע דרייצן. זיי האָבן זיך טאָג ווי נאַכט אַרומגעטראָגן מיט זייערע כתבים און עקשנותדיק זיך באַמיט צו באַקומען אַ הסכמה פון אַ „פּראָמינענט", און אפשר אויך אַמאָל געדרוקט

צו ווערן. די „פראַמינענטן" האָבן ליב געשמייכלט און אַמאָל עמעצן אויס־געהערט מיט אַ פערטל אויער. קיין הסכמה האָט קיינער נישט געוואָלט געבן. צו וואָס ? אויף טלאָמאַצקע דרייצן באַדאַרף מען נישט קיין הסכמות. אַלע זענען דאָ גליַיך. די אומבאַקאַנטע און נאָמענלאָזע מיט די מוזעס אינם האַרצן האָבן ווייטער נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק.

טייל־מאָל האָט זיך אויך געטראָפן, אַז עמעצער פון די אומבאַקאַנטע איז, נאָך יאָרן־לאַנג זיך אַרומוואַלגערן אויף טלאָמאַצקע, פּלוצעם פאַר־שוואונדן געוואָרן. מן־הסתם האָט ער זיין געביין צוריק אַוועקגעטראָגן אין זיין שטעטל אַריין. מען האָט אים באַלד פאַרגעסן ווי דעם שאָטן פון אַ פויגל וואָס פליט פאַרביי. קיינער האָט זיך צומאָל נישט געפרעגט וואו ער איז אַהינגעקומען. צי איז ער אַוועק אין די מרחקים ? צי — בלע המות לנצח — האָט ער, חלילה, גענומען און געמאַכט אַ שטאַרב ?

טלאָמאַצקע דרייצן האָט געהאַט זייער אַ קורצן זכרון וואָס שייך אירע תושבים.

ערשט ווען מלך ראַוויטש איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון טלאָ־מאַצקע דרייצן איז געוואָרן אַ שטיקל אָרדענונג אין דעם בין־השמשות. די נאַקעטע נשמות פון דער יידישער ליטעראַטור, סיי די וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין פאַראיין און סיי די וואָס זענען געזעסן „אויף זייערע היוון" איבער די פליינען פון די יידישע שטעטלעך אין פוילן — זיי האָבן אין ראַוויטשן באַקומען אַ טאַטע און אַ פוסק־אחרון. ער האָט מיט דער גרעסטער אויספירלעכקייט געפירט אַ קאַרטע־טעקע פון אַלע וואָס האָבן זיך געפּרוואוט צוגרייטן צו זיין שרייבער. ער האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אָרעם און רייך (אין טאַלאַנט, פאַרשטייט זיך). אַלע זענען געווען ביי אים גליַיך, און צו אַלעמען האָט ער זיך באַצויגן מיט דער גרעס־טער ערנסטקייט, און געפירט זייער ליטעראַרישע קאָנטע און זייער חשבון־הנפש. האָט איינער געמעגט זיין דער גרעסטער גראַפאָמאַן און וואוינען ערגעץ אין דער אומבאַקאַנטקייט און אויף די ראַנדן פון לאַנד פוילן — מלך ראַוויטש האָט אים געקענט אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן ווי זיינע צען פינגער. ער האָט געדולדיק געענטפערט אויף אַלע בריוו און אַרויסגעגעבן ענדגילטיקע אורטיילן. שפּעטער, ווען מלך ראַוויטש איז געוואָרן ליטעראַרישער רעדאַקטאָר אין דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג"

האָט ער אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג געהאַט אַ באַזונדער ווינקל, וואו ער האָט זיך עפּנטלעך אויסגעטענהט מיט די וואַרטנדיקע אַנאָנימען און געטיילט בפני קהל ועדה סיי קאָמפּלימענטן, סיי פּעטש, סיי צוזאָגן אויף האָפענונגען און סיי ענדגילטיקע טויט-אורטיילן. ראַוויטשעס ליטע־ראַרישע אָפּטיילונג אין דער „פאָלקס־צייטונג״ איז געהאנגען איבער דעם ליטעראַרישן פוילן ווי אַ בליצנדיקע שווערד פון דין און פון רחמים.

מלך ראַוויטש, אין זיין ערנסטער באַציאונג צו אַלעמען, האָט אויך געהאַט דאָס גרויסע פאַרדינסט וואָס ער האָט באמת אַנטדעקט נייע יידישע שריפטשטעלער און זיי אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור. און זיי זענען דאָרט פאַרבליבן עד היום הזה. צו זיין גרעסטן פאַרדינסט אין דעם פּרט רעכן איך אים צו דאָס אַנטדעקן די דיכטערין רייזל זשיכלינסקי. זי איז פון די גאָמבינער פלוימען־סעדער געקומען מיט אירע לידער אויף טלאָמאַצקע דרייצן. אין דעם תוהו־ובוהו וואָס האָט דאָרט געהערשט אין דער ערשטער שטוב, ווער ווייסט צי עס וואָלט זיך עמעצער אומגעקוקט אויף דעם דאָזיקן פּראָווינצערישן מיידל? מלך ראַוויטש האָט געהאַט דאָס געדולד אויפ־מערקזאַם איבערצולייענען יעדן מאַנוסקריפּט וואָס מען האָט אים גע־ברענגט. האָט ער באַלד דערזען, אַז מיט רייזל זשיכלינסקי קומט אַריין איינע פון די אָריגינעלסטע דיכטערינס אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אַלצדינג געטאָן כדי איר דאָרט צו פאַרשאַפן דאָס אָרט, וואָס זי האָט זיך כשר פאַרדינט.

קאַפּיטל ניין

דער גרויסער מאָמענט אין לעבן פון מנחם קיפּנים. אייביקע יוגנט. דאָס מעשה־ביכל בלייבט בסתר־המדרגה און דאָס פֿאָלקס־ליד איז עולה־לגדולה. נאָך דער מלחמה שאַלט קיפּניסעס נאָמען איבער גאָר די תּפוצות. ער האָט חתונה מיט זימרה זעליגפֿעלד און גאַנץ קרוין־פּוילן פּאַרקאַטשעט די פּאָלעס און טאַנצט אים אַקעגן מיט אַ קוילעטש.

אין דער צווייטער שטוב פון טלאָמאַצקע דרייצן זענען געזעסן די אייגנטלעכע תושבים פון פּאַראַיין. יידישע שריפטשטעלער און זשורנאַ־ליסטן. עס איז געווען אַ גרויסער, רחבותדיקער און ליכטיקער זאַל. אויף די ווענט האָבן געהאַנגען פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער. אויבן־אָן איז געווען אַ פּאָדיום פֿאַר אַ פּאָרזיצער אָדער לעקטאָר. שפּעטער איז איבער דעם דאָזיקן פּאָדיום געהאַנגען אַ גרויס אייל־בילד פון י. ל. פּרץ. אַלע האָבן פּרצעס בילד באַטראַכט ווי דעם אידעאישן סימבאָל פון טלאָמאַצקע דרייצן.

אָפּטמאָל אין די אָוונטן פלעגן אין דעם דאָזיקן זאַל פּאָרקומען עפנטלעכע ליטעראַרישע פּאָרלעזונגען. וואַרשעווער יידישע יוגנט פלעגט באמת דעמאָלט קומען מאַסנווייז. דער פּאָדיום אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז געשטאַנען אין גרויס חשיבות ביי די וואַרשעווער ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור. פון דאָרט האָט מען געהערט לייענען די ווערק פון די אָנערקענטסטע יידישע שריפטשטעלער. מען האָט זיי געהערט רעדן. פון דעם דאָזיקן פּאָדיום האָבן אויך צו דער לייענער־יוגנט גערעדט די שריפט־

שטעלערישע געסט וואָס זענען געקומען קיין פּוילן פון די מרחקים און איבערהויפּט פון אַמעריקע. אַחוץ אין דער שטוב פון דער קאַנצעלאַריע און אין דעם זייטיקן שטיבל ביים פּאַדיום — האָט מען אין אָט־אָ־די ליטעראַרישע אָוונטן נישט געקאָנט דערקענען ווער עס איז פון די טלאָמאַצקער תושבים און ווער עס איז נאָר אַ פרעמדער וואָס איז געקומען הערן. אַלצדינג איז געשטאַנען אָפּן פאַר אַלעמען.

מיטאָג־צייט און אין די „טרוקענע״ אָוונטן, דאָס הייסט, ווען עס זענען אין גרויסן זאַל נישט געווען קיין פאַרלעזונגען, זענען דאָרט ביי די טישלעך געזעסן כמעט בלויז יידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן. די פּראָווינצער ערב־ליטעראַטן וואָס זענען נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען קיין וואַרשע און נאָר־וואָס געהאַט די זכיה אַ קוק אַריין צו געבן אין דעם גרויסן אינערלעכן זאַל פון פאַראיין — זענען לכתחילה היפשלעך אַנטוישט געוואָרן.

אויף דער פּראָווינץ אין פּוילן האָט זיך געלאָזט הערן פון דעם גרויסן זאַל פון טלאָמאַצקע דרייצן, וואו עס זיצן בייזאַמען די גרויסע נעמען און די קאַרפּן־קעפּ פון יידישן וואָרט. וואָס טוען זיי דאָרט? ס׳הייסט וואָס זיי טוען? זיי שאַפן אָדער שמועסן וועגן ליטעראַטור. אַזוי האָט מען געטראַכט אין די שטעטלעך. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט ביז די פּראָווינצער באַזוכער זאָלן זיך איבערצייגן, אַז די שרייבער זענען גאָר נישט מי־יודע וואָסערע איבער־מענטשן. ער האָט זיי גאָר געפונען עסנדיקע, — אָדער סתם פּלוידערן און טרייבן רכילותלעך.

ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע איז דער אייגנטלעכער בעל־הבית און די „שטאַרקע האַנט״ פון טלאָמאַצקע דרייצן געווען מנחם קיפּניס. ווערליק זיין אָפיציעלן אַמט איז ער דעמאָלט געווען נישט מער ווי אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, אָבער ער האָט געשאַלטעט און געוואַלטעט אין דער באַלעבאַטישקייט פון טלאָמאַצקע דרייצן אויף טויט און אויף לעבן.

מ. קיפּניסן האָב איך געקאָנט נאָך פון פּרצעס שטוב. ער איז געווען — אַזוי צו זאָגן — דער פאַרשטייער פון דער מוזיק ביי פּרצן אויף צעגליאַנע איינס. דעמאָלט איז קיפּניסעס ראָל געווען זייער אַ באַשיידענע. צי מחמת די יידישע מוזיק גופא האָט נאָך נישט געהאַט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צווישן די אַלערליי יידישע קונסטן וואָס פּרץ האָט אַרום

זיך געזאַמלט, צי איז עס געווען די שולד פון מ. קיפּניסן, וואָס זיינע גייסטיקע כוחות זענען געווען צו שוואַך כדי צו פאַרטרעטן ווי געהעריק די מוזיק אויף די פּליינען פון יידישן רענעסאַנס?

מער ווי אַלע אַנדערע איז גראַד קיפּניס געקומען צו פּרצן פון דער „גרויסער וועלט" אײנדרויסן. ער האָט געזונגען אין כאָר פון דער וואַרשעווער אָפּערע. אין „האַלקאַ" האָט ער אַפילו געהאַט אַ קליינע זעלבסט־שטענדיקע ראָל. אים איז אויסגעקומען איינער אַליין אַרויסצוטרעטן אויף דער אויסגעליידיקטער בינע. דאָס טעאַטער איז פול געווען מיט דער סמעטענע פון פּוילישן וואַרשע. אין די לאָזשעס זענען געזעסן פירשטן און גראַפן און די שענסטע פרויען פון וואַרשע. דאָרט זענען אויך געזעסן גענעראַלן און הויכע צאַרישע באַאַמטע. אין די פינצטערנישן פון טעאַטער־זאַל זענען אַלע געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אויף דער בינע איז געווען ליידיק און ליכטיק. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. דאָס ווינציקע פאַרשווינדל מנחם קיפּניס, אַנגעטאָן ווי אַ פּאַסטעך פון די קאַרפּאַטן־בערג, האָט געטאָן אַ לויף אַרויס פון הינטער די קוליסן. אויף זייער אַ ציטערדיק טענאָר־קולעכל האָט ער אַ געשריי אַרויך געטאָן אין דעם גרויסן פינצ־טערן און פול־באַזעצטן זאַל פון דער וואַרשעווער אָפּערע:

— „ער האָט זיך דערטרונקען!"

באַלד נאָך מנחם קיפּניסעס געשריי האָט זיך די שווערע און רייך־באַמאַלטע פאַרהאַנג פון דער וואַרשעווער אָפּערן־בינע אָנגעהויבן פּאַמע־לעכל אַראָפּצולאָזן. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט נאָך עטלעכע שאַרפע טאַקטן און איז אַנטשטומט געוואָרן. אין זאַל האָבן זיך אָנגעצונדן די גרויסע זשיראַנדאָלן. אויף די באַלקאָנען און גאַלעריעס איז געוואָרן אַ גערויש און אַ באַוועגונג ווי אין אַ פאַרביקן מוראַשניק.

דעמאָלט איז געווען דער דערהויבנסטער מאָמענט אינם לעבן פון קליינעם מנחם קיפּניס. מיט איין פראַזע פון זיין שוואַך און ציטערדיק טענאָרל האָט ער אָנגעמאַכט אַזאַ מהומה אין די וואַרשעווער „העכסטע פענצטער". נישט איין שיינע פּוילישע פירשטין אין אַ לאָזשע האָט אַ זיפץ געטאָן פון קיפּניסעס בשורה אַז „ער האָט זיך דערטרונקען!" ביי קיפּניסן אין האַרצן האָט עס אויפגעשלאָסן אַ ים מיט געפילן: אין דעם לעבן פון דער וואַרשעווער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע און אין דעם לעבן פון וואַר־

שעווער מעלאַמאַנען און מעלאַמאַנקעס איז פאַרט פאַראַן איין רגע ווען דער דריבנער און אומבאַקאַנטער מנחם קיפּניס איז דאָרט דאָס אויבערשטע פון שטייסל!

ווי אַלט איז מנחם קיפּניס? און וויפל יאָרן שלעפּט ער שוין אויף זיין רוקן? דאָס האָט קיינער נישט געקאָנט דערגיין. לצים האָבן אים געגעבן משותלחס יאָרן און האָבן געזאָגט, אַז נאָר איינצלנע וואַרשעווער זקנים געדענקען נאָך די צייטן ווען מנחם קיפּניס איז יונג געווען. קיפּניסעס יאָרן האָבן אויף דער עלטער גענומען און זיך איבערגעדרייט די קאַפּאָטע און גייען גאָר אויף צוריק. זינט איך געדענק — איך האָב אים געקאָנט אַ שלל מיט יאָרן — האָט מנחם קיפּניס געהאַט אַ קאָפּ מיט שוואַרצע האָר וואָס האָבן געגלאַנצט ווי פרישער שוואַקס.

ערשט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען געקאָנט זאָגן מיטן גאַנצן האַרצן: נישטאָ דער מענטש וואָס דערוואַרט זיך נישט אויף זיין מזל. ערגעץ אין די הימלען איז פאַרט געווען אַנגעגרייט אַ שטערן פאַר מנחם קיפּניסן. דווקא אונטער דער ממשלה פון די דייטשן האָט קיפּ־ניסעס שטערן גענומען אויפגיין מיט דער פולער ליכטיקייט.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָס יידישע פאָלקס־ליד געהאַט אַקוראַט דאָס אייגענע מזל ווי דאָס פּראָסטע פאָלקסטימלעכע מעשה־ביכל. ווער האָט געזונגען פאָלקס־לידער און ווער האָט געלייענט אַ מעשה־ביכל? סיידן אַ ייד צי אַ יידענע וואָס האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואוסט עפּעס בעסערס. די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט אַלע אַלטע מעשה־ביכלעך אַראָפּגעשטופּט גאָר גאָר טיף אין דער בסתר־המדריגה. מען האָט זיי כמעט אויפגעהערט לייענען. אַלטע מוכרי־ספרים האָבן זיי נאָך געהאַלטן צווישן דעם רומל פון סידורימלעך, ציצית און ארבע־כנפותן. מן־הסתם זענען נאָך געווען אַלטע ווייבער וואָס האָבן זיי געלייענט. די האַרציקע יידישע פאָלקס־לידער האָבן געזונגען בלויז דינסט־מיידלעך און אַלטע בעלי־מלאָכות וואָס האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין די פּראָגראַמען פון די מאָדערנע באַוועגונגען.

דאָס מעשה־ביכל האָט זיך נישט געקאָנט צוריק אַרויפכאַפּן אויפן אויבנאָן אַפילו איצט, אין דער נייער צייט, און עס איז פאַרבליבן דער

יורד און דער שלימזל. אַפילו פּרצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָבן נישט באַוויזן עס צו רעהאַביליטירן.

אָבער גאָר אַנדערש איז עס געווען מיטן יידישן פֿאָלקס־ליד.

פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס יידישע פֿאָלקס־ליד אויך נאָר געווען אַ תּושב ביים פּריפּעטשיק און ביים וואַרשטאַט. מיט אַמאָל האָט זיך עס געגעבן אַ רוק פֿאָראויס און איז געוואָרן אַ שם־דבר. עס איז געוואָרן פּאָפּולער אין אַלע קרייזן און אַלע זענען פּלוצעם געוואָרן דערויף מבינים. אַנשטאָט אַ שטיקל חזנות האָבן מנגנים גאָר אָנגעהויבן צו זינגען פֿאָלקס־לידער. די מאַדאַם אין דער סאַליע האָט עס העכער און אָפטער געזונגען ווי די דינסט־מויד ביים פּריפּעטשיק. דאָס פֿאָלקס־ליד האָט דער גאַנצער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע שיער נישט געוויזן אַ פֿייג. עס האָט זיך גאָר אַרויפגעשטופּט אויבן אויף דער מזרח־וואַנט.

פֿאַרן זינגער מנחם קיפּניס איז דאָס פֿאָלקס־ליד געווען די גאָלדענע קאָרט פֿון מזל. זיין נאָמען האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו קלינגען איבער פוילן ווי איינער פֿון די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן. איך ווייס נישט, צי איז עס טאַקע געווען דאָס פֿאַרדינסט פֿון קיפּניסן וואָס אין די תּפוצות ישראל פֿון פוילן האָט זיך אַנגעצונדן אַזאַ פֿייער פֿון ליבשאַפֿט צום יידישן פֿאָלקס־ליד. אָבער, אַז ער האָט אַריינגעטראָפֿן מיטן רעכטן פֿוס אין דער רעכ־טער סיטואַציע — דאָס איז זיכער ווי דער טאָג.

מנחם קיפּניס האָט סיי אין וואַרשע און סיי אין אַלע שטעטלעך אין פוילן געמאַכט עפֿנטלעכע קאָנצערטן. ער האָט געזונגען די אַלטע לידער וואָס עס האָט אַמאָל געזונגען דאָס פּראָסטע יידישע עמך. דאָס געלויפֿעניש צו הערן קיפּניסן איז געווען אין לשער. שפּעטער, אַז דער הלוך איז אים שטאַרק געילכ׳ט, זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן צו ווערן זייער פּאָפּולער, און אין אַלע שיכטן פֿון יידן אין פוילן האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען זיינע לידלעך, — האָט ער זיך מיישב געווען, אַז מען מוז עס מאַכן ווי ביי לייטן און ווערליך ווי ער געדענקט עס פֿון די גויאישע טעאַטערס. האָט ער אין סאַמע וואַרשע אויסגעפֿונען אַ מלמדס אַ טאָכטער, מיטן נאָמען זימרה זעליגפֿעלד. אַ מיידל נישט קיין מיאוסע, מיט אַ שיינער שטימע, און צוזאַמען מיט איר איינגעאָרדנט קאָנצערטן. זייער פּאָפּולאַריטעט און דאָס

געלויפעניש אויף זייערע קאָנצערטן האָט זיך דורך דעם פּאַרטאָפּלט און פאַרצענפאַכט.

די סענסאַציע איז נאָך געוואָרן גרעסער שפּעטער ווען קיפּניס און זעליגפעלד האָבן חתונה געהאַט און עולם איז געלאָפן אָנקוקן דאָס מוזישע פּאָר־פאָלק. קיפּניסעס רום איז פונדאָסניי געשטיגן אויף די פליינען פון פוילן.

די יאָרן אויף זיינע האָר און אויף זיין פּנים זענען געבליבן שטיין ווי שטייענדיקע וואַסערן. זיי האָבן זיך נישט גערירט. קיפּניס האָט אָנגע־האַלטן פאַר דעם וואָגן פון דער צייט און אים נישט געלאָזט פאָרן. כמקדם, ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק, האָבן זיינע שוואַרצע האָר געגלאַנצט. לצים האָבן געזאָגט, אַז ער באַגיסט זיי מיט אַזאַ כשוף־וואַסערל. די באַקן זיינע זענען געווען פריש און רויט.

אָבער בצל החכמה בצל הכסף. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דעם וועמען דער רבונו של עולם גיט געלט, דעם גיט ער אויך שכל. מ. קיפּניס האָט זיך אויף זיינע עלטערע יאָרן (ווערליק דעם פּאַספּאָרט, פאַרשטייט זיך) גענומען שרייבן הומאָריסטישע פעליעטאָנען אין „היינט". ער האָט זיי געשריבן מיט אַ באַלאַבאַטיש־פאָלקסטימלעכן הומאָר. ווידער האָט ער געהאַט גרויס דערפאָלג.

אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז מנחם קיפּניס געווען עטלעכע יאָר דער פאָלנער משגיח אויף ווירטשאַפטלעכער באַלעבאַטישקייט. דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דער גרויסער בריה. ער האָט יעדן טאָג געמאַכט נייע פאַראָנדקעס און האָט געשאַלטעט און געוואַלטעט — ווי מען זאָגט אויף דייטשמעריש — מיטן גרויסן יד חזקה.

קאַפּיטל צען

אומעטום איז הפקר־פּעטרישקע — מען פרעגט
נישט אויף קיין יחוס און חי־געטאַנצט! אויף די דילן
פון טלאַמאַצקע דרייצן. נאַמבערגס קולט פאַר אַ שאַטן־
האַפּטיקע און קאַפּריזנע גאַטהייט. קלאַרע.

אַ ווילדע לײדנשאַפט צום טאַנצן האָט אויך געהערט צום כאַראַקטער און רעקוויזיט פון אָט דער רוישיקער תקופה פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פאַר דער מלחמה האָט דאָס טאַנצן באַלאַנגט צו די יום־טובדיקע מאָמענטן אין לעבן. ס׳האָט געמוזט דערצו זיין אַ באַזונדערע געלעגנהייט. מען האָט זיך אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע מלבושים כדי זיך אַוועקצולאָזן אין ריטם איבער די דילן. אויך די טענץ זענען דעמאָלט נישט געווען אַזעלכע לייכטע און אויבנאויפיקע און אַזוי דעוואַלוּאירט ווי דאָס נאָך־מלחמה־געלט. כדי צו קענען טאַנצן האָט מען זיך געמוזט גוט אויסלערנען. די ריטמען פון אַ וואַלס און ענלעכע טענץ האָבן זיך געהאַלטן אין גרויסן און זיך נישט געוואָלט צופאַסן צו אַ ליאַדע פאַר פיס.

איצט איז אָבער פון אומעטום פאַרטריבן געוואָרן די אַלטע איינגע־פונדעוועטע וועלט. אומעטום, אויף אַלע געביטן איז אַרויפגעקומען אויפן אויבנאָן דער פּאַרוועניו. און אויך אויף די געביטן פון טענץ. דער וואַלס איז געוואָרן אַ יורד פונקט ווי די אַלטע גבירים. ס׳האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט טענץ וואָס זענען נישט מער געווען ווי שמינגע־דעגינגע, פלאַך און אויבנ־אויפיק, אָרעם אין ריטם און קלאַנג. זיי האָבן נישט געפרעגט אויף קיין יחוס. זיי האָבן זיך צו אַלעמען צוגעפּאַסט. אַבי מען האָט זיך נאָר גע־

קאַנט דרייצן, איז מען שוין געווען אַ טענצער. אַלע פּיס און אַלע אויערן זענען ניוועלירט געוואָרן אויף גלייך ביים „שימי״ און ביים „פאַקסטראָט״. עס איז געוואָרן אַ הפקר־פּעטרישקע און אַ חי־געטאַנצט!

אומעטום האָט מען געטאַנצט אַט־אָ־די אויפגעקומענע פּאַרוועניו־טענץ, און אַלע האָבן זיי געטאַנצט. אַלע קאָפּעס און לאָקאַלן, די רייכסטע און די ביליקסטע, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין טאַנץ־זאַלן. קיינער האָט קיינעם נישט געפרעגט: ווער ער איז. אַיעדער איז פאַר אַיעדערן גוט געווען פאַר אַ טאַנץ־פּאַרטנער. יינג און אַלט פוןביידע געשלעכטער האָבן זיך אַרויפגעלייגט די הענט אויף די גופים און זיך געדרייט צווישן עולם. עס האָט געהייסן — געטאַנצט. קיין אָרקעסטער האָט מען נישט באַדאַרפט. דער גראַמאָפאָן, אַט דער פאַרוועניו אין דער וועלט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, אַט די קאַטערינקע וואָס וויל נישט מער שפּילן אויף די הייף, נייערט אומעטום זיין דער אויבנאָן, אַט דער גראַמאָפאָן איז געווען דער ריכטיקער קלעזמער אויף דער דאָזיקער חתונה. אומעטום האָט ער זיך געדרייט און געשפּילט „שימי״ און „פאַקסטראָט״ און גערופן אַלעמענס פּיס זיך צו באַוועגן.

אויך טלאָמאַצקע דרייצן וואָס פון איין זייט האָט זי געהאַט די אַמביציע כלומרשט צו זיין עפּעס אַזוינס ווי צעגלאַנע איינס ביי פּרצן. פון דער אַנדער זייט איז זי גאָר געווען אַ ברויזנדיקער טאָפּ אין וועלכן די תקופה האָט געקאָכט אירע געקעכצן. זי, טלאָמאַצקע דרייצן, האָט נישט געקאָנטביישטיין דעם ביליקן טאַנץ־יצר־הרע וואָס האָט געקלאַפּט ביי אַלע טירן — און געטאַנצט אויף אַלע דילן.

איך גלויב אַז ס׳איז געווען מנחם קיפּניס — וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם פאַרטרעטער פון די מוזיקאַלישע מוזעס אין דער מאָדערנער יידישער קולטור — ער האָט פון טלאָמאַצקע דרייצן געוואָלט מאַכן די היים פאַר יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, און כדי עס זאָל זיי דאַרט נישט פעלן פון פויגל־מילך האָט ער געקויפט אַ גרויסן גראַמאָפאָן און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף דעם רעדנער־פּאָדיום אונטער דעם אייל־בילד פון י. ל. פּרצן.

אין די אָוונטן האָט אויך אויף טלאָמאַצקע דרייצן אָנגעהויבן צו שפּילן

דער גראַמאָפאָן. אויף דעם דיל פון דעם גרויסן זאַל האָבן זיך באַוויזן טענצער.

די תקופה האָט ליב געהאַט אַלצדינג צו טאָן אויף קאַפּויער און זי האָט דווקא געוואָלט צונויפמישן אַלע יוצרות. זי האָט עס אויך געטאָן אויף דעם דיל פון טלאָמאַצקע דרייצן. פאַר דעם לײדנשאַפּטלעכסטן הויפּט־טענצער האָט זי אַרויסגערוקט ה. ד. נאָמבערגן.

נאָמבערג איז געווען אַ נידעריקער, אַן איינגעבויגענער. ער האָט דווקא אויסגעקוקט היפּשלעך עולם־הבאַ׳דיק און האָט נישט געקאָנט פּטור ווערן פון זיין אַמאָליקער חסידישער „צעבראָכנקייט״. דערפאַר מן־הסתם האָט ער געהאַט ממש אַ חסידישן קולט פאַר עולם־הזה און פאַר אַלע אירע מאַטעריאַליסטישע גשמיות. צו אַלצדינג וואָס דער עולם־התחתון האָט געלאָזט וואַקסן אויף זיינע ביימער האָט ה. ד. נאָמבערג אַרויפגעקוקט מיט פרומקייט. ער האָט געוואָלט געניסן די עברות פון יצר־הרע מיט דער זעלביקער התלהבות ווי ער האָט אַמאָל געגאָסן די מצוות פון יצר־טוב. אומעטום האָט דער דאָזיקער אַסקעטישער גוף געוואָלט אַריינברענגען מאַטעריאַליסטישן וועלט־קולט. ער האָט אים אַפילו פאַרגעטערט אין דער ליטעראַטור און געזען אין נוסח י. מ. וויסנבערג איר אידעאַל.

די יאָרן זענען פאַרלאָפן. נאָמבערגס גוף איז בוודאי נישט געווען דער גרויסער בריה צו טראָגן אויף זיך די לאַסט פון די יאָרן און ער האָט זיך געבויגן אונטער זיי. דאָס פּנים איז אים געוואָרן צעאַקערט אין טיפע עלטער־קנייטשן, בלויז די שיינע בלויע אויגן האָבן נאָך דערפון אַרויס־געלויכטן. ער איז געוואָרן נאָך מער איינגעבראָכן און איינגעבויגן און האָט באַקומען אַ שטיקל הויקער. דערצו האָט ער פון זיך אַרויסגעהוסט דאָס חיות. די פּאַפּיראָסלעך וואָס ער האָט גערויכערט ווי אַ קוימען האָבן אויך געטאָן דאָס זייעריקע — אַלצדינג אין אים צו צעשטערן. אין דער ליטעראַטור האָט ער אויך שוין געהאַט אָפּגעגעבן זיין האָניק און ער איז געבליבן בלויז דער באמת גלאַנצנדיקער זשורנאַליסט. וויפל דער עולם־הזה האָט זיך ניט אָפּגערעכנט מיטן רוקן פון ה. ד. נאָמבערגן און אים געוויזן די גרויסע פייג, פאָרט איז נאָמבערג כסדר פאַרבליבן ביי זיין פרומען קולט

פאַר דער דאָזיקער שאָטנהאַפטיקער און קאַפּריזנער גאָטהייט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען אירע לויבן.

אין דעם אַלטן חרובן גוף פון הירש דוד נאָמבערג האָט זיך אויפגעוועקט אַ ליידנשאַפטלעכער חשק צו טאַנצן און זיך צו באַוועגן אין ריטמוס פון „שימי" און „פאַקסטראָט" אויף די דילן פון טלאָמאַצקע דרייצן. מן־הסתם איז עס געווען די לעצטע עבודה מיט וועלכער ער האָט נאָך באַוויזן צו דינען דעם פאַרגעטערטן עולם־הזה. און ער האָט עס געטאָן מיט דער פרומקייט, וואָס אַמאָל אין די גאָר יינגע יאָרן איז זי ביי אים געווען חסידיש, שפּעטער — אַפּיקורסיש און נאָך שפּעטער — מאַטעריאַליסטיש.

עס האָבן נישט געפעלט קיין פאַרטנערקעס מיט וועלכע נאָמבערג זאָל זיך קאָנען דרייען אויפן דיל אונטער די קלאַנגען פון דעם גראַמאָפאָן. אויף יעדן אָלימפּ פעלן נישט קיין מוזעס. זיי האָבן אויך נישט געפעלט אויף טלאָמאַצקע דרייצן. עס פלעגן דאָרט אַרויפקומען אַלערליי מיידלעך און ווייבלעך. מען האָט זיי גערופן די „ליטעראַרישע ביילאַגעס". דאָס זענען געווען פריינדינעס און באַקאַנטע פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן און זיי זענען עס געווען די פאַרטנערקעס צום טאַנצן.

***

טיילמאָל האָט די געשיכטע ליב איבערצוחזרן געוויסע סצענעס פון איר שוישפּיל אויף דער בינע פון דער צייט. די געשיכטע חזרט זיך איבער — הגם זי טוט עס מיט שטאַרק פאַרענדערטע וואַריאַנטן און קאָרעקטורן.

אַמאָל, אויף צעגלאַנע איינס ביי פּרצן, האָט זיך באַוויזן די עקזאָטישע טאָטשע. אויך אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַן אייגנאַרטיקע און עקזאָטישע פרויען־געשטאַלט. דאָסמאָל האָט די געשיכטע בעסער געטראָפן מיט טלאָמאַצקע דרייצן ווי מיט צעגלאַנע איינס.

זי האָט געהייסן קלאַראַ.

געבורענגט האָט זי ז. סעגאַלאָוויטש פון אַ פּראָווינץ־שטעטל טאָמאַשאָוו. צווישן די פּראָווינצערישע מיטלמעסיקע ווייבער פון טלאָמאַצקע דרייצן איז קלאַראַ אַריינגעקומען ווי אַן אַטראַקציע, ווי אַן אַמאַזאָנקע פון די מרחקים. לויט אירע יינגע יאָרן איז שוין קלאַראַ אויסגעווען אַ וועלט.

געבוירן איז זי געוואָרן אין ווייטן מאַנדזשוריע, דערצויגן אין סיביר און אין פעטערבורג. די מלחמה־יאָרן האָבן זי פאַרוואָרפן קיין טאַמאַשאָוו. איצט איז זי געקומען קיין וואַרשע און גראָד אויף טלאָמאַצקע דרייצן. און גע־קומען איז זי מיט אַ סך אַמביציעס.

אַ סך האָבן קלאַראַן געהאַלטן פאַר אַ גרויסער שיינקייט. די דאָזיקע שיינקייט האָט געזאָלט אויפהויבן דעם ווערט פון דער מוזעס־וועלט אין ליטעראַטן־פאַראיין. ענדלעך האָט זיך באַוויזן די ריכטיקע! זי האָט טאַקע געהאַט אַ סך חנען און מיט די דאָזיקע חנען האָט זי געקאָנט נעמען הערצער. דערצו איז זי געווען אַ קלוגער מענטש מיט הומאָר און מיט אַ שאַרפער גייסטרייכער צונג. אין ווערטער־קאַמף איז זי קיינמאָל נישט געבליבן הינ־טערשטעליק. זי איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ. צו אַלעמען האָט זי געקאָנט זיין זייער חבריש, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, צו די מאַנסבילן, וואָס האָבן געפלאַטערט אַרום אירע פלאַמען. זיי האָבן זיך אַלעמאָל אָפּגעברענט די פליגלען.

קלאַרע האָט שיין און מיט פיל שאַרם געזונגען יידישע פאָלקס־לידער. זי האָט זיך געריסן צו די ברעטער פון דער בינע. אין יענער וועלט פון סאַמע אילוזיעס האָט זי געוואָלט שפּילן דאָס דעמאַנישע ווייב. ווי טאָטשע, אַמאָל ביי פּרצן, האָט קלאַראַ אויך נישט געוואוסט צו מאַכן אַ חילוק צווישן שפּיל אוןווירקלעכקייט. דערמיט האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שיקזאַל פאַר אַנדערע און פאַר זיך אַליין.

ווי מען האָט מיר דערציילט האָט מען קלאַראַן צום לעצטן מאָל געזען אַן אַלטע, אַ גרויע און אַן אָפּגעריסענע צווישן די מחנות יידן וואָס די דייטשן האָבן געטריבן איבער די גאַסן פון דער וואַרשעווער געטאָ. מען האָט זיי געטריבן צו דעם אַזוי גערופענעם „אומשלאַג־פּלאַץ”. קלאַראַ איז אַזש פון ווייטן מזרח אַהער געקומען קיין פוילן כדי דאָ פאַרברענט צו ווערן אין די דייטשע גאַז־אויוונס.

קאַפּיטל עלף

פּרץ מאַרקיש קומט פון רוסלאַנד און רופט אויס דעם יום־הדין אויף טלאָמאַצקע דרייצן. די לאָדזשער „יינג־יידישיסטן" ווערן אַראָפּגערוקט צו דער טיר פון דעם באַרג אָלימפּוס. ווייסנבערג זעצט זיך אַוועק אויף פּרצעס שטול און וויל ווערן „רבי". ער טיילט סמיכה — דערויף פעלן נישט קיין בעלנים אויף די פּליינען פון קרוין־פּוילן.

אירע גרויסע און איינציקע שטורעם־טעג האָט טלאָמאַצקע דרייצן געהאַט בעת יידישע שרייבער האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען קיין פּוילן פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, אַרום 1920.

זיי זענען אַהער געקומען ווי אַזעלכע וואָס האָבן זיך פון דעם רעוואָלוציאָנערן מבול געוואָלט אַרויסקריגן און זיין אויף רואיקערע ברעגעס. זיי האָבן אָבער די רעוואָלוציע, אירע פּאַרמעסטן און איר אימפּעט מיטגעבראַנגט אין זייערע טשעמאָדאַנעס. אין די רוסישע מרחקים זענען געפאַלן אַלע געטער אונטער דער האַק פון די באָלשעוויקעס. אויך יענע יידישע שרייבער זענען אַהער געקומען מיט אַ הילך אין די אויערן און מיט אַ האַק אין די הענט. אין פּוילן האָבן זיי אויפגעהויבן די האַק אויף טלאָמאַצקע דרייצן און אויך אין דער יידישער ליטעראַטור אָנגעהויבן צו וואַרפן געטער.

בראש פון די וואַרפער און שטורעם־טרעגער וואָס זענען אַהער געקומען פון רוסלאַנד איז געשטאַנען פּרץ מאַרקיש. אויסערלעך האָט ער אויסגעקוקט ווי אַן אויפגייענדיקער אַפּאָלאָ און ווי אַ גאָט פון געזאַנג און

געוויטער. ער האָט געהאַט אַ שיינעם קלאַסישן קאָפּ וואָס מען זעט נאָר אויף אַנטיקע סקולפּטורן. אין פּרץ מאַרקישן האָט געברויזט און געקאָכט אַ טעמפּעראַמענט ווי ער וואָלט געווען אַ גייענדיקער ווּלקאַן. זיינע לידער זענען אויך געווען די שטיקער קאָכעדיקע לאַווע וואָס דער דאָזיקער ווּלקאַן האָט פון זיך אַרויסגעשאָסן מיט אַ סך ווילדקייט און מיט אַ סך שפע. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, צי פּרץ מאַרקיש איז געווען אַ געשטאַלטנדיקער דיכטער צי עפּעס ווי אַ געוויטער וואָס זאָגט קינות און מאַכט געוואַלדן און אין איינוועגס איז ער אויך אַ שאַליקער שופר־של־משיח. אין פּוילן און אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט ער אויסגערופן דעם יום־הדין איבער אַלע און אַלעמען. גרויס און קליין האָט אַרומגעכאַפּט אַ ציטער ווען זיי האָבן געהערט דאָס געברום פון דעם נייעם לייב.

די יינג־יידישיסטן אין לאָדזש מיט משה בראָדערזאָנען בראש האָבן צומאָל נישט געוואַרט ביז עס וועט זיי טרעפן די פייערדיקע שווערד פון פּרץ מאַרקישן. זיי האָבן באַלד קאַפּיטולירט און אויסגעצויגן די לאַפּקעלעך. די, וואָס ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי אַלעמען געדראָעט מיט דער דיכטערישער האַק, זענען מיטאַמאָל געוואָרן נידעריקער ווי גראָז און גע־זוכט חסד און אָנערקענונג ביי די נייע ברויזנדיקע געטער פון טלאָמאַצקע דרייצן. פּרץ מאַרקיש האָט אָבער מיטגעבערענגט מיט זיך אַלע מידות פון אַ באַלשעוויק. ער האָט נישט געוואוסט וואָס עס הייסט אַזוינס איינזעעניש און רחמים. האָט ער גענומען און די לאָדזשער יינג־יידישיסטן — און ווידער מיט משה בראָדערזאָנען בראש — אַוועקגעזעצט גאָר פון אונטן, כמעט ווי ביי דער טיר פון דעם באַרג אָלימפּוס. די לאָדזשער האָבן מאַרקישן נאָך דערפאַר געזאָגט אַ שיינעם דאַנק און געגעבן אַ קוש אין דער האַנט אַריין. זיי זענען געווען גליקלעך מיטן געשאָנקענעם לעבן און געשריגן: עס לעבע פּרץ מאַרקיש! בראָדערזאָן, וואָס אָקערשט פאַראַיאָרן איז ער געווען „דער פּרינץ פון מזרח״, האָט היינט אַליין בידים צוגעטראָגן פּרץ מאַרקישן די גאָלדענע שליסלען צו דעם פּאַלאַץ פון די מוזעס.

טלאָמאַצקע דרייצן האָט אָנגעהויבן איבערצולעבן איר יוגנט און אירע שטורעם־טעג. די אַלטע פאַרמלחמהדיקע שרייבער וואָס האָבן דעם לאָקאַל באַטראַכט נייערט ווי אַ מקום־מנוחה — זיי זענען געוואָרן כמעט ווי אין דער בסתר־המדריגה. אַפילו נאָמבערג ווען מען האָט געהאַלטן

פאַרן וועטעראַן פון דער קלאַסישער צייט אין דער יידישער ליטעראַטור, איז געשטעלט געוואָרן אין שאָטן. ער איז געוועזן געגוג קלוג כדי מען זאָל אין אים נישט דערקענען די מינדסטע פאַרביטערונג. איצט האָט ער געהאַט צוויי טעטיקייטן אין זיין לעבן: די זשורנאַליסטיק און דאָס טאַנצן אויף די דילן פון טלאָמאַצקע, זיינע גלאַנץ־טעג און זיינע שאָפערישע אַמביציעס האָבן אָפּגעבליט. ס׳איז געקומען פאַר נאָמבערגן דער ווינטער בעת אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך דיביימער צעבליט ווי אין חו״ש מאַי. ער האָט האַלב סקעפּטיש און האַלב דערוואַרטנדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מן־הצד צוגעקוקט ווי עס וועלן אויפלייכטן די נייע שטערן.

דער צווייטער וועטעראַן אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז געוועזן י. מ. ווייסנבערג. אין פּרצעס צייטן איז ווייסנבערג, אַזוי צו זאָגן, געוועזן דער טאַטע פון אַ יידישן נאַטוראַליזם. וועגן ווייסנבערגס ראָל און זיינע פאַר־דינסטן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אויך וועגן אים פּערזענלעך און די אויסוועגלאָזיקייטן פון זיין שאַפן האָב איך אויף אַנדערע ערטער אַ סך מאָל גערעדט אוי איך וויל מיך נישט איבערחזרן. אינטערעסאַנט איז, אַז [illegible] ווייסנבערגז איז געקומען אַ גרויסער איבערברוך. שפּעטער האָט ער איי[illegible]נקטיוו דערפילט זיין קינסטלערישע טראַגעדיע און מיט אַלע כוחות הצ[illegible]ער געפּרואווט צוצושווימען צו אַ ברעג.

אין ווייסנבערגן האָט זיך אָבער נוקם געווען זיין קולט פאַרן גאָר פּרימיטיווסטן. ער אַליין האָט אויך גאָרנישט געטאָן אַרויפצושטייגן העכער איי[illegible] פאַרטיפונג. ווען ער האָט עס אָנגעהויבן טאָן איז שוין געווען פאַר אים צו שפּעט — און ער איז פאַרקראָכן אין אַזעלכע בויבעריקס וואו ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן.

י. ל. פּרץ איז געוועזן טויט. די אויטאָריטאַטיווע פיגור וואָס איז גע־שטאַנען איבערן קאָפּ פון יעדן יידישן שריפטשטעלער אין פּוילן איז מער ני[illegible] געוועזן. אויב די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז געוואוינט געוועזן צו אַ רבי, האָט זיך די מאַניע צו זיין אַן אויטאָריטעט און אַ רבי לייכט אַריינ־געכ״פּט אין די קעפּ אויף וועלכע מען האָט אַמאָל געלייגט גרויסע האָפע־נונגען. מיט פיל האָפערדיקייט האָבן זיי זיך דערמאָנט וואָס פּרץ האָט געהאַט אַמאָל וועגן זיי געזאָגט און מען האָט אָנגעהויבן אויסצומינצן אַ סך

נישט־דערפילטע צוזאָגן. עס זענען אויסגעוואַקסן מאַכט־אַמביציעס. דער גרויסער באַלעבאָס איז געלעגן אויפן גענשער בית־עלמין — און עס האָט זיך אָנגעהויבן די מחלוקה וועגן דער ירושה.

י. מ. וויסנבערג האָט פלוצעם אָנגעהויבן צו ווערן אַ פרעטענדענט אויף אַ פירערישער פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור.

באַלד ווי פרץ איז געשטאָרבן און די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אימפּעט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. אויך וויסנבערג איז מיטגעריסן געוואָרן. אין אים האָט זיך געוועקט אַ דראַנג צו אַ גרויסער טעטיקייט. זיינע גייסטיקע האָריזאָנטן פאַר דער וועלט זענען אָבער געווען באַגרענעצטע. אינטעלעקטועלע באַגרענעצטקייט פאַר אַ קינסטלער איז נישט בלויז וואָס עס באַגרענעצט זיינע מעגלעכקייטן. עס איז נאָך ערגער: זיינע שאַפערישע אייגנשאַפטן, זיינע אַנונגען און פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלען זיך דורך דער באַגרענעצטקייט אין בלומען וואָס וואַקסן אין דער פינצטערניש. פון בלומען אין דער פינצטערניש ווערן דערנער און ווילד־גראָז. עס וואַקסן אויס פּאַטאַלאָגישע פאַרפּלאָנטערט־קייטן וואָס בינדן דעם קינסטלער הענט און פיס און מאַכן פון אים אַ תל־עולם.

וויסנבערג האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ פאַרלעגער. וויסנבערג האָט זיך אויף אַן אומגליקלעכן אופן אַרויפגעזעצט אויף דעם ליידיקן שטול וואָס איז געבליבן נאָך פרצן — און ער האָט אָנגעהויבן אויסצוטיילן „סמיכות״.

צווישן די פאַרביטערטע און געקריוודעטע ליטעראַרישע אָנפאַנגער האָבן נישט געפעלט קיין בעלנים צו באַקומען „סמיכה״. אויפן ליטעראַרישן הימל פון נייעם פוילן האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן אָן אַ שיעור דיכטער, עסייאיסטן, קריטיקער און נאָוועליסטן וואָס האָבן זיך געשאַרט אַרום איטשע מאיר וויסנבערגן און געפּאָכעט מיט זיין אָנערקענונג.

דערצו האָט וויסנבערג פאַרלאָזט זיין אַמאָליקן נאַטוראַליסטישן זשאַנער און זיך גענומען צו געבן „מוסטערן״ ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן ליטעראַטור וועדליק זיינע — וויסנבערגס — השגות. ער האָט גאָר אָנגעהויבן צו פאַרגוואַלדיקן דאָס אַבסטראַקטע און מעטאַפיזישע, אויף וואָס ער האָט זיך לחלוטין נישט געקענט. מען קאָן דאָך נישט אַריינגיין

מיט פאַרמאַכטע אויגן אין די העכערע טונקלענישן פון מענטשלעכן געמיט. מען קאָן נישט אַריינקומען ווי גאָר אַ פרעמדער אין די וואונדערלעכע איבער־היכלות וואָס עפענען זיך איבער אַלע ווירקלעכקייטן. וואו עס הייבט זיך אָן דאָס אויפלויכטנדיקע נישט־וויסן — דאָרט גראָד קאָן מען קיין טריט נישט טאָן אָן אַ סך וויסן. מען קאָן דאָרט לייכט ברעכן דאָס גניק. די געטער נעמען צו דעם שכל ביי דעם, וואָס ווייסט נישט ווי מען דאַרף אויף זיי קוקן.

ווי יעדער קינסטלער האָט ווייסנבערג מן־הסתם געהאַט אַנונגען פון דעם אַלצדינג. אַנונגען, אַז די וועלט לאָזט זיך נאָך נישט אויס אין די אונטערשטע דערשיינונגען פון אירע פרימיטיווע נאַטוראַליסטישע ווירקלעכקייטן, און אַז דווקא אין די געשטאַלטונגען פון פאַנטאַזיע און מחשבה — דאָס הייסט, אין די אַספעקטן פון אַ העכערער און קלאָרערער דערקענטעניש — עפענען זיך פאַר דער וועלט נייע וועגן. זי ווייזט זיך אונז דאָרט אין נייע ליכטער.

קאַפּיטל צוועלף

די ביטל־שניידער פון זשעליכאָווער יאַריד. די ליטוואַקעס פאַרשאַכערן זייערע פאַלשע בריליאַנטן. דאַלאַי מיט די ליטוואַקעס און מיט זייערע געלערנט־קייטן! פּוילישע יידן מוזן נעבעך פונדאַסניי זינגען „מה־יפית״ — און ביי וועמען? ביי יידן פון דער ליטע. איינשטיינען שפּילט דאָס מזל—און ער איז פאַרט נישט קיין ליטוואַק! זאָל ער רעדן, דער בלאָפער!

י. מ. וויסנבערג האָט זיך אויסגעקליבן טלאָמאַצקע דרייצן פאַר דעם שלאַכט־פעלד פון זיינע קאַמפן. די פּאָזיציעס פון זיין טעריטאָריע זענען געווען די זשורנאַלן וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. יעדן טאָג האָט ער דאָרט אַנטדעקט נייע טאַלאַנטן און אויסגעטיילט סמיכות. זיינע אייגענע שאַפונגען האָט ער אַרויסגעגעבן אין בראָשורן און אין דיק־בענדיקע ביכער. שאַ־פונגען אויף אַלערליי געביטן. דאָרט האָט ער פאַרלוירן נישט בלויז זיין אַמאָליקן טאַלאַנט, נאָר אויך זיין אַמאָליקע קערנדיקע און בילדערישע שפּראַך —— און זיין מענטשלעכע לאָגיק.

כמעט אַלעמען אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט וויסנבערג מבטל געווען. פאָרט פלעגט ער דאָרט אָפּזיצן גאַנצע טעג. ווינטער איז ער אַהין אַריינ־געקומען אָנגעטאָן אין אַ קורץ פויעריש פעלצל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט —— און מיט זיינע שאַרפע פויערישע אייגעלעך געקוקט אויף דעם טומלדיקן ליטעראַרישן יאַריד. צו קוקן איז געווען פאַר אים אַ סך. קודם־כל האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם טומלען פון די נייע פּאָעטן, פּרץ מאַרקיש און זיינע מיט־דיכטער. הגם צווישן די פּאָעטן וואָס וויסנבערג האָט אַנטדעקט און

אַרונטערגענומען אונטער זיינע פליגלען זענען אויך געווען אַ סך, וואָס האָבן געדעדט קוידערוועלש. זיינע אייגענע, ווייסנבערגס, „מיסטעריעס" זענען אויך געווען קוידערוועלש. אָבער עס זענען פּאַרט געווען ווייסנבערגס קוידערוועלשן: פּרימיטיווע שטאַמלענישן, שטאַמלענישן פון נפֿהלעך וואָס האָבן נאָך נישט אַדורכגעבראָכן קיין שום אייערשאָל. דאָס, זעט זיך אויס, האָט ווייסנבערג באַנומען. יענע אָבער, די מאַרקישיסטן, זענען געקומען מיט די בילדער, ריטמען און פֿאָרמען פון אַ רעוואָלוציאָנער־רער ליטעראַרישער קולטור. דער שטורעם אין דעם גלאָז־וואַסער אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז געווען דער אָפּהילך פון די גרויסע, די אויפֿטרייסלענדיקע באַוועגונגען וואָס די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט פּאַנאַנדערגעפּענטעט איבער דער וועלט־ליטעראַטור. די דאָזיקע עברי איז געווען צו ראַפֿינירט פֿאַר ווייסנבערגן.

ווי אַלע פּרימיטיווע מענטשן האָט ער כסדר חושד געווען, אַז דאָס וואָס ער פֿאַרשטייט נישט איז גאָלער שווינדל, און אַז אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אַריינגעכאַפּט די „בייטל־שניידער" וואָס ער געדענקט פון די יאַרידן אין זיין שטעטל זשעליכאָוו. די אַמאָליקע פערד־גנבים האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר פּאָעטן און זיי זענען אַהער געקומען פּראַווען זייערע גנבהשע שטיק אויף דעם ליטעראַרישן יאַריד וואו ער, איטשע מאיר ווייסנבערג, האָט אויפגעשטעלט זיין אייגן קרעמל. מען מוז גוט האַלטן אויג אויף אַט די אַלע קונצנמאַכער און דראָטן־גייער. כלומרשט זענען זיי אַהער געקומען רק משמח צו זיין דעם עולם —— אָבער דער עיקר מיינען זיי עפּעס אָוועקצולקחנען. זיי ווילן דאָ אַלעמען פֿאַרטומלען די קעפּ כדי מען זאָל זיי נישט קוקן אויף די גנבהשע פינגער. אָבער ער, ווייסנבערג, האָט, דאַנקען גאָט, נאָך אַ קלוגן קאָפּ אויף די פּלייצעס.

ער האָט זיך צוגעקוקט און פֿאַרביסן געשוויגן. טיילמאָל האָט ער געטאָן אַ ביטערע שמייכעלע. ער איז דאָ געזעסן אויף טלאָמאַצקע דרייצן מיט דער כוונה אויסצושפירן די פּאָזיציעס פון פיינט, כדי מיט נאָך מער קראַפֿט און פייער אים אָנצוגרייפֿן אין די ביכער און זשורנאַלן וואָס ער, ווייסנבערג, האָט רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן. דאָרט האָט ער נישט געשוינט גרויס און קליין. די געטער פון טלאָמאַצקע דרייצן האָט ער געמאַכט צו בלאָטע און געשריבן וועגן זיי דאָס ערגסטע. ער האָט זיך נישט אָפּגע־

שטעלט פאַר די אומדרוקבאַרסטע אויסדרוקן כדי צו טרעפן די שרייבער פון וועלכע ער האָט נישט געהאַלטן. ביז ער האָט זיך צום סוף דערטראַכט צו די קוואַלן פון דעם אַלעם שלעכטן מיט וועלכן עס איז — ווערדליק זיין מיינונג — פול די יידישע ליטעראַטור. און דאָ האָט זיך אין ווייסנבערגן געוועקט דער אַלטער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם פון פּוילישע יידן.

ער האָט זיך דערטראַכט: אין אַלדאָסבייז וואָס האָט געטראָפן דער יידישער ליטעראַטור זענען שולדיק די ליטוואַקעס. זיי האָבן עס געבערענגט דעם האָקוס־פּאָקוס פון פאַלשער קונסט און ווילן מיט דעם אומברענגען די גאַנצע האַרעוואַניע מיט וועלכע פּוילישע יידן האָבן אויפגעבויט די יידישע ליטעראַטור. די ליטוואַקעס טוען עס פּיפּיק און פאַרשאַכערן דאָ זייערע פאַלשע בריליאַנטן. עס איז זיי שווער באַלד צו כאַפּן ביי דער האַנט — ווייל זיי האָבן זיך אָנגעפּויקט מיט אַלערליי ביכער און וואַרפן אין דער לופטן מיט אַלערליי געלערנטקייטן. ווייסנבערג האָט געהאַפט, אַז מיט דער צייט וועט ער אויך דעמאַסקירן אָט אָ די געלערנטקייטן. דערווייל טאָר מען אויף אַ רגע נישט אויפהערן אַלעמען חושד צו זיין, מיט אַלעמען צו זיין פאַרזיכטיק און אַלעמען צו קוקן אויף די פינגער.

אָבער איידער וואָס און איידער ווען דאַרף מען קודם־כל אויסראָטן דאָס גרעסטע ליטווישע בייז — און דאָס, נעמלעך, זייער יידישן אויסלייג.

מיט וואָס האָבן עס די ליטוואַקעס פאַרדינט אַז פּוילישע יידן זאָלן אָנהייבן צו שרייבן יידיש מיט דעם ליטווישן אויסלייג? דאָס איז אויך געווען אַ שאַלקהאַפטיק ממזר־שטיקל פון די פּיפּיקע ליטוואַקעס כדי צו מאַכן פון פּוילישע יידן פּיפּקע און זיי צו האַלטן אונטער דער ליטווישער ממשלה. דורך דעם אויסלייג וועלן פּוילישע יידן פאַרגעסן זייערע טייערע „פּתחן" וואָס זענען פול מיט נגינה און געמיט און וועלן אָנהייבן צו טראַכטן און צו רעדן מיט די שפּיציקע ליטווישע „קמצן". פּוילישע יידן וועלן, חלילה, פאַמעלעך זיך איבערדרייען די שיינע קאַפּאָטעס און ווערן ליט־וואַקעס. דאָס באַטייט דער חורבן פוילן און דער חורבן פון דער יידישער ליטעראַטור. יידישע שרייבער האָבן זיך פון די ליטוואַקעס געלאָזט אַריינ־נאַרן אין זאַק און האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן מיטן אויסלייג פון דער ליטע. זיי האָבן זיך, נעבעך, די נאַאיווע, אַליין אָנגעטאָן דעם כאָמעט אויף די העלזער און זענען געוואָרן נייערט משרתים ביי דעם ליטווישן האָקוס־

פּאָקוס. די אויסגעטריקנטע ליטוואַקעס פּייפן אויף זייערע פּייפעלעך און יידישע שרייבער מוזן טאַנצן אַ נייעם „מה־יפית״. אַז עס איז אַזוי — אין דעם איז ווייסנבערג זיכער געווען ווי אין זיינע צען פינגער. דערימאַך האָט ער אָנגעהויבן דעם קאַמף מיט דעם אַלף איידער ער וועט צוקומען מיטן בעזים צו דער תיו. זיינע זשורנאַלן און ביכער — ווי אויך די ביכער פון זיינע תלמידים וואָס זענען אַרויס פון זיין פאַרלאַג — האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן מיט אַן אָרטאָגראַפיע וואָס שטימט פולשטענדיק מיט דער פּויליש־יידישער פּאַנעטיק. ער האָט דערמיט דעם פּלאָנטער פון זיינע שאַפּונגען נאָך מער פאַרפּלאָנטערט. איידער דער געדאַנק האָט זיך אין זיי אָנגעהויבן צו אָריענטירן, איז שוין דאָס אויג געשטאַנען פאַר אַזאַ כאַאָס פון אויסלייג, אַז ס׳האָט ממש אָנגעהויבן צו שווינדלען מיט תרגום־בויבעריק.

אַחוץ פון די ליטוואַקעס, איז דאָס בייז אין דער יידישער ליטעראַטור געקומען אויך פון אַנדערע קוואַלן. עס איז געקומען פון דער נייער פּראָזע און דיכטונג אין אַמעריקע, פון פּרץ מאַרקישן און אַנדערע אָנגעקומענע „שטורמער און דרענגער״. עס איז געקומען אויך פון שלום אַשן וואָס האָט אויפגעהערט צו שרייבן פון דעם אַלטן גוטן שטעטל און איז זיך פאַר־גאַנגען מיט דער פען איבער האַצעפּלאַצישע מרחקים. וועדליק ווייסנבערגן האָבן זיך אין שלום אַשס לעצטע ווערק פּשוט אַריינגעכאַפּט ליטווישע דיבוקים און זיי פּראַווען דאָרט שוואַרץ־שבת. צו אָט די אַלע ענינים איז ווייסנבערג צוגעגאַנגען מיט אַ פּרימיטיוון פּויערישן אויספיר און מיט אַ חשד, אַז מען גייט אים דאָ אָנטאָן אַ ספּאָדיק און ביי אים אויסנאָרן די פּאָר גראָשן וואָס ער האָלט פאַרבונדן אין אַ פּאַטשיילע.

די נייע צייטן וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטעטל און צווישן יידישע שריפטשטעלער האָבן אויך געבערענגט נייע ווינטן. און די ווינטן האָבן דערציילט פון דער גרויסער וועלט. עס זענען אָקערשט פאַרלאָפן די יאָרן ווען צענדליקער מיליאָנען מענטשן זענען געשטאַנען אויף שלאַכט־פעלדער איבער דעם גאַנצן פּלאַנעט און האָבן זיך געממיתט מיט די ראַפי־נירטסטע און אויסטערלישסטע כלי־זיין. שטעט האָבן געברענט אין אַלע וועלט־טיילן. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרניכטן אויך אין די טיפענישן פון די ימים און אין די הויכענישן פון די הימלען. ווען די גע־שיכטע עפנט־אויף אירע אָפּגרונטן באַפרוכטעט זיך אויך די מחשבה

סיי אין טעאָרעטישן און סיי אין פּראַקטישן פּרט. דער מענטש זעט ווי נישטיק ער איז אינמיטן די אור־שפּילן פון דער וועלט. ער הייבט אָן די וועלט צו באַטראַכטן און וועגן איר זיך צו באַזינען. ער לווישט אָפּ אירע דרכים און אירע געזעצן. פון איין זייט קומט ער צו אַ חשבון־הנפשדיקער מחשבה. פון דער אַנדערער זייט — וויל ער נאָכטאָן די געזעצן פון דער וועלט. ער וויל פון אירע כוחות קאָנסטרואירן מעכאַניזמען וואָס זאָלן אים דינען ווי קאַליבאַן דעם קיניגלעכן צויבערער פּראָספּערא אין שעקספּירס „שטורעם״.

פון דעם אַלצדינג האָט מען אויך געשמועסט אויף טלאָמאַצקע דרייצן. ווי האָט מען נישט געקאָנט דערפון שמועסן? איבער די קעפּ זענען גע־פלויגן אייזערנע פלי־מאַשינען. פון די ראַדיאָ־קעסטלעך האָבן גערעדט, געשפּילט און געזונגען די מרחקים פון דער וועלט.

אַלבערט איינשטיינס נאָמען האָט אָנגעהויבן זייער פּאָפּולער צו ווערן אויך אויף טלאָמאַצקע דרייצן. די קאָמפּליצירטסטע וויסנשאַפטלעכע טעאָ־ריעס וואָס האָבן אַמאָל אינטערעסירט נאָר ספּעציאַליסטן און פּאַכלייט זענען היינט אַראָפּגעקראָכן פון זייערע אַקאַדעמישע פּיעדעסטאַלן. דער פּאַרוועניו האָט איצט געהאַלטן אין די הענט די לייצעס פון דעם וועלט־וואָגן און ער האָט נישט ליב געהאַט קיין געטער. די אָלימפּיער וואָס האָבן געוואָלט ווייטער עקזיסטירן האָבן אַלצדינג געמוזט טאָן כדי געפעלן צו ווערן דעם אויפגעקומענעם. די צייטונגען האָבן מצדם אַלצדינג געטאָן כדי צו פאַרוואָסערן דעם שווערסטן ביסן. הגם אין די דאָזיקע שווערע ענינים האָט דער פּאַרוועניו פאַרשטאַנען ווי דער האָן אין „בני־אָדם״ — אָבער עס איז היינט זיין וועלט און ער וויל קאָנען אַלצדינג נאָכפּלוידערן ווי אַ היימישער.

די פּאָפּולאַריזאַטאָרן און די צעקייער האָבן פון איינשטיינס רעלאַטי־וויטעטס־טעאָריע געמאַכט אַ צייטונג־סענסאַציע. דער פּאַרוועניו האָט אָנגעקוואָלן. הייסט עס: נישט בלויז די ווירטשאַפטלעכע וועלט און די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז אַ שפּיל־טיש און אַ הפקר־פּעטרישקע. די זון, די לבנה, די שטערן אויפן הימל זענען נייערט אַ רעלאַטיוו, אַ מכלומרשט, און אַ שפּיל פון צופאַלן. עס איז נישטאָ קיין צייט, קיין רוים און קיין אייביקייט. אַלצדינג איז נייערט אַ מזל־שפּיל. מלכותא דרקיעא איז אויף דער האָר ענלעך צו מלכותא דארעא. אומעטום כאַפּט מען וואָס עס לאָזט

זיך. דער יסוד פון דער וועלט איז די יסודותלאָזיקייט. דער פּאָפּולאַרי־זאַטאָר האָט איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע אַרויסגעלייגט אויף באַנאַלע און סענסאַציאָנעלע טעלערלעך. דער גרעבסטער קאָפּ האָט זיך געקאָנט מיט איר דערקוויקן. איינשטיינס נאָמען איז געווען אין אַלעמענס מײַלער.

ווייסנבערג האָט אַפילו געקוקט מיט אומצוטרוי אויף די נעמען וואָס קלינגען אויף טלאָמאַצקע דרייצן. עס איז געגוג געווען אַז טלאָמאַצקע זאָל עמעצן רימען כדי ווייסנבערג זאָל דערין זען אַ נייעם שמד־שטיק פון די ליטוואַקעס. ער איז שוין גרייט געווען צו נעמען די פעדער און צו שיסן. אָבער אַלבערט איינשטיינען האָט פּאַרט אָפּגעשפּילט די הצלחה — און ער איז געווען דער זעלטענער אויסנאָם. נישט דערפאַר וואָס ווייסנבערג האָט דאָ געהאַט אַ שמץ פון אַ השגה. איינשטיינען האָט אָפּגעגאָלטן אַן אַנדער גליק: ה. ד. נאָמבערג איז געווען זיינער אַ פאַרערער.

פון אַלע אַמאָליקע שרייבער האָט נאָמבערג וויטער געהאַלטן פון ווייסנבערגן אַן עולם־ומלואו. צי ער איז אויסן געווען אַ צו־להכעיס אַלע נייע, צי אים איז נאָך געלעגן אין מויל דער טעם פון דעם אַמאָליקן ווייסנ־בערגישן נאַטוראַליזם, אַ נאַטוראַליזם צו וועלכן ווייסנבערג אַליין איז שוין איצט גאָר נישט געווען בכוח זיך אומצוקערן? געגוג איז געווען דער פאַקט וואָס נאָמבערג האָט געהאַלטן פון איינשטיינען, — דערמיט האָט ער אים אַרויסגענומען פון חשד עפּעס צו זיין אַזוינס ווי אַ פאַרשטעלטער ליטוואַק.

מיט מיר האָט ווייסנבערג טיילמאָל ליב געהאַט צו פירן נאַטור־וויסנשאַפטלעכע שמועסן.

געפרעגט האָט ער מיט דיפּלאָמאַטישער פּאַרזיכטיקייט פון אַ פּראָ־קוראָר, וואָס ווייסט אַז דער געפרעגטער וויל נייערט דערציילן באָבע־מעשיות און באַקן ליגנס אויף ליגנס. איך האָב געוואוסט אַז ער גלויבט נישט אַ וואָרט פון דעם וואָס איך דערצייל אים, — וואָרים ווייסנבערג טראַכט ביי זיך: ניש־קשה, זאָל ער, דער בלאָפער, מיר האַקן דעם טשייניק!

קאַפּיטל דרײַצן

דאָס יתומל פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער אַפּאָסטל פון דער וועלט־עלנטקייט. הערשעלעס מוזע. יאַ מאַם לידלעך. טלאָמאַצקע דרײַצן ווערט למזל אַ מחותנתטע.

די פרומע גבאיטע פון הענדריקאַוו און איר שיין טעכטערל. די ייִדענע פאַרט זען די מחותנתטע און דעם חתן. מזל־טוב, מען האַקט טעלער.

טלאַמאַצקע מאַכט חתונה און גיט הערשעלען אַ ווייב און אַ שוויגער מיט אַ בעזים — אויף אַלע ייִדן געזאָגט.

הערשעלע איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דאָס יתומל אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין דער משפחה פון די ייִדישע שריפטשטעלער אויף טלאָמאַצקע. ער האָט געהאַט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן פון אַ יתומל. אומבאַהאָלפן, אַ ווינציק גופל מיט קליינע, אָבער דיקע הענטעלעך, און פיסעלעך, און מיט אַ פישטשעדיק זינגענדיק קולעכל ווי אַ שוואַך פייגעלע. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז הערשעלע איז אייביק הונגעריק. אַפילו ווען ער האָט געגעסן, איז דער אומעט פון הונגער נישט אַראָפּ פון זיין הילפלאָז פנים. דאָס איינציקע פאַרמעגן וואָס הערשעלע האָט ביי זיך אַרומגעטראָגן איז געווען אַ בינטל קליינע שליסעלעך. זיי זענען געווען אָנגעהאנגען אין אַ לאַנג קייטל —— און דאָס קייטל צוגעשפּילעט צו אַ קנעפּל פון זיינע אייביק־צעריסענע תחתונים. די צעריסענע תחתונים האָבן אויך געהערט צו דעם אָרעמקייט־קולט וואָס הערשעלע האָט אַרומגעטראָגן אונטער דער זון ווי

דער אַפּאָסטל פון דער וועלט־עלנטקייט פון אַ יתום. מיט דעם דאָזיקן קייטל שליסעלעך — אויף וועלכן עס האָט אויך געהאַנגען אַ קליין וואָלוול מעסערל — האָט זיך הערשעלע קיינמאָל נישט צעשיידט. מען האָט דערציילט, אַז ווען עמעצער האָט זיך געוואָלט באָרגן ביי הערשעלען דאָס מעסערל, האָט עס הערשעלע חס־ושלום נישט אָפּגעשפּילעט פונם קייטעלע. ער איז געשטאַנען און געדולדיק געוואַרט אַ צוגעבונדענער מיטן קייטל צום מעסערל. ער האָט געוואַרט ביז יענער האָט דערמיט געטאָן וואָס ער האָט באַדאַרפט.

דאָס צווייטע פּאַרמעג וואָס ער האָט מיט זיך אייביק אַרומגעטראָגן איז געווען אַ קליין אָבער דיק נאָטיץ־ביכעלע אָנגעפּיקעוועט מיט זיינע לידער. די אותיות פון די לידער זענען געווען קליין און ווינציק אָבער געטאָקטע ווי מיקראָסקאָפּישע פּערעלעך. אַ פרעמדער וואָלט זיי געקאָנט לייענען נאָר דורך אַ שאַרפן שפּאַקטיוו. אין אָט דעם נאָטיץ־ביכעלע האָט הערשעלע אָנגעהויבן זיין דיכטערישע קאַריערע. ער וואָלט זי אויך געווען דאָרט פאַרענדיקט ווען ער וואָלט שפּעטער נישט געווען אומגע־קומען אין דער וואַרשעווער געטאָ.

הערשעלעס לידער זענען געווען זייער האַרציק און פאָלקסטימלעך. אין זיי האָט ער באַזונגען דאָס פּשוטע יידישע פאָלק אין פּוילן. די באַלע־גאָלעס, די משרתים און די קעכינס. ער האָט באַזונגען זייער לעבן אין שטעטל, זייערע פאַרליבטקייטן און טראַכטעניש. ער האָט באַזונגען זייער שפּאַצירן־גיין שבת־נאָכמיטאָג ביים טייכל הינטער דער וואַסער־מיל. די לידער זענען געווען פּשוטע אָבער ריטמיש און וואוילקלינגענדיק. מיט דעם דאָזיקן נאָטיץ־ביכעלע לידער האָט הערשעלע אַמאָל אָנגעקלאַפּט אויף צעגליאַנע איינס אין פּרצעס טיר.

פּרץ האָט, ווי תמיד, אַליין געעפנט — און, ווי תמיד, געפרעגט אויף פּויליש ווען ער האָט געזען אַ פרעמד פּנים:

— צאַ פּאַן פּאָטשעבויע?

הערשעלע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דעם פּרץ מיט די גרויסע געלע וואָנצעס וואָס רעדט אַזאַ קלינגענדיקן פּויליש. ער האָט אָבער גע־וואוסט אַז דאָס איז י. ל. פּרץ. ענטפערן אויף פּויליש — האָט ער נישט געקאָנט די שפּראַך. האָט ער געענטפערט אויף אַזאַ פּויליש ווי עס רעדט די יידישע אָרעמקייט, האַלב יידיש און האַלב פּויליש:

— יאָ מאָם לידלעך, — האָט ער פּרצן געענטפערט ביי דער טיר.

פּרץ האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אָנגעקוואָלן פון הערשעלעס לידלעך און זיי גערן געדרוקט.

ווי אַלט הערשעלע איז געווען, האָט מען זייער שווער געקאָנט אָפּשאַצן. די יאָרן האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט ווי אויף אַ קאַרליק. זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט דערציילן ווי שפּעט עס איז און וואו זיי האַלטן מיטן חשבון. ער איז געווען האַלב יינגעלע און האַלב זקן.

איינמאָל האָט טלאָמאַצקע דרייצן געזען, אַז אַזוי ווייטער וועט עס נישט גיין מיטן יתום. מען מוז אים חתונה מאַכן.

די מוזע פון טלאָמאַצקע דרייצן האָט פּלוצעם באַוויזן אַז זי קאָן זיין די אמתע מחותנתטע. האָט זי גענומען דעם שירעם אין דער האַנט אַריין און אַרויסגעפלויגן איבער פוילן זוכן פאַר הערשעלען אַ שידוך.

אויף הערשעלען אַליין וואָלטן זיך מסתמא נישט געפונען קיין סך בעלנים. אָבער דער נאָמען פון טלאָמאַצקע דרייצן האָט געקלונגען איבער פוילן ווי אַמאָל דער נאָמען פון ר׳ ישעיה פּריוועס. אויף דער פּראָווינץ האָבן יידן געמיינט, אַז דאָרט איז נישט בלויז דאָס גרוב פון חכמה נאָר אויך דאָס גרוב פון גאָלד. בצל החכמה בצל הכסף. הערשעלע האָט גאָר אויסגעקוקט צו זיין עפּעס אַזוינס ווי אַ רייכער שידוך. דערימאַך האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט פאַר אים אויסגעזוכט אַ כלה. די כלה יאַק די כלה. דער עיקר האָט מען אים געברענגט צו טראָגן אַ שוויגער פון אמתן שוויגער־לאַנד.

הינטער וואַרשע איז פאַראַן אַ שטעטעלע. עס הייסט הענדריקאָוו. דאָרט האָט געוואוינט אַ יידענע, אַן אַלמנה. זי האָט געהאַט אַ קליין בשמים־קרעמל מיט האַלב־ליידיקע פּאַליצעס. דאָס קרעמל האָט נישט געהאַלטן פון געבן חיונה. די יידענע איז געווען פון די פּאַרצייטישע אשת־חילס און איר איז גיכער אָנגעשטאַנען צו זיין אַ פרומע רעביצין איידער צו שטיין אין אַ געוועלבל. זי איז געווען די איינציקע יידענע אין הענדריקאָוו וואָס האָט נאָך געטראָגן אויפן קאָפּ אַ פּאַרצייטישע טיפּע קופּקע מיט בענדער. געהאַט האָט זי אַ מויל אויף שרויפן און עס האָבן זיך פון איר געשאָטן ציטאַטן פון תחינות און צאינה־וראינה. געדאַווענט האָט זי פון אַ דיקן און אַלטן קרבן־מנחה־סידור. זי האָט געקאָנט אָפּשפּרעכן עין־הרעס און

מעסטן קברים. זי איז מער געזעסן אין דער ווייבער־שול ווי אינדערהיים. האָט עס געהאַלטן ביי חתונה־מאַכן אַן אָרעמע פאַרזעסענע מויד האָט זי, די יידענע, כמקדם גענומען די רויטע פאַטשיילע און אַרומגעגאַנגען איבער הענדריקאָווער שטיבער. זי האָט זיך געמישט אין אַלע ווייבערישע טעפּ. אַפילו יעכטשע די קהלשע טיקערין איז אין אַט דער אלמנהס אויגן אויס־געקומען נישט גענוג פרום און נישט גענוג געהיט די ייגנע ווייבעלעך בשעת טבילה.

די דאָזיקע שאַרפע און פרומע יידענע האָט געהאַט איר אייגנס אַן איינציק טעכטערל, אַ בת־יחידקעלע און דווקא נישט קיין מיאוס מיידל. דער ווייבערישער חן פון דעם טעכטערל איז דער פרומער יידענע געלעגן ווי אַ דאָרן אין אויג. דער בעל־דבר מאַכט זיך געפּגרט און וויל נישט וויסן ווי מען יאָגט אים פון דער טיר מיט אַ בעזים. דער ימח־שמו האָט גענומען און זיך אָוועקגעזעצט אויף די בעקעלעך און אייגעלעך פון דער בת־יחידקעלע ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. די הענדריקאָווער אלמנה האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי סיי פּראָסטע באַלעמאַלאָכעס און סיי, להבדיל, גויים וואָס קומען צו איר אין געוועלבל וואָרפן שמד־אייגעלעך אויפן טעכטערל. אין דער יידענע האָט דער כעס געקאָכט ווי אין אַ קעסל. זי האָט דאָס טעכטערל נאָך שאַרפער אָנגעהויבן מדריך צו זיין בדרך הישר און איר דערציילט ווי די מלאכי־חבלה אין גיהנום קוויקן זיך מיט אַ באַ־זונדערן תענוג ווען עס קומט זיי אויס צו ברענען און בראָטן שיינע פּנימלעך אויף וועלכע מאַנסבילן האָבן ליב צו קוקן.

דאָס מיידעלע איז אויפגעצויגן געוואָרן אונטער דער שאַרפער מאַמעס פאַרטעך אַ דערשלאָגענע און אַן אָפּגעשראָקענע.

צו אַט דער יידענע זענען געקומען שדכנים און איר פאָרגעשלאָגן טלאָמאַצקע דרייצן פאַר אַ מחותנתטע און הערשעלען פאַר אַ חתן. די יידענע האָט זיך נישט געפוילט, גענומען דאָס טערקישע טוך אויף די פּלייצעס און אַוועק אויף טלאָמאַצקע דרייצן אַ קוק צו טאָן אויפן שמאַלץ־גרוב. אַקוראַט איז זי אָנגעקומען מיטאָג־צייט און געזען ווי טלאָמאַצקע קאָרמעט אַן אירע קינדער. די מחותנתטע טלאָמאַצקע איז דער הענדריקאָווער גבאיטע וואוילגעפעלן געוואָרן. שפּעטער האָט מען איר געוויזן הערשעלען. ער איז איר נאָך מער געפעלן געוואָרן. דאָס טעכטערל מעג נעמען די שיינע בעקע־

לעך און זיי אַוועקלייגן אויף דער פּאַליצע. דער יצר־הרע וועט זיך אַ מעשה אָנטאָן פון האַרצביטערניש און גריזאָטע. זי, די מאַמע, וועט אים ווייזן ווער עס איז עלטער. זי האָט געזען פאַר זיך אַ קאַרליק אָנגעפּיקעוועט, קיין עין הרע, מיט יאָרן. אַ קאַרליק מיט קורצע הענטעלעך און פיסעלעך און מיט אַ שטיל פּישטשענדיק קולעכל. אויף אַזוי פיל איז נאָך דער פּרו־מאַקישער אַלמנה איבערגעבליבן פון אירע אַמאָליקע ווייבערישע געפילן, נעמלעך: אַז אָט אַזאַ מאַנספּאַרשוינדל מאַכט פאַרגעסן ביי אַ יינג ווייבל אַלע שעפּטשענישן פון בעל־דבר. עס איז אָנגעמאָסטן פאַר איר בת־יחיד־קעלע! דערצו איז זי געוואויר געוואָרן, אַז הערשעלע איז דאָס ציטערדיקע בן־זקונימל ביי דער מחותנתטע טלאָמאַצקע דרייצן. טלאָמאַצקע איז גרייט נושא־בעול צו זיין און וועט האָבן כסדר אַן אויג אַז דאָס הענדריקאָווער קרעמל זאָל נישט שטיין מיט פּוסטע פּאַליצעס. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט געבראַכן טעלער.

אויף טלאָמאַצקע האָט זיך דערווייל אויפגעהויבן דער גרויסער שטורעם־ווינט צווישן אַלטער און נייער דיכטונג. פּרץ מאַרקיש און זיינע תלמידים האָבן זיך געגרייט איבערצוקערן וועלטן און פון דער אַלטער וועלט פונדאַסניי צו מאַכן אַש און בלאָטע. אין אַזעלכע אומזיכערע באַדינ־גונגען האָט מען הערשעלען נישט געקאָנט לאַנג לאָזן שפּילן חתן־כלה. הערשעלע פלעגט זיך אַפילו אַ כאַפּ אַראָפּ געבן קיין הענדריקאָוו אַ קוק צו טאָן אויף זיין שיינער כלה און איר פאַרצולייענען פון די לידלעך אין דעם גראָבן נאָטיץ־ביכל וואָס ער האָט כסדר מיט זיך אַרומגעטראָגן. פאַר דער פּרומער גבאיטע איז עס ווידער געווען אַ דאָרן אין אויג. זי האָט בייז געוואָרטשעט און דאָס פּאַר־פאָלק נישט איבערגעלאָזט אויף אַ רגע אַליין. נאָכדעם ווי הערשעלע האָט געהאַט איבערגעלייענט דאָס ערשטע לידל האָט די יידענע אַ געשריי געטאָן: „געגנוג קוש־וואָך!" און אים געהייסן צוריקפאָרן קיין וואַרשע.

הערשעלעס חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן אין גרויסן זאַל פון טלאָ־מאַצקע דרייצן. טלאָמאַצקע האָט געמאַכט אַ חתונה, אַז יידן זאָלן עס האָבן צו געדענקען. גרויס און קליין פון דער ליטעראַרישער משפחה האָט זיך געפילט ווי האַפּערדיקע מחותנים. אין הערשעלעס חופּה־טאָג האָבן אַפילו געשוויגן די בייזע ווינטן וואָס האָבן געהוליעט צווישן דער היינטצייטיקער

און דער אַלטמאָדישער יידישער דיכטונג. עס איז געווען אַ טאָג וואָס האָט געשמעקט מיט משיחס צייטן. אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט אויסגעקוקט צו הערשן אייביקער פרידן און דער וואָלף האָט זיך צוזאַמען געפּאַשעט מיטן שעפעלע. די וואָס זענען געווען צווישן זיך ברוגז — און אַזעלכע זענען געווען אַ סך — האָבן זיך איבערגעבעטן אין טאָג פון הערשעלעס חופּה.

מען האָט געהייסן דעם בופעטשיק פון טלאָמאַצקע צוגרייטן דאָס גרויסע חתונה־מאָלצייט און אַז ער זאָל נישט זשאַלעווען פון אַלדאָס־גוטס. דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט געעפנט דעם בייטל. דער חתונה־טיש האָט זיך טאַקע געבראָכן פון דער שפע מיט מאכלים. אויבנאָן האָט מען אַוועקגעזעצט הערשעלען מיט דער שיינער כלה. די הענדריקאָווער גבאיטע, הערשעלעס צוקונפטיקע שוויגער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן צווישן חתן־כלה און אַכטונג געגעבן אַז זיי זאָלן, חלילה, נישט אויסרעדן צווישן זיך קיין וואָרט. עולם שרייבער זענען געווען בשמחה רבה, געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין. דאָס נעמלעכע האָט געטאָן חתן־כלה. די צוקונפטיקע שוויגער האָט אויך נישט געלייגט דערנעבן. פונדעסטוועגן האָט זי נישט פאַרגעסן צו האַלטן אַן אויג, אַז דאָס יינגע פּאָר־פאָלק זאָל נישט ווערן צווישן זיך אַ צו־נאָענטער ר' שמעלקע.

שפּעטער, כטוב לב המלך ביין און דער מאָרגנשטערן האָט אָנגעהויבן אַריינצוקוקן דורך די פענצטער פון טלאָמאַצקע דרייצן האָט מען בכבוד גדול אָנגעדרייט דעם גראַמאָפאָן און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טענצל.

***

אויף טלאָמאַצקע האָט מען לאַנג געשמועסט פון הערשעלעס חתונה. הערשעלע אַליין איז געווען נישט צופרידן און ער האָט זיך באַקלאָגט. ראשית, האָט ער געהאַלטן, אַז מען האָט אים געגעבן צו ווייניק דרשה־געשאַנק. עפנטלעך, בפני קהל ועדה, האָט ער געטענהט אין גרויסן זאַל פון פאַראיין: „זיי (דאָס מיינט ער די שרייבער) זענען געקומען, זיך אָנ־געגעסן און אָנגעטרונקען און פאַרגעסן צו געבן „דרשה־געשאַנק!" די שוויגער אין הענדריקאָוו דערגייט אים דערפאַר די יאָרן. זי שרייט,

אַז ווען זי זאָל וויסן אַז טלאָמאַצקע איז אַזאַ חזיר וואָלט זי נישט געוואָלט הערן פון שידוך. צווייטנס — דאָ האָט זיך אויך הערשעלע באַקלאָגט בקול רם — די שוויגער טרעט נישט אָפּ פון ייִנגן ווייבל און לאָזט אים, הערשעלען, נישט טאָן די פליכט וואָס אַ מאַן דאַרף טאָן פאַר אַ ווייב.

נאָך עטלעכע חדשים האָט מען געהערט אַז הערשעלע ריכט זיך צו ווערן אַ טאַטע. האָבן אים אַלע געפרעגט:

— און די שוויגער?

— אויך די אייגענע מעשה! — האָט הערשעלע געענטפערט מיט גרויס תמימות — זי מוז דאָך גיין אין שוהל אַריין דאַווענען...

דער שוויגערס שאָטן איז אויף הערשעלען געלעגן ווי אַן אימה. ער האָט טלאָמאַצקע דרייצן אויך אָנגעהויבן צו סטראַשן מיט דער שוויגער. הערשעלע האָט נישט געסטראַשעט מיט פוסטע דיבורים. ער האָט אָפן און בקול רם דערציילט, אַז ער כאַפּט פון דער שוויגער פייערדיקע פּעטש, און ווען ער פאַרזינדיקט זיך גאָר שטאַרק, לייגט זי אים אַריבער איבער אַ בענקל און צימבלט אים אַריין מיט אַ בעזים. הערשעלע האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז דער שוויגערס ממשלה גרייכט אויך ביז איבער טלאָ־מאַצקע דרייצן. ווער עס ווערט זיך נאָר דאָ פאַרזינדיקן — ווערט די שוויגער קומען פון הענדריקאָוו און מיטברענגען דעם באַוואוסטן בעזים. זי ווערט דעם פאַרזינדיקטן אַריינצימבלען ווי עס געהער צו זיין.

קאַפּיטל פערצן

עחר וואַרשאַווסקי באַווייזט זיך מיט זיין ראָמאַן „שמוגלאַרס״. ביי האַראַנטשיקן אין קרעמל קלאַפּן אַן די מוזעס. אַ הקדמה פון אַ בוך מאַכט־אָן אַ פינצטער געוויטער אין די הימלען פון טלאָמאַצקע דרייצן.

אויב מען זוכט און מען נישטערט, — צי מען טוט עס אויפן געהעריקן אופן צי נישט, — ווייזט זיך סוף כל סוף אַרויס אַז קיין שום מי איז נישט קיין אומזיסטע. יעדע טאַט טראָגט אַמאָל אירע פּרוכטן.

אין זיין קאַמף מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, מיט די ליטוואַקעס און זייערע טראַבאַנטן און משרתים האָט וויסנבערג געמיינט צו טרעפן די יעניקע יידישע שריפטשטעלער וואָס זענען אים נישט געווען צום האַרצן. ער האָט געוואָלט אויסראָטן דאָס שלעכטס מיט די וואָרצלען און אויפשטעלן אַרום זיך אַ נייע יידישע ליטעראַטור — אַ ליטעראַטור, וואָס איז דורכאויס געשריבן און געדרוקט מיט דער פּויליש־יידישער פאָנעטיק; אַ ליטעראַטור, וואָס איז געשריבן נייערט פון יענע נייע יידישע שריפטשטעלער וואָס ער איז אויף זיי דער מבין און רק ער האָט זיי געגעבן סמיכה. ביי אַסך קולטור קאָן אַזאַ עקספּערימענטאַלער פאָרמעסט פון אַ שריפטשטעלער אַמאָל אויפטאָן עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. לײדער איז וויסנבערג נישט געווען — לויט זיין קולטור־ניוואָ — דער פּאַסיקער מענטש וואָס זאָל קאָנען פאַנאַנדערשיידן צווישן ווירקלעכער געשעעניש און קוריאָז.

אָבער יעדער רעוואָלוציאָנער האָט זיין שטערן. וויסנבערג האָט אין זיינע זוכענישן געפונען צוויי באמת ווערטפולע יידישע שריפטשטעלער.

עס איז געקומען צו אים אַ בלאָנדער אויסגעדאַרטער סאַכאַטשאַווער יינגערמאַן מיט אַ שפּיציקער גאָמבע און מיט אַ פּנים פון אַ שייגעץ. דער דאָזיקער יינגערמאַן — ער האָט געהייסן עוזר וואַרשאַווסקי — האָט וויסנ־בערגן געבראַכט אַ מאַנוסקריפּט פון אַ ראָמאַן פון לעבן פון די שמוגלערס אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז נישט קיין חידוש, וואָס איבערלייענענדיק דעם ראָמאַן האָט דאָרט וויסנבערג דערקענט זיינע אַמאָליקע יוגנטלעכע כוחות און אַ סך קרובהשאַפט צו דעם אופן פון זיין אַמאָליקן שרייבן. נאָר וואַר־שאַווסקי האָט עס געמאַכט אַ סך שאַרפער, סאַטירישער און ברוטאַלער. וויסנבערג האָט געזען אין עוזר וואַרשאַווסקין — און מיט אַ סך רעכט — דעם נאָכגייענדיקן תלמיד. ער האָט געוואוסט, אַז מיט עוזר וואַרשאַווסקיס בוך וואַרפט ער אין קאַמף די טויז־טריאומף. די „פאָלקס נייע" און די ליט־וואַקעס וועלן מוזן זען וואָס וויסנבערג איז נאָך בכוח צו טאָן פאַר דער ליטעראַטור.

וויסנבערג האָט באמת טריאומפירט. עוזר וואַרשאַווסקיס ראָמאַן „שמוגלאַרס" איז געווען אַ גרויסע אַטראַקציע. אויף ברייטע לייוונטן איז געוויזן געוואָרן די תקופה וואָס האָט געבליט בעת דער אָקופּאַציע. די תקופה וואָס האָט דאָס אַלטע אַראָפּגעוואָרפן און ברוטאַל אויפגעהויבן דאָס נייע. די תקופה וואָס האָט אַלצדינג איבערגערוקט.

פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען שוין געהאַט געשריבן אויך פאַר וואַרשאַווסקין. קיינער האָט עס אָבער נישט געמאַכט מיט אַזאַ מייסטער־שאַפט און מיט אַזאַ סאַטירישן סך־הכל. אַ ברייטערן אַנאַליז וועגן וואַר־שאַווסקיס ראָמאַן האָב איך געשריבן אין מיין בוך „אידעאַליזם און נאַטור־ראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור". איך וויל מיך דאָ נישט איבער־חזרן. איך וויל צוגעבן: מיט זיינע „שמוגלאַרס" האָט וואַרשאַווסקי געמאַכט אַזאַ רושם, אַז עס זענען אַפילו אויף אַ קורצער צייט פאַרטונקלט געוואָרן די קאַמפּס־פייערן צווישן אַלטער און נייער דיכטונג. און עס איז גאָר נישט קיין קלייניקייט. דאָס פרידלעכע טלאָמאַצקע דרייצן האָט שוין געהאַט געהאַלטן דערביי זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ בלוטיקן באַרג אָלימפּוס.

אין יענע טריאומף־טעג פלעגט י. מ. וויסנבערג אָפטער אַריינקומען אויף טלאָמאַצקע. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ קורץ פוילעריש פעלצל

(עס איז געווען ווינטער) און האָט נצחונדיק געשמייכלט מיט זיינע אויגן. ער האָט אַרויפגעברענגט עוזר וואַרשאַווסקין אויף טלאָמאַצקע, כדי צו ווייזן אים פּאַר אַלעמען, אָבער ער האָט קיינעם צו אים נישט צוגעלאָזט. וויסנבערג איז געווען זייער שטרענג צו זיינע תלמידים און האָט זיי אָפּגע־היט פון די שלעכטע ליטווישע ווינטן וואָס בושעווען אויף טלאָמאַצקע.

באַלד איז וויסנבערג ווידער אַרויס מיט אַ באָמבע — און דאָס איז געווען שמעון האַראָנטשיק.

האַראָנטשיק איז געווען אַ גרויס־פּוילישער ישיבה־בחור און דווקא אַ שיינער בן־תורה. ער איז שוין געווען אַ באַלאַבעסל נאָך דער חתונה און געהאַט אַ בשמים־קרעמל אין שטעטל סאָמפּאָלנע. פּלוצעם האָבן גענומען די מוזעס און אָנגעקלאַפּט ביי די טירן פון האַראָנטשיקס קרעמל. צוערשט האָט ער אָנגעשריבן אַ קליין ביכעלע לידער א. נ. „קאָרנבלומען". שטילע פּשוטע לידער אין אַ צייט ווען אין דער יידישער דיכטונג האָבן געדונערט די געטער. דעריבער איז דאָס ביכעלע געבליבן אומבאַמערקט. האַראָנטשיק האָט זיך באַלד גענומען צו פּראָזע אויף ברייטע לייוונטן. ער האָט געהאַט אַ סך באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט און האָט אויך געהאַט אַ סך צו דערציילן פון יידישן שטעטל אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. שמעון האַראָנטשיק האָט געהערט אין סאָמפּאָלנע אַז יש שבר במצרים — אין וואַרשע פירט וויסנבערג דעם גרויסן קאַמף און זוכט נייע טאַלאַנטן. האָט ער אויך זיין ערשטן ראָמאַן געבראַכט צו וויסנבערגן.

אויך דאָ האָט וויסנבערג באַלד דערפילט די שרייבערישע קרובה־שאַפט. האַראָנטשיקס ראָמאַן („די פאַרפלאָנטערטע וועגן") האָט נישט פאַרמאָגט די מייסטערשאַפט פון וואַרשאַווסקיס „שמוגלאַרס" — אָבער עס איז ווידער אַרויפגעשוואומען אַ קערנדיקער רעאַליזם און בילדער פון דער שמוגלער־צייט. וויסנבערג האָט באַשלאָסן דאָס בוך אַרויסצוגעבן, אָבער ער האָט געשטעלט איין באַדינג: דער ראָמאַן זאָל דערשיינען מיט אַ הקדמה.

כלומרשט האָט עס געהייסן, אַז די הקדמה האָט געשריבן דער מחבר גופא, האַראָנטשיק הייסט עס. אין דער אמתן איז זי געווען די פרי פון וויסנבערגס פעדער. ער האָט דאָ געוואָלט וואַשן זיין וועש און מאַכן חשבון מיט טלאָמאַצקע דרייצן. דער חשבון איז געמאַכט געוואָרן מיטן פולן מעסטל.

ווייסנבערג האָט דאָ אַרויסגעלייגט אַלע זיינע ביטערקייטן. ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אַלץ און מיט אַלעמען. סיי מיט די ליטוואַקעס, סיי מיט שלום אַשן, סיי מיט אַלערליי ווייסנשאַפטן הינטער וועלכע איטשע מאיר ווייסנבערג האָט געזען דעם שאָטן פון שלום אַשן און אַנדערע ליטוואַקעס.

אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָבן געדונערט אַלע הימלען. מען האָט שמעון האָראָנטשיקן געוואָלט צערייסן ווי אַ הערינג. ביי זיין ערשטן טריט אויף טלאָמאַצקע גייט ער און פאַרקאָכט אַזאַ קאַשע! האָראָנטשיק האָט געשוואוירן, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. ער איז באמת גאָרנישט שולדיק געווען. ווייסנבערג האָט אַרויסגעגעבן דעם ראָמאַן און ער האָט געהאַט די דעה איבער דער הקדמה.

קאַפּיטל פופצן

דער ריז צווישן קאַרליקעס. מען מוז ליקווידירן דעם „קריגס־פאַרברעכער”—נאָר ווי טרעפט מען אים אין דער אַכילעס־פּיאַטע? קאַווע שפּילט שאָך און וויסנבערג זיצט אַ גאַנצע נאַכט און וואַרט אויף קאַ־ווּעס מפּלה.

ש. ל. קאַווע איז געווען דער איינציקער אויף טלאָמאַצקע וואָס אַלע שטורעם־ווינטן פון דער מלחמה און פון נאָך דער מלחמה האָבן נישט באַוויזן אים צו רירן קיין האָר אויפן קאָפּ. און ער האָט זיך נישט געביטן אויף דאָס מינדסטע. ווען עמעצער זאָל אַ קוק טאָן בלויז אויף קאַווען, וואָלט ער געווען געמיינט, אַז אַלע זייגערס פון דער וועלט האָבן זיך אָפּגעשטעלט און צווישן יידישע ליטעראַטן אין וואַרשע איז נאָך אַלץ אַזוי ווי אין פּרצעס צייטן.

ער איז געווען דער אייגענער אָרעמאַן און כמקדם געוואוינט אויף קראָכמאַלנע. פיזיאָנאָמיש האָט ער זיך אויך גאָרנישט געביטן — דער אייגענער קאַווע. קיין האָר איז אים נישט ווייס געוואָרן אויפן קאָפּ און קיין צאָן האָט זיך אים נישט געשאָקלט אין מויל. אַלע זיינע באַוועגונגען האָט ער אויך געהאַט אַזוי ווי אַמאָל. ער האָט זיך געקראַצט מיט אַ שפּיץ פינגער אין קאָפּ ווען ער האָט געוואָלט אויסדריקן זיין ביטול צו אַלעמען. אַלע זענען פאַר אים ווייטער פאַרבליבן איגנאָראַנטן און גראָבע קעפּ. פונקט ווי בימי פּרץ. ער אַליין, ש. ל. קאַווע, האָט זיך ווייטער — און אויך ווי בימי פּרץ — געהאַלטן פאַר דער ביבליאָטעק פון אַלע וויסנשאַפטן, און די וועלט שטייט מיטן היטל אין דער האַנט און לעכצט צו הערן פון

אים אַ וואָרט. נאָר וואָס איז דאָס געאײלעניש ? ער באַדאַרף נאָר אָנצו־
שרייבן זיינע גרויסע ביכער און דאָרט וועט ער אַנטדעקן נישט ווינציקער
ווי סאַמע אַמעריקעס. אם ירצה השם וועט ער אַלצדינג שטעלן אויפן קאָפּ
און די וועלט וועט זיך ערשט דערוויסן, אַז זי האָט נישט אומזיסט געוואָרט
אויף די פרוכטן פון קאָוועס פעדער.

אויף טלאָמאַצקעס דרייצן האָבן נישט געפעלט קיין שאַך־שפּילער. פאַר־
שטייט זיך, אַז אויך — פונקט ווי בימי פרץ — האָט קאָווע אַלע טלאָמאַצקער
שאַך־שפּילער געהאַלטן פאַר גאָלע קאַליקעס. נאָר זיך אַליין האָט ער
געהאַלטן פאַר דעם גרויס־מייסטער. מיט אַ פינגערל פון זיין קליינער
האַנט לייגט ער זיי אַלע אַוועק ווי די לעמעלעך. זיי שפּילן דאָ אַלע ווי אמתע
גראָבע קעפּ. נאָר ער אַליין באַנוצט זיך מיט די טעאָרעטישע קאָמבינאַ־
ציעס פון די גרויסע שאַך־טשעמפּיאָנען. אַי וואָס די ווירקלעכקייט —
און אויך ווי בימי פרץ — איז נישט אַלע מאָל מיט קאָווען און די גראָבע
קעפּ גיבן דעם מייסטער דעם שיינעם שאַך־מאַט ? האָט עס, בנאמנות,
גאָר נישט וואָס צו זאָגן ! קאָווע איז געווען פאַרטראַכט אין עפּעס אַ געניאַ־
לער קאָמבינאַציע (דאָ גייט אַ פרעמדער פאַך־אויסדרוק) און דער גראָבער
קאָפּ, זיין פאַרטנער, האָט דערווייל אויסגענוצט עפּעס אַ צופאַל און אים
געגעבן שאַך־מאַט. אויך איגנאָראַנטן גילט אָפּ אַ צופאַל. דער מייסטער
בלייבט סיי־ווי־סיי ש. ל. קאָווע.

צו קאָווען האָט ווייסנבערג געהאַט אַ צוויי־פּאַכיק געפיל. אין פרצעס
צייטן האָט אים תחילת פריטשמעליעט קאָוועס האָפערדיקע אויפטרעטן.
אָט שיט ער דאָך פון אַרבל אַרויס אויסטערלישע נעמען פון ביכער און
אויטאָרן און קוקט אויף אַלעמען פון זיין סביבה ווי אויף אַ געזעמל פון עמי־
הארצים ! ווייסנבערג האָט דעמאָלט באַשיימפּערלעך געזען, אַז קאָווע איז
דער גרויסער וויסער, און אַז ווען ער טוט זיך אַ קראַץ מיטן קליינעם
פינגערל אין קאָפּ שאָקלען זיך באמת די וועלטן. דער דאָזיקער ציטער אין
די לענדן האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין ווייסבערגן איז גאָר
אויפגעקומען אַ ווידערלעך געפיל צו קאָווען. קאָוועס האָפערדיקייט האָט
אים געשטאָכן אין די אויגן. ווייסנבערג האָט נישט געליטן ווען מען
שטעכט אים אין די אויגן.

שפּעטער — ווען פרץ איז שוין מער נישט געווען, עס איז געקומען

די מלחמה און די דייטשע אָקופּאַציע און וויסנבערג איז געוואָרן אַ קעמ־פּער — איז, פֿאַרשטייט זיך, אויך קאַווע געשטאַנען אויפֿן צעטל פֿון די „קריגס־פֿאַרברעכער", וועמען מען דאַרף משפּטן און אומברחמנותדיק ליקווידירן.

אָבער וויסנבערג איז געווען אַ רעאַליסט און געקעמפּט נאָר קעגן דעם וואָס ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן און באַנומען מיט זיין שכל. ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אויסצושטעלן זיין פּיילנבויגן קעגן גאָלדענע פּאַוועס וואָס פֿילדערן ערגעץ אין די וואָלקענעס. ער האָט גע־וואוסט נאָר פֿונם האָראָפּאַשנעם הײנט און נישט עפּעס פֿון אַ מירצעשעם מאָרגן. קאַווע איז געווען בלויז מירצעשעם מאָרגן. אָט נעמט ער מירצע־שעם בלי־נדר מאָרגן און שרייבט אָן זיינע גרויסע ווערק און אויף דער וועלט וועט זיך טאָן חושך און אַלע וועלן דערציטערט ווערן. דערווייל אָבער האָט ער נאָך נישט געהאַט אַריינגעשטעקט די פּען אין טינטער. אַזאַ שונא איז פֿאַר וויסנבערגן געווען אַ צו אַבסטראַקט באַשעפֿעניש. ער האָט טאַקע געברענט קאַווען צו ליקווידירן אָבער ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מען קען אים טרעפֿן אונטערן לעפֿעלע.

איינציק און אַליין דאָס שאָך־שפּיל איז געווען די אַכילעס־פּיאַטע וואו וויסנבערג האָט קאַווען געקענט דערלאַנגען דעם פֿאַרניכטנדיקן קלאַפּ. פֿון די גרויסע ווערק דערציילט בלויז קאַווע. אָבער שאָך שפּילט ער טאַקע. דערצו זאָגט ער אַלעמען אָן פֿאַראויס זייער וויסטע מפּלה אויפֿן שאָך־ברעט — הגם דאָס רוב ווערן זיינע פֿאַראויסזאָגונגען נישט מקוים.

קאַווע פֿלעגט האַלבע נעכט אָפּזיצן אויף טלאָמאַצקע און שפּילן שאָך. דערביי האָט ער זיך מיטן קליינעם פֿינגערל געקראַצט אויפֿן שפּיץ־קאָפּ און אָנגערופֿן זיין פֿאַרטנער: „גראָבער קאָפּ!"

וויסנבערג האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג אין שאָך־שפּיל און צומאָל נישט געקאָנט די פֿיגורן. פֿונדעסטוועגן איז ער אויך אַ האַלבע נאַכט אָפּגעזעסן אויף טלאָמאַצקע. ער איז געזעסן האַרט לעבן קאַווען און געוואָרט. פֿון לאַנגן וואַרטן איז ער אָפּט אַ זיצנדיקער איינגעשלאָפֿן. וואָס האָט ער געוואָרט? ער האָט געוואָרט צו הערן, אַז קאַווע האָט פֿאַר־שפּילט. ער איז מיטאַמאָל וואַך געוואָרן ווען עס האָט אים אָנגעקלאַפּט אין די אויערן קאַוועס מפּלה. די אויגן האָבן אים אויפֿגעלויכטן און ער האָט

געטאָן אַ הוסטל. טיילמאָל — כדי זיכער צו זיין — האָט ער זיך נאָכאַמאָל געפרעגט:

— ער האָט פאַרשפּילט?

— וואָס הייסט פאַרשפּילט? פאַרשפּילט מיטן קנאַק! — האָבן אַלע אַרומשטייענדיקע געזאָגט מיט שאָדן־פרייד, מחמת ביז צום מאַט האָט קאַווע נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז אָט נעמט ער און מאַכט אַ צוג וועדליק די טעאָריע פון אַ באַרימטן וועלט־מייסטער. דער עם־הארצישער פּאַרטנער מיינט דאָך מן־הסתם אַז ער האָט שוין קאַוועס „מלך" אין דער קעשענע — איז וועט ער אַליין נישט וויסן פון וואַנען עס קומט אויף אים המנס מפּלה.

נאָך אַזאַ גוטער בשורה — אַז קאַווע איז געשלאָגן — האָט וויסנבערג בײַ זיך געטראַכט, אַז ער מעג שוין אַהיימגיין און זיך לייגן שלאָפן מיט אַ פריילעך געמיט אויפן האַרצן.

עס האָט זיך אָבער אויך אַמאָל געמאַכט אַ מעשה שטן. וויסנבערג איז געזעסן ביז צוויי אַזייגער פאַרטאָג לעבן קאַווען און געוואַרט אויף דער מפּלה. די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט און ער האָט געדרעמלט. אַלעמאָל האָט ער זיך געוואָנדן צו אַן אַנדערן פון די אַרומשטייענדיקע און מיט צוגעמאַכטע פאַרשלאָפענע אויגן געפרעגט:

— ער האָט פאַרשפּילט?

— ניין, ער האָט געוואונען, — האָט ער באַקומען דעם ביטערן ענטפער.

דעמאָלט איז וויסנבערג אויפגעשטאַנען פון זיין בענקל אַן אַנטוישטער. ער האָט זיך כמעט ווי אַרויסגעגנבעט פון טלאָמאַצקע דרייצן און אַהיים גע־גאַנגען שלאָפן.

קאַפּיטל זעכצן

דאָס פּוילישע מלכות זיצט בחרבה ובקשתה אויף טלאָמאַצקע און שיט מיט מאמרי־חז״ל און מיט גריכישע און לאַטיינישע ציטאַטן. דאָס מלכות האָט מורא פאַר אַ גוי און וויל בעסער זיצן צווישן יידן. געוואַלד יידן שאַפט מיר אַ שידוך! יאַנקל ווי שטייסטע? עך וועל דיך עוקר מן השורש זיין!

איינער פון די אייביקע תושבים אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז געווען בכבודה ובעצמה דאָס פּוילישע מלכות. נישט בלויז סתם דאָס ציווילע מלכות, נייערט טאַקע דאָס פּוילישע מיליטער. און נישט סתם עפּעס דאָרט אַ זעלנערל — נייערט בכבודו ובעצמו אַ פּוילישער פּולקאָווניק.

דער פּולקאָווניק איז דאָרט געזעסן אין פּאַלנעם בחרבו ובקשתו, מיט אַ גרויסן פּוילישן אָדלער אויפן היטל און אויפן קאָלנער, מיט גאָלדענע שליפעס, מיט גרויסע גאָלדענע און בליצנדיקע קנעפּ, מיט אויסצייכענונגען און מיט אָרדערס און מיט אַנדערע שאר־ירקות פון אַ חשובן מלחמה־העלד.

אַט־אָ־דער פּאַלנער כתר־מלכות פון קרוין־פּוילן איז געזעסן אויף טלאָמאַצקע און געבטלט מיט יידישע שרייבער און שרייבערלעך. ער האָט גערעדט צו זיי אויף אַ צעצויגן־זינגענדיקן גאַליציאַנער יידיש, זיך געצופּט ביים דאָקטעריש־געשוירענעם בערדל און געשיט מיט מאמרי־חז״ל. איבער אַ גלעזל טיי האָט דאָס מלכות הויך געמאַכט אַ „שהכל״. יידן האָבן געשמועסט מיט אים היימיש שבהיימישלעך ווי מיט עפּעס אַ נאָענטן ר׳ שמעלקע און מיט גרויס האָפערדיקייט אים גערופן „פּאַניע פּולקאָווניקו״.

אַ פּרעמדער וואָס וואָלט אַרויפגעקומען אויף טלאָמאַצקע און אַ קוק געטאָן אויפן „מלכות" וואָלט זיכער געווען געמיינט אַז ערגעץ־וואו אין די ווייטענישן שאָלט שוין דער שופר של משיח און איינער פון משיחס גענע־ראַלן האָט זיך דערווייל אַרויפגעכאַפּט אין ליטעראַטן־פאַראיין צו כאַפּן אַ שמועס מיט יידישע שרייבער.

דער דאָזיקער פּולקאָווניק איז חלילה נישט געווען קיין פּורים־שפּי־לער, צי להבדיל אַ גרימירטער יידישער אַקטיאָר וואָס האָט זיך בין אַקט לאַקט אַרויפגעכאַפּט אויף טלאָמאַצקע. ניין! עס איז געווען אַ פּוילישער פּולקאָווניק פון ריינעם וואַסער. אַ פּולקאָווניק — וואָס טאָמער האָט אים באַגעגנט אין גאַס אַ זעלנער צי אַ נידעריקערער טשין פון אַ פּולקאָווניק, האָט עס געמעגט זיין עשו אַליין, האָט יענער געמוזט אַרונטערלייגן די האַנט אונטערן דאַשעק און אָפּגעבן דעם טלאָמאַצקער פּולקאָווניק דעם אמתן טשעסט.

למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז פּולקאָווניק ד"ר מאַקסימיליאַן מאַרגנזאָנע (אַזוי האָט געהייסן דאָס טלאָמאַצקער מלכות) האָט בעסער געוואָלט טרעפן אויף דער גאַס יידישע זעלנער. פּאַרט הקול קול יעקב. ער איז בלאָס געוואָרן ווי די וואַנט ווען ער האָט געזען אַ גוי, און נאָך דערצו אַ גוי אַ גבור־חיל וואָס גייט אים אָפּגעבן מיליטערישן טשעסט. איבערן דאָקטערישן בערדל האָט אים דעמאָלט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. די מורא פאַר עשון איז געלעגן אין די ביינער פון פּולקאָווניק ד"ר מאַרגנזאָנע און ער האָט בעסער געוואָלט זען אַרום זיך בלויז יידן, און דווקא יידן תלמידי־חכמים.

אין פּוילישן מיליטער האָבן, פאַרשטייט זיך, געדינט אַ סך יידישע זעלנער. ווערליק אַלע געזעצן האָבן אַלע רעליגיעזע גרופּן אין דער אַרמיי געמוזט באַזאָרגט ווערן מיט רעליגיעזע הצטרכותן און מיט אַ „הויפּט־פּריסטער". האָט מען דעם ד"ר מאַקסימיליאַן מאַרגנזאָנע אויסגעקליבן פאַר דעם הויפּט־רב פון דער פּוילישער אַרמיי. מען האָט גענומען און אָן בויכ־ווייטיק אים געמאַכט פאַר אַ פּולקאָווניק. קיינער האָט ביי אים נישט געפרעגט וויפל ער פאַרשטייט אין תכסיסי־מלחמה. פאַר אַ מיליטערמאַן אין מלכותא דרקיעא איז ד"ר מאַקסימיליאַן מאַרגנזאָנע געווען גענוג און איבערגענוג.

אין פלוג האָט אויסגעקוקט, אַז דאָס פּוילישע מלכות האָט מיט איר וואָיסקאָוון רב געטראָפן אין פּינטל. מילא פון ש״ס און פוסקים איז אָפּגע־רעדט. איז ער דאָך אָבער געווען אַ גאַליציאַנער דאָקטער און דערצו פון אַזאַ הויך־געבילדעטע שטאָט ווי לעמבאַריג — האָט ער — אַחוץ אַנדערע שבעים לשון — גערעדט לאַטיין און גריכיש ווי אַ וואַסער. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף אַלט סיריש. דאָס דאָזיקע אויסטערלישע תרגום־לשון האָט ער אויך גערעדט ווי אַשרי יושבי ביתך. ד״ר מאָרגנזאָנע האָט בנעוריו געשטודירט אַנטיקע פילאָלאָגיע און האָט געענדיקט דאָס קירהשע אוני־ווערזיטעט מיט פינף גאָלדענע מעדאַלן און מיט אַ דאַנק־בריוו פון קייסער פראַנץ־יאָזעף. די פּוילישע מלוכה וואָלט נישט באַדאַרפט חרטה האָבן וואָס זי האָט אויף די אַקסלען פון ד״ר מאָרגנזאָנע אַרויפגעלייגט גאָלדענע שליפּעס, אים אָנגעגורט מיט אַ שווערד, און אים געמאַכט פאַר אַ פּול־קאָווניק, דאָס הייסט — פאַרן רב פון אירע יידישע זעלנער.

ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז דאָס שענסטע עפּעלע האָט אינעווייניק אַ וואָרעם. האָט דער וואָרעם גענומען און אויך נישט געמיטן דעם פאַן פּולקאָווניק ד״ר מאַקסימיליאַן מאָרגנזאָנע.

וואָס איז?

די נאָדל האָט נישט באַדאַרפט ערשט אַרויסצוקריכן פון זאַק. ד״ר מאָרגנזאָנע אַליין האָט זי אַוועקגעלייגט פאַר אַלעמען אויפן טעלער. ער האָט אַנטדעקט אַ נייע אַמעריקע, אַז גרויסע בילדונג פאָרט זיך נישט תמיד מיט גרויסער חכמה און אַז ד״ר מאָרגנזאָנע וואָלט זיך גיכער געפּאַסט פאַר אַ כעלמער רב ווי פאַר אַ מרא־דאתרא פון די פּוילישע חיילות. לאַ־עלינו — ווי מען זאָגט עס אויף פּראָסט מאַמע־לשון — איז ער נישט געווען קיין צו גרויסער פּיקח.

אויף אַ רב פון אַ גאַנץ יאָר וואָלט מען געווען געזאָגט אַז ער איז אַ ייד אַ תם צי אַ בטלן. גיי און זאָג אויף אַ פּוילישן פּולקאָווניק אַז ער איז אַ תם! האָט מען עס בעסער אָנגערופן אויף אַ וועלטלעכער שפּראַך און געזאָגט, אַז ד״ר מאַקסימיליאַן מאָרגנזאָנע איז נישט צופיל איבערגעשפּיצט אויף דער קלעפּקע.

ד״ר מאָרגנזאָנע, מצדו, האָט גאָר נישט געטאָן דערצו כדי מען זאָל אים פאַרבייטן דעם נאַר אויף אַ קלוגערן. פאַרקערט: וואָס לענגער ער

איז געזעסן בחרבו ובקשתו אויף טלאָמאַצקע דרייצן, וואָס ברייטער ער האָט זיך דאָרט צעקנעפּלט פאַר די טלאָמאַצקער תושבים — אַלץ גיכער האָט מען געזען, אַז מען האָט נישט געטראָפן דערגעבן וואָס שייך דעם נאָמען וואָס מען האָט געגעבן דעם פּוילישן פּולקאָווניק. דערצו איז ער געווען אַ ווילדער עניו און מיט גרויס און קליין אויף טלאָמאַצקע דרייצן געוואָרן פאַן־בראַט. פאַר אַלעמען האָט ער געשיט מיט מאמרי־חז״ל און מיט קלאַסישע קענטענישן און פּלוצעם אינמיטן דעריין האָט ער זיך גאָר צעשריען אויף דעם בעסטן לאַטיין. אַחוץ דעם האָט ער — און אויך פאַר גרויס און קליין — אויסגעגאָסן די ביטערנישן פון זיין האַרץ. צו אַלעמען איז ער צוגעשטאַנען אַז מען זאָל געדענקען אין גאָט און אים שאַפן אַ לייטישן שידוך, מחמת ער איז שוין אַן אַלטער בחור און דער יצר־הרע קוקט נישט אויף די גאָלדענע קנעפּ און מעדאַלן און פּאַרקעט אים נעבעך יומם ולילה.

אויף אַזאַ אופן האָט אויף טלאָמאַצקע דרייצן דער פּולקאָווניק ד״ר מאַקסימיליאַן מאָרגנזאָנע דערפירט דאָס פּוילישע מלכות צו גאָר אַ וואָלוועלע מדריגה. אויף אַלע אָדלערס וואָס האָבן אַראָפּגעבליצט פון זיין וואָיסקאָווער קאַפּאָטע האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן ווי עפּעס דאָרט אויף זומער־פייגעלעך. ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט און אַ פּוס האָט געזאָגט גלייכווערטלעך — און דווקא אין פּולקאָווניקס אויגן — אויף פּילסודסקין און אויף אַנדערע שרי־מלוכה. מיט זיינע התנהגותן האָט ד״ר מאָרגנזאָנע אַראָפּגענומען דעם גאַנצן פּחד פאַר די אויטאָריטעטן פון דער פּוילישער מלוכה.

ווען ד״ר מאָרגנזאָנע האָט געהערט אַזעלכע דברי־ליצנות אויפן חשבון פון סאַמאָראָדנעם פּילסודסקין פלעגט ער זיך נערוועז צופּן ביים צוגעשוירענעם ראַבינערישן בערדל. ער האָט אומבאַהאָלפן צוזאַמענגעצויגן די ברעמען. ווי אַ פּולקאָווניק האָט ער זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן כבוד המלכות פון פוילן.

— פּראָשע פּאַנאַ, עך האָב נישט געהערט וואָס איר האָט געזאָגט, — האָט ער פינצטער און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן.

טיילמאָל פלעגן טלאָמאַצקער לצים זיך וויצלען מיטן פּולקאָווניק

וועגן דער צאָל שופרות און הושענות וואָס די פּוילישע אַרמיי האָט צוגעגרייט פאַר אירע יידישע זעלנער.

למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז דער פּולקאָווניק ד״ר מאַקסימיליאַן מאַרגנזאָנע איז נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך געדרייט אויף טלאָמאַצקע דרייצן אין דער גאַנצער פּראַכט פון בגדי־מלכות. צו אים פלעגט אַמאָל אַרויפקומען דער איינציקער זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי פאַר וועלכן דער פּולקאָווניק האָט נישט געציטערט און געפּלאָטערט. פאַרקערט: דער איינציקער זעלנער וועמען ד״ר מאַרגנזאָנע האָט געגעבן צו פילן די גאַנצע שאַרפקייט פון שטרענגער מיליטערישער דיסציפּלין.

דאָס איז געווען זיין לייבלעכער „דענשטשיק״ יאַנקל.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער זעלנער יאַנקל געווען דער גרעסטער שלימזל וואָס האָט ווען עס איז געדינט אין אַן אַרמיי. מען האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט אויסלערנען צו גיין אין מושטער און צו האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. ווען ער האָט געהערט אַ שאָס האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד און אינמיטן די מיליטערישע פּאַראַדן געשריען שמע־ישראל. קיין האַניק האָט ער דערפאַר נישט געלעקט. וואו עס איז נאָר געווען אַ מיליטערישע שטראָף האָט זי יאַנקל טועם געווען מיט דער גאַנצער ביטערניש אירער. עס האָט דעם מלכות געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. יאַנקל איז געבליבן דער אייגענער ווי פריער. צום סוף האָט דאָס מלכות פּוילן געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט און אַוועקגעגעבן יאַנקלען פאַר אַ „דענשטשיק״ צום פּולקאָווניק ד״ר מאַקסימיליאַן מאַרגנזאָנע. מען מוז מודה זיין: די פּוילישע מלוכה האָט דערמיט געטאָן די גרעסטע חכמה און דעם זעלנער יאַנקל ענדלעך אַוועקגעשטעלט אויף דער ריכטיקער פּאָזיציע.

מען קאָן נישט זאָגן אַז דאָס מיליטערישע דינסט ביים פּולקאָווניק ד״ר מאַרגנזאָנע איז יאַנקלען אַנגעקומען גרינג. קודם־כל האָט דער פּול־קאָווניק שטרענג אַכטונג געגעבן אַז יאַנקל זאָל אַלע פרייטאָג מעביר־זיין די סדרה און לערנען חומש מיט רש״י. ער האָט אים נאָכגעקוקט אויף יידישקייט און געסטראַשעט אַז וויבאַלד ער וועט אים, דעם זעלנער, כאַפּן אויפן מינדסטן קלות וועט ער זיך אין אים נוקם ונוטר זיין ווי אַ פּולקאָוו־ניק און אים אַריינזעצן אין קאַרצער אויף ברויט מיט וואַסער. דאָס וואָלט נאָך

נישט געווען דאָס ערגסטע, אויף דעם „דענשטשיק" יאַנקל האָט פּולקאָווניק ד"ר מאָרגנזאָנע אויסגעפּרואווט די הויכקייט פון זיין „טשין". ער האָט שטאַרק מקפּיד געווען אַז ווען יאַנקל רעדט צו אים זאָל ער שטיין גלייך ווי אַ ווירע, ווי מען שטייט פאַר אַ פּולקאָווניק. טאָמער האָט יאַנקל עס נישט געטאָן כדת וכדין האָט זיך דער פּולקאָווניק צעשריגן:

— יאַנקל, ווי שטייסטע? עך וועל דיך עוקר מן השורש זיין!

אחוץ דעם האָט יאַנקל ביים פּולקאָווניק אַ גאַנצן טאָג געמוזט טראָגן אויפן קאָפּ דעם גרויסן זעלנערישן קאַשקעט. דאָס איז אויך נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. די היטן פון די פּוילישע זעלנער זענען געווען באַשלאָגן מיט אַ סך בלעך. זיי כסדר אַרומצוטראָגן אויפן קאָפּ איז אַפילו פאַר אַ גרעסערן מלחמה־העלד ווי דער „דענשטשיק" יאַנקל געווען אַ משא נישט אויף אויסצוהאַלטן.

ווי איך האָב שוין דערציילט איז פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע מער געזעסן אויף טלאָמאַצקע דרייצן ווי אין דעם קליינעם צימערל וואָס דאָס מלכות פּוילן האָט אים אָפּגעגעבן אין דער געביידע פון קריגס־מיניסטעריום. ווערדליק אַלע מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן האָט פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע דאָרט באַדאַרפט אַמטירן אויף זיין מיליטערישן פּאָסטן, דאָס הייסט, זאָרגן פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן פון די יידישע זעלנער. ווען דעם ד"ר מאָרגנזאָנע איז אַמאָל אויסגעקומען אַהין צו גיין אין די דעפּאַרטאַמענטן פון זיין אַמט האָבן זיך אים געוואָרפן הענט און פיס. גיי און זעץ זיך אַוועק צווישן אַזוי פיל גויאישע גענעראַלן און פּולקאָווניקעס! דערימאַך האָט ער דעם שליסל פון זיינע מלוכה־דעפּאַרטאַמענטן אַוועקגעגעבן צו דעם „דענשטשיק" יאַנקל. יאַנקל האָט דאָרט געשאַלטעט און געוואַלטעט אין די ענינים צווישן דעם רבונו של עולם און דעם פאָלק ישראל פון דער פּוילישער אַרמיי.

אַמאָל האָט זיך געמאַכט אַ מעשה — פון קריגס־מיניסטעריום האָט מען צוגעשיקט עפּעס אַ פראַגע צום פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע.

ער האָט זיך געמאַכט קראַנק און אויף זיין אָרט געשיקט דעם דענשטשיק יאַנקל.

ווען יאַנקל איז צוריקגעקומען האָט זיך דער פּולקאָווניק אָנגעטאָן זיין שווערד און פיילנבויגן און זיך באַהאַנגען מיט אַלע בלעכלעך און

מעדאָלן. ער איז געווען בלאָס ווי די וואַנט און זיך געגרייט אָפּצונעמען ראַפּאָרט ביי יאַנקלען, זיין „נידעריקערן טשין".

עס איז פאָרגעקומען דער פאָלגנדיקער דיאַלאָג צווישן דעם פּוילישן פּולקאָווניק און זיין אונטערטעניקן:

— וואָס האָט פּולקאָווניק דלת געזאָגט?

— ער האָט גאָרנישט געזאָגט, פּאַניע פּולקאָווניקו, — האָט יאַנקל געענטפערט.

— וואָס הייסט ער האָט גאָרנישט געזאָגט? — האָט פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע געשריען, — ווי עך זע האָסטע נאָך היינט נישט מעביר געווען די סדרה, דערימאַך האָסטע אַ זכרון פון אַ קאַץ. עך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט מיר שוין זאָגן וואָס פּולקאָווניק דלת האָט געזאָגט. יאַנקל, דו שטייסט פאַר מיר ווידער נישט כדבעי. עך וועל דיך עוקר מן השורש זיין און אַוועקזעצן אין קאַרצער.

— ער האָט גאָרנישט געזאָגט, פּאַניע פּולקאָווניקו — איז יאַנקל געבליבן ביי דאָס זייניקע.

— וואָס הייסט ער האָט גאָרנישט געזאָגט? — האָט פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע געטופּעט מיט די פיס, — יאַנקל, עך בין דיך מתרה אַז דו שפּילסט זיך מיט פייער.

— ער האָט געזאָגט . . . ער האָט געזאָגט, — האָט זיך יאַנקל גע־קווענקלט אַרויסצוזאָגן דאָס לעצטע וואָרט — ער האָט געזאָגט, אַז דער פאַן פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע איז אַ שוטה.

דער פאַן פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און טרי־אומפירנדיק האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטביידע הענט:

— נו, האָט ער דאָך יאָ עפּעס געזאָגט!

קאַפּיטל זיבעצן

דער פּולקאַווניק לעכצט אָנצוקוקן אַ פּופּיק אָדער מסדר־קידושין צו זײַן. ראַמעאָ און יוליאַ אויף טלאַ־מאַצקע דרײַצן. עס האַלט קרוב לחופּה און פּאַרן פּולקאַווניק שלאָגט די אויסגעבענקטע שעה. אַן אַנדרוגינוס אין דער קלאַסישער ביבליאָטעק. בגדי־מלכות און בגדי־קודש. די גרויסע פּאַטעטישע דרשה אונטער דער חופּה.

אַז ער איז אַ פּולקאַווניק האָט ד״ר מאַרגנזאַנע געוואוסט קלאָר ווי דער טאָג. ער האָט נאָר באַדאַרפט אַרײַנקוקן אין אַ שפּיגל. וואָס שייך אָבער צי ער איז אַ רב? — דאָ איז ד״ר מאַרגנזאַנע געבליבן אַ צעטומלטער: וואָס הייסט אַ רב, וואָס האָט נאָך במשך זײַן גאַנצן רבנישן אַמט אויף די אויגן נישט אָנגעקוקט קיין פּופּיק? מען האָט אים נאָך קיינמאָל נישט גערופן צו קיין סידור־קידושין! וואַרשע און פּוילן זענען נישט גע־וואוינט געווען צו רבנים מיט פֿאַרשווירענע בערדלעך ווי מען זעט זיי, בעוונותינו הרבים, אויף שריט און טריט ביי אונז אין ניו־יאָרק.

מאַכט זיך אַ מעשה און אויך אין דעם דאָזיקן פּרט איז ד״ר מאַקסי־מיליאַן מאַרגנזאַנע עולה לגדולה געוואָרן.

איך וועל עס דערציילן בהדרגה.

פֿון אַלע שטעטלעך אין פּוילן האָט מען אויף טלאַמאַצקע דרײַצן אַרויפֿגעקוקט ווי אויף דעם יידישן אָלימפּ. דאָרט הויזן און שאַפֿן די פֿענ־געטער וואָס מען קאָן בלויז וועדליק די נעמען. די דאָזיקע נעמען לייענט מען שוואַרץ אויף ווייס אין די טאָג־צייטונגען, אין די זשורנאַלן און אויף

די שער־בלעטער פון ביכער. טיילמאָל לייענט מען ווי די טלאָמאַצקער געטער רייסן זיך פאַר די קעפּ. עס דונערט און עס בליצט אויפן פּאַפּיר און אין דער לופטן. אַ ציטער איז אַדורכגעגאַנגען אין די שטעטלעך אויף דער פּראָווינץ ווען מען האָט געהערט און געלייענט וועגן די מחלוקות צווישן די גרויסע נעמען.

אַ סך פון דער יוגנט וואָס האָבן שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם אומעט אין זייערע שטעטלעך זענען געקומען קיין וואַרשע זוכן פּרנסה און בילדונג. אינאיינוועגס טאַקע האָבן זיי געגאַרט אַ קוק צו טאָן אויף דער באַרימטער טלאָמאַצקע דרייצן.

פון שטעטל לעווערטאָוו איז געקומען קיין וואַרשע אַ יינג מיידל, און דווקא נישט קיין מיאוסע. אינדערהיים, אין לעווערטאָוו, איז איר אַפילו געווען נישט שלעכט. אירע עלטערן זענען געווען פון די שיינע באַלעבאַטים אין שטעטל. פּרנסה האָט זיי געררונען איבערן מויל. דעם מיידל וואָלטן נישט געפעלט קיין חתנים. אָבער לעווערטאָוו איז אויסגעקומען אין אירע אויגן ווי אַ פינצטערע גרוב. זי האָט געוואָלט פאָרן קיין וואַרשע און דאָרט ענדיקן אַ לערער־סעמינאַר כדי צו ווערן אַ לערערין אין די שולן פון דער „ציש״אָ״. אין פוילן איז עס נאָך געווען אַן אידעאַל פאַר אַ מאָדערן מיידל.

דאָס לעווערטאָווער מיידל איז אויך געווען אַ גרויסע ליבהאָבערין פון יידישער ליטעראַטור. קומענדיק קיין וואַרשע האָט זי אויף טלאָמאַצקע דרייצן מיט אירע אייגענע אויגן געזען די יידישע שרייבער וועמעס ביכער זי לייענט.

וואַרשע איז איר נאָך שענער אויסגעקומען ווי זי האָט געהערט דער־ציילן אין לעווערטאָוו. טלאָמאַצקע האָט אַלצדינג איבערגעשטיגן וואָס זי האָט געזען אין אירע לעווערטאָווער חלומות.

אַזוי ווי זי איז געווען אַ שטיל און באַשיידן מיידל איז זי געזעסן און געהערט. יעדעס וואָרט וואָס זי האָט פאַרנומען צווישן די ווענט פון טלאָמאַצקע דרייצן איז איר אויסגעקומען אומגעהייער וויכטיק.

דאָרט האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען קאַווען. אין לעווערטאָוו האָט זי אַפילו זיין נאָמען נישט געהערט. דערפאַר איז ער ביי איר גרעסער אויסגעוואַקסן אויף טלאָמאַצקע. זי האָט געהערט ווי ער איז אַלעמען מבטל, און וועגן זיך אַליין רעדט ער ווי וועגן אַ וועלט־גאון. טעאָרעטיש

געווינט ער אַפילו די שאַכן וואָס ער האָט — פּאַקטיש — אַזוי ביטער פאַרשפּילט. דאָס פּראָווינצערישע מיידל האָט נישט געוואוסט פון קיין קונצן. אַלצדינג וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז דער גאָלדנסטער אמת. אויב אַזוי — האָט זי באמת געזען ווי דער קליינער נישט אָנזעעוודיקער קאַווע דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ ריז צווישן קאַרליקעס.

אַי, ער איז שוין האַרט ביי די חמישים? און וואָס שייך מאַנסבילישער שיינקייט קאָן מען אויך געפינען שענערע? וואָסער ראָליע שפּילט דער שטערבלעכער גוף קעגן דעם אומשטערבלעכן גייסט!

דאָס לעווערטאָווער מיידל איז געווען אַ גרויסע חסידותטע פון גייסטי־קייט. און דאָס נישט סתם אַזוי גייסטיקייט. סתם־אַזוי גייסטיקייט האָט געוואקסן אויף טלאָמאַצקע דרייצן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אין קאַווען האָט זי געזען אויסערגעוויינטלעכע גייסטיקייט. טלאָמאַצקע דרייצן ציטערט פאַר אים ווי אַ בלאַט, וואָרעם אָט נעמט ער און מאַכט פון אַלצדינג גייסטיקע קאַשע.

דאָס מיידל האָט געהערט קאַווען און געקוקט אויף אים און זי האָט זיך נישט לאַנג פאַרטראַכט. זי האָט זיך אין אים שטערבלעך פאַרליבט. פשוט אויף אַן אמת שטערבלעך פאַרליבט.

זי האָט זיך אין אים פאַרליבט מיט דער גאַנצער נאַאיוויטעט און מיט דעם טעמפּעראַמענט פון אַ פּראָווינצער אידעאַליסטקע. זי האָט זיך פאַר־ליבט אין זיין אוניווערסאַל וויסן. ער האָט איר געוואַלדיק אימפּאָנירט.

אַזאַ דערפאַלג, געליבט צו ווערן פון אַ יינג און שיין מיידל, געליבט צו ווערן אַזוי ראָמאַנטיש, ווען אַליין איז מען דער אייגענער ביטערער אָרעמאַן ווי אַמאָל, און די חמישים קלאַפּן שוין ביי דער טיר! זיכער האָט זיך קאַווען געמוזט אויסדוכטן: ענדלעך האָט זיין גרויסער שטערן אויפגעלויכטן פון די וויטע מרחקים און אַז ער וועט נאָך זיכער אויך באַוויזן אָנצושרייבן די עפּאָכע־מאַכנדיקע ווערק וואָס וועלן די וועלט און אַלצדינג אויף איר איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ.

די ליבע צווישן קאַווען און דער שיינער לעווערטאָווערין האָט זיך געצויגן יאָרן, און מען האָט גערעדט פון חתונה־האָבן. אינדערהיים, אין לעווערטאָוו, האָבן די באַלעבאַטישע עלטערן דערהערט מיט וועמען זייער טאָכטער גייט שטעלן אַ חופה, האָבן זיי זיך שאַרף אַקעגנגעשטעלט. יעדער

ווידערשטאַנד האָט נאָך מער צעפלאַקערט דאָס פייער פון דער ליבע אינם האַרצן פונם מיידל. זי איז געווען אַ נאַאיווע אידעאַליסטקע אין אַלעם און אין אַלצדינג. צו זיין אַ מאַרטירערין פאַר געפילן איז איר אויסגעקומען די שענסטע טאַט אין איר לעבן און זי האָט באַשלאָסן צו גיין אויף אָט־אָ־דעם ראָמאַנטישן מאַרטירער־וועג.

***

עס האָט געהאַלטן קרוב לחתונה. דער פולקאָוויק ד״ר מאַקסימיליאַן מאָרגנזאַנע האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ענדלעך האָט פאַר אים געשלאָגן די אויסגעבענקטע שעה. דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז דער רב אין פוילישן חייל וועט אים פּאַרט אויסקומען מסדר־קידושין צו זיין! הגם ד״ר מאָרגנ־זאָנע אַליין האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַ שידוך און געזוכט אַ כלה, האָט ער, פונדעסטוועגן, פאַרגעסן אַלע פּערזענלעכע בענקענישן וואָס האָבן אים געפּאַרקעט אונטער די מעדאַלן אויף זיין ברוסט. אַ קלייניקייט — עס גייט צו אַ חופה אויף טלאָמאַצקע! און ווער וועט דאָ מסדר־קידושין זיין אויב נישט דער וואָיסקאָווער רב, פולקאָווניק ד״ר מאָרגנזאָנע?

פון זיין לאַנגער פּראַקטיק אין גאַליציע האָט ד״ר מאָרגנזאָנע גע־וואוסט, אַז בחנם פליען נישט קיין געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אַריין. אומעטום מוז מען פריער אָנפרעגן ביי דער קעשענע. ד״ר מאָרגנזאָנע איז געווען מוכן ומזומן צו פּראַווען על חשבונו די חתונה פון קאָוועץ מיט דער שיינער לעווערטאָווערין — אַבי נאָר ער זאָל זיין דער מסדר־קידושין.

וכך הוה.

צו דער חתונה ביים ד״ר מאָרגנזאָנע אין הויז האָט קאָווע פאַרבעטן עטלעכע יידישע שריפטשטעלער. איך בין אויך געווען צווישן די פאַר־בעטענע. אין אַ ווינטערדיקן אָוונט זענען מיר אַרויפגעגאַנגען צום פול־קאָווניק אין דירה.

ער האָט געוואוינט צווישן דער יידישער געדיכטעניש, אויף פראַנ־ציסקאַנער גאַס. די טיר האָט פאַר אונז געעפנט יאַנקל דער דענשטשיק. פון דער צווייטער שטוב האָבן מיר באַלד דערהערט אַ האָפערדיק־זינגנדיקן גאַליציאַנער ברוך־הבא. דער פולקאָווניק האָט זיך באַוויזן אין דער טיר.

ר׳ אברהמלע מענדעלסאָן

ה. ד. נאָמבערג אַלס חסידישער יונגערמאַן

י. י. טרונק — אַ פּליט אין ווילנע 1940

ביי זיך אינדערהיים האָט ער באמת אויסגעקוקט ווי אַן אַנדרוגינוס — האַלב פּולקאָווניק און האַלב רב. ער האָט געטראָגן אַ זיידענע ראַבי־נערישע יאַרמלקע אויפן קאָפּ. דער מיליטערישער מונדיר איז געווען ביי אים צעקנעפּלט און אונטערן מונדיר האָט זיך געוויזן אַ טערקישער אַרבע־כנפות. די ציצית האָבן זיך גאָר האָפערדיקע געבאָמבלט אויף די מיליטע־רישע הויזן. דער פּולקאָווניק איז געווען אויפן זיבעטן הימל ווען ער האָט ביי זיך געזען חתן־כלה, ווי אויך די טלאָמאַצקער געסט. איצט איז ער זיכער געווען, אַז דער סידור־קידושין וועט אים נישט אַנטלויפן.

האָט ער אונז אַריינגעפירט אין אַ צימער וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביזן סופיט מיט ספרים־שענק. עס איז געווען זיין ביבליאָטעק. אַחוץ אַ גרויסע מאַסע רבנישע ספרים האָט ער אויך געהאַט פולע אַלמערס מיט קלאַסישע לאַטיינישע און גריכישע ביכער, ווי אויך ביכער פון אַלערליי סעמיטישע שפּראַכן. די דאָזיקע ביבליאָטעק האָט פּולקאָווניק מאָרגנזאָנע געקאָנט פון אויסנווייניק ווי אַשרי יושבי ביתך.

דער טיש אינמיטן דער קלאַסישער ביבליאָטעק איז געווען אָנגעג־שטעלט מיט פלעשער ווייַן און בראָנפן, ווי אויך מיט פאַרשידענע זיסע־קייטן. עס האָט געשמעקט מיט חתונה. אָט־אָ־די חתונה צווישן די ווענט פון אַ ביבליאָטעק האָט אויך צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער פּערזענלעכקייט פון קאַווען און צו זיינע אַמביציעס. מיר, די עטלעכע געקומענע יידישע שריפטשטעלער צוזאַמען מיט דער שיינער לעווערטאָווער כלה, האָבן מיר אָקעגן דעם מחותן מיטן חתן אויסגעקוקט ווי פּראָסטאַקישע קרובים.

דעם ד״ר מאָרגנזאָנע האָט זיך, כנראה, אַלץ נישט צוגעגלויבט אין דעם גרויסן גליק וואָס האָט אים געטראָפן, נעמלעך, דאָס גליק מסדר־קידושין צו זיין, — דערימאַך האָט ער באַצייטנס צוגעגרייט די חופּה מיט די חופּה־שטאַנגען. זי האָט טאַקע אַרויסגעשיינט פון אַ ווינקל אין דעם ביבליאָטעק־צימער.

דער פּולקאָווניק האָט פאַנאַנדערגעקאָרקעוועט די פלאַשן און אונז מכבד געווען מיט לעקעך און משקה. אָבער די האָר האָבן אים געברענט אויפן קאָפּ פון גרויס איילעניש. ער האָט אַלץ מורא געהאַט טאָמער חלילה וועלן חתן־כלה חרטה האָבן אויפן שידוך און פון סידור־קידושין וועט זיך אויסלאָזן אַ טייך. ער האָט געיאָגט צו דער חופּה.

ער האָט געהייסן יאַנקלען אַלצדינג צוגרייטן און אַליין בכבודו ובעצמו האָט ער זיך אָנגעהויבן אָנטאָן צום גרויסן און פייערלעכן חופה־אַקט.

דאָס אָנטאָן האָט ביים ד״ר מאָרגנזאָנע גענומען אַ היפּשע צייט. ער האָט אויף זיך אַרויפגעלייגט דעם פולן אָרנאַט סיי פון אַ פּולקאָווניק און סיי פון אַ ראַבינער. ער האָט זיך באַהאַנגען מיט אַלע מיליטערישע מעדאַלן און אויסצייכענונגען. שפּעטער האָט ער אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ שוואַרצע זיידענע ראַבינערישע בעקעשע. אויפן האַלז האָט ער זיך אָנגעטאָן עפּעס אַ ווייס פאַרטעכל מיט שפּיצן. שפּעטער האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ אַ שפּיציק פיר־קאַנטיק ראַבינעריש מיצל. ד״ר מאָרגנזאָנע האָט געשיינט אין זיינע בגדי מלכות און אין זיינע בגדי־קודש.

ווען ער איז שוין געשטאַנען ווי דער כוהן־גדול פאַר דער עבודה האָט ער יאַנקלען דעם דענשטשיק געהייסן אָנצינדן ליכט און הבדלות און פאַנאַנדערשטעלן די חופה. איין דרענגל פון דער חופה האָט געהאַלטן יאַנקל דער דענשטשיק, די איבעריקע דריי דרענגלעך האָבן געהאַלטן דריי יידישע שריפטשטעלער.

ש. ל. קאַווע און די שיינע לעווערטאָווערין האָבן זיך אַרונטערגע־שטעלט אונטער דער חופה, און דער פּולקאָווניק ד״ר מאָרגנזאָנע האָט אָנגעהויבן זיין דרשה. ער האָט גערעדט אפשר אַ שעה צייט. גערעדט האָט ער אויפן ריינסטן גאַליציאַנער דייטשמעריש. די דרשה איז געווען אָנגע־פּיקעוועט מיט אַ שלל פּסוקים און מאמרי־חז״ל און מיט אַ שלל ציטאַטן פון רוימישע און גריכישע קלאַסיקער. פאַרשטייט זיך, אַז איעדער ציטאַט איז געזאָגט געוואָרן אין דער שפּראַך ווי ער איז געשריבן געוואָרן. ד״ר מאָרגנזאָנע האָט גאַרנישט געהאַט בדעה צו פאַרענדיקן די דרשה און איז זיך וואָס מער און מער פאַרגאַנגען אין סענטימענטאַלן מליצהדיקן פּאַטאָס. דאָס לעווערטאָווער מיידל האָט ער אָנגערופן „די ווייסע אומשולדיקע ראָזע״ און קאַווען האָט ער פאַרגליכן צו אַ שטערן אין הימל און צו אַ בלום אויפן פעלד. סיי ביי חתן־כלה און סיי ביי די חתונה־געסט זענען די פיס שיער נישט אָראָפּגעפאַלן פונם לאַנגן שטייעניש. ד״ר מאָרגנזאָנע האָט גאָר נישט געהאַט אין זינען אויפצוהערן. ענדלעך האָט ער זיך אַליין צעוויינט פון דער געהויבענער גערירטקייט פון זיינע ווערטער.

ווען די הבדלות האָבן שוין געהאַלטן ביים אויספלאַקערן זיך האָט ד״ר מאָרגנזאָנע סוף כּל סוף מסדר־קידושין געווען. קאַווע און די שיינע לעווערטאָווערין זענען געוואָרן מאַן און ווייב און האָבן צעטרעטן דאָס גלאָז אונטער זייערע פיס.

קאַפּיטל אַכצן

יידישע שריפטשטעלער קומען צוריק פון באָל־שעוויסטישן רוסלאַנד. ז. סעגאַלאָוויטש קעמפט מיט דער וועלט אויף צווי שלאַכט־פעלדער. מיט עטלעכע פאַרעלטערטע גראַמען קאָן מען נישט ליקווידירן דעם גאָט יופּיטער וואָס דונערט אין לאָדזש.

נאָך דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה האָבן אָנגעהויבן צוריק־צוקומען קיין פּוילן די יידישע שריפטשטעלער וואָס האָבן געהאַט פאַרלאָזט פּוילן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון די ערשטע צוריקגעקומענע זענען געווען אפרים קאַגאַנאָווסקי און יוסף טונקל.

אפרים קאַגאַנאָווסקי האָט אין אַדעס דורכגעמאַכט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. ער האָט מיטגעמאַכט זייער שטורעמדיקע צייטן — אָבער אויף זיין געמיט איז עס נישט געווען צו דערקענען אויף אַ האָר. פון דער רעוואָלוציע איז אים נאָר איבערגעבליבן, וואָס אין וואַרשע און אויף טלאָמאַצקע האָט ער געטראָגן שטיוול מיט לאַנגע כאָליעוועס. ער האָט אין זיי אויסגעקוקט ווי אַ באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר — און דאָס איז געווען אַלץ.

קאַגאַנאָווסקין איז פאַרבליבן דער אַלטער גייסטרייכער און ראָמאַנ־טישער הומאָר, דאָס יוגנטלעכע געמיט, די עלאָקווענץ. זיין שרייבערישער אופן איז אויך פאַרבליבן דערזעלביקער: דער פיינער שוימיקער שאַמ־פּאַניער־ווייַן פון לעבן. נייערט דער דאָזיקער ווייַן איז רייפער און טיפער געוואָרן אין זיינע אַראָמאַטן. ווידער האָט קאַגאַנאָווסקי מיט זיין מאַנס־בילישער שיינקייט געפאַנגען געגומען די הערצער פון די ווייבער. מיט ווייבערישע הערצער האָט ער געקענט שפּילן ווי מיט באַלעמער.

עס איז אויך געקומען י. י. זינגער. ער איז געווען אַ וואַרשעווער, אַ רבס אַ זון. פאַר דער מלחמה האָט מען פון אים נישט געוואוסט. ווי אַ יידישער שריפטשטעלער איז ער דווקא אויסגעוואַקסן אינמיטן די פרילינג־שטורמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זייער אייגנאַרטיקע נאָוועלן פון יידן אין פוילן, און טאַקע פון יידן אין וואַר־שע. אַ טייל פון די דאָזיקע נאָוועלן האָט ער געשריבן אין קיעוו און באַלד אויף זיך געצויגן אויפמערקזאַמקייט. י. י. זינגער איז געווען פון די שריפט־שטעלער וואָס האָבן אַחוץ טאַלאַנט אויך געהאַט דאָס מזל וואָס מען האָט זיי נישט פאַרזען. מען איז אויך אין וואַרשע באַלד אויפמערקזאַם געוואָרן אויף זיינע דערציילונגען. י. י. זינגער האָט באַלד פאַרנומען דאָס אָרט צווישן די אָנגעזעענסטע יידישע פּראָזאַאיקער.

מען איז אויף זינגערן אויפמערקזאַם געוואָרן אויך אין אַמעריקע. דער ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" האָט אָנגעהויבן איבערצודרוקן זיינע זאַכן. ער איז געוואָרן דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס" אין פוילן. אַ ביסל שפּעטער האָט י. י. זינגער אָנגעשריבן זיין באַרימטן ראָמאַן „יאָשע קאַלב" וואָס האָט אים געמאַכט זייער פּאָפּולער נישט בלויז אין פוילן נאָר דווקא אין אַמעריקע.

„יאָשע קאַלב" איז אינסצעניזירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרץ און געשפּילט געוואָרן מיט געוואַלדיקן דערפאָלג אויף דער ניו־יאָרקער יידישער בינע. י. י. זינגערס נאָמען איז געוואָרן גאָר באַרימט.

צווישן די ווענט פון טלאָמאַצקע דרייצן האָט זיך ז. סעגאַלאָוויטש אַרומגעדרייט ווי דער ריטער פון טרויעריקן געשטאַלט. ער האָט געהאַט געוואַלדיקן סוקצעס ביי דער יידישער לייענער־מאַסע אין פוילן. פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ געקריוודעטן און נישט אָנער־קענטן. פאַר אַן איינזאַמען טראַגישן מענטש. די סיבות פון אָט דער „אייבי־קער איינזאַמקייט" פונם אָנגעברוגזטן „ווערטהער" פון טלאָמאַצקע דרייצן זענען געווען די פאָלגנדיקע:

די קריטיק האָט ווייניק וועגן אים געשריבן און געשריבן האָט זי ווייניק, מחמת ווי אַ שריפטשטעלער און דערצו ווי אַ פּראָזע־שריפט־שטעלער, איז באמת ז. סעגאַלאָוויטש נישט געווען צופיל אינטערעסאַנט. אויף אַלע אַנדערע יידישע שריפטשטעלער האָט ער געקוקט ווי אויף

אוזורפּאַטאָרן וואָס מאַכן אים ענג אויף דער וועלט. זיי פאַרנעמען מיט זייער פּערזאָן דעם פּלאַץ וואָס באַלאַנגט צו אים. טאָמער האָבן קריטיקער וועגן זיי געשריבן, אָדער ווען עמעצער איז געוואָרן באַרימט — דעמאָלט איז דער טרויעריקער ריטער געוואָרן נאָך טרויעריקער און פאַרביטערטער. ער האָט געזען באַשיינפּערלעך: די וועלט האָט זיך פאַרנומען אים צו קריוודען און צו טאָן עוולות. זי לאָזט אים איבער אונטער די הימלען אַ נישט־אָנערקענטן און אַן איביק־איינזאַמען.

צוויי שלאַכט־פעלדער האָט ז. סעגאַלאָוויטש פאַרמאָגט אין זיין באַזיץ. דאָרט האָט ער געפירט זיינע קאַמפן מיט דער שלעכטער נישט־פאַרגי־נערישער וועלט. דאָס זענען געווען: זיינע אייגענע ביכער און טלאָמאַצקע דרייצן.

צום לייכטסטן איז אים אויסגעקומען צו פירן זיינע חשבונות מיט דער וועלט אויף די בלעטער פון זיינע ביכער. סעגאַלאָוויטש האָט געהאַט אַ לייכטע און באַריידעוודיקע פעדער. מיט איר טאַקע האָט ער זיך צעשריבן אין אַ סך ראָמאַנען. ז. סעגאַלאָוויטש האָט פאַרעפנטלעכט צענדליקער ראָ־מאַנען. אַלע דרייען זיי זיך אַרום ווי שטערן אַרום אַן אָבלדיקער געקריוודע־טער זון — און דאָס איז ער, ז. סעגאַלאָוויטש אין זיין „אייביקער איינזאַמ־קייט" און אין זיינע חשבונות מיט דער וועלט. אָ די אומדאַנקבאַרע וועלט!

דאָס פּאַפּיר איז שטיל און געדולדיק. די קאַמפּס־שווערד וואָס רופט זיך שריפטשטעלערישע פעדער קעמפט נייערט מיט הוילע שאָטנס. שאָטנס איז לייכט צו לערנען דרך־ארץ. אויף די פליינען פון פּאַפּיר לאָזט זיך די וועלט אַוועקלייגן איבערן בענקל און מען קאָן איר אַריינפּיצקן זויפל דעם האַרץ גלוסט זיך נאָר. מען קאָן אַפילו מאַכן איבער דער וועלט אַ שוואַרצן וואָלקן און זיך אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל און וויינען אויף דעם פינצטערן מזל פון אַן איביק־איינזאַמען מענטש. צווישן דעם לייענער־עולם געפינען זיך אַ סך וואָס וואָלטן געוואָלט זען די וועלט ווי אַ מגילת־איכה. אַ סך לייענער וואָלטן זיך נעבעך געוואָלט אַראָפּוויינען פון האַרץ.

אָט די לייענער האָבן אין סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען געזען ווי די וועלט באַקומט דאָרט איר פאַרדינטן פּסק. זייערע הערצער האָבן אַ טיאָכקע געטאָן און זייערע אויגן האָבן זיך איינגעהילט אין פייכטקייט. אין די שטעטלעך

פון פוילן האָט מען סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען געקויפט ווי מצה־וואַסער און מען האָט זיי געלייענט מיט שווערע שטיינער אויפן האַרץ.

טלאָמאַצקע דרייצן איז געווען דער צווייטער מער רעאַלער פּלאַץ וואו סעגאַלאָוויטש האָט אויסגעפאָכטן זיין ביטערן קאַמף מיט דער וועלט.

בטבע איז ז. סעגאַלאָוויטש געווען אַ גוטער מענטש און ער האָט אין זיך געהאַט די נאַאיוויטעט פון אַ געקרענקט קינד. זיינע לונגען האָבן גאָר נישט געוואָלט באַהאַלטן. אַלצדינג האָבן זיי באַלד אַרויסגעלייגט אויף דער צונג. ער האָט גערעדט אַ ביאַליסטאָקער יידיש און מיט קורצע אָפּגע־האַקטע זאַצן. די דאָזיקע זאַצן זענען געווען סיי לאַמענטאַציעס סיי אָפּרע־כענונגען מיט זיינע קאָנקורענטן. און דאָס מיינט: אַלע וואָס האָבן געהאַלטן אַ פּען אין דער האַנט. באַלד איז ער פון מינאָר אַרויפגעקומען אויפן מאַיאָר, און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ סדרה לויבענישן אויף זיך אַליין. אָט גיט ער אַרויס דעם דרייסיקסטן באַנד פון זיינע שריפטן. אין פוילן שטייען צענדליקער און צענדליקער טויזנטער לייענער און קאָנען זיך נישט דער־וואַרטן אויף זיינע ביכער. אַמאָל פלעגט סעגאַלאָוויטש דערציילן פון זיינע אַלטע ליבעס וואָס ער האָט שוין צענדליקער מאָל באַשריבן אין זיינע ווערק. און ער איז ווידער אַרויפגעקומען אויף די קריטיקער וואָס קאָנען אים נישט פאַרגינען דאָס לעבן און האָבן געמאַכט יד־אַחת אים צו פאַרשווייגן.

עס וואָלט אַלצדינג אַזוי צוגעגאַנגען ביז משיח וועט קומען ווען נישט די שטורעם־ווינטן וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער יידישער דיכטונג, — שטורעם־ווינטן וואָס זענען געקומען פון צעבושעוועטע וועלטן. אַז די בייזע ווינטן און דיכטערישע געוויטערס האָבן זיך געזאַמלט בלויז מיט דער כוונה אים צו קריוודען — אין דעם איז סעגאַלאָוויטש געווען זיכער ווי דער טאָג.

דאָס ערשטע דיכטערישע שטורעם־געוויטער האָט זיך אויפגעהויבן אין לאָדזש. דער צאָרנדיקער יופּיטער אין די וואָלקנס איז געווען משה בראָדערזאָן. תחילת איז סעגאַלאָוויטשן אויסגעקומען, אַז ער וועט עס קאָנען ליקווידירן. (אין יענע יאָרן האָט סעגאַלאָוויטש געוואוינט אין לאָדזש.) משה בראָדערזאָן האָט זיך פאַר דער מלחמה נאָר געציילט צווישן די לאָ־קאַלע לאָדזשער טאַלאַנטן. איי ער האָט איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ?

ווען מען אים אַרונטערהאַקן דעם קאָפּ מיט דער הילף פון עטלעכע סאַטי־
רישע לידלעך.

סעגאַלאָוויטש האָט אָבער נישט באַרעכנט דעם כוח פון זיין שונא.
הינטער בראָדערזאָנען איז געשטאַנען די נייע וועלט פון דער רוסישער
רעוואָלוציע און דער עיקר די אימה און פּחד וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן
אויף אַלעמען. ווען אַלע שטייען פאַר אים מיט די היטלען אין די הענט,
קאָן מען אים נישט ליקווידירן מיט עטלעכע פאַרעלטערטע גראַמען.

בראָדערזאָן האָט טאַקע נישט געוואַרט און געטאָן אַ ברום ווי אַ דער־
צאָרנטער לייב. ער האָט אַרויסגעשטעלט סעגאַלאָוויטשן ווי דעם סימבאָל
פון דער אַלטער פאַרשימלטער דיכטונג. בראָדערזאָן איז דעמאָלט גע־
שטאַנען אין זיינע גרעסטע פעדערן און אַלע האָבן אים צוגעפּאַטשט בראַוואָ,
געשוואוירן אייביקע אונטערטעניקייט און געטייטלט אויף סעגאַלאָוויטשן
ווי אויף אַ פּאַרצייטישער מפּולת.

אַ געשלאָגענער איז סעגאַלאָוויטש אַנטלאָפן פון לאָדזש און געקומען
קיין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע דרייצן. ער האָט זיך דאָרט אָוועקגעזעצט
ביי אַ טישל, געברומט אַ פאַרביטערטער און געוויזן דעם קיניג בראָדערזאָן
אַ פייג אונטער דעם מאַנטל.

פּלוצעם האָבן אויפגעשטורעמט די ווענט פון טלאָמאַצקע דרייצן.
ס'איז פאַר סעגאַלאָוויטשן געקומען אַ גרעסערער און מעכטיקערער שונא
ווי משה בראָדערזאָן. אַ שונא וואָס האָט מיט איין קלאַפּ געלייגט בראָדער־
זאָנען אויף די לאָפּאַטקעס, אַ שונא וואָס האָט צוריק געמאַכט לאָדזש
פאַר אַ דיכטערישער פּראָווינץ און דאָס גאַנצע פייער פון דער מוזישער
שלאַכט אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע.

ז. סעגאַלאָוויטש האָט זיך באַטראַכט ווי אַ שטויבעלע אינמיטן צע־
פענטעטע ווינטן. ער האָט ממש דערשפּירט ווי דער גאַנצער כדור־הארץ
טרייסלט זיך אונטער זיינע פיס.

פּרץ מאַרקיש און זיינע קאָלעגן האָבן זיך צעשאַלט אויף זייערע
מלחמה־פּאנפּארן. עס האָט זיך אויסגעדופט: אַלצדינג ווערט צעטרעטן
אונטער די קאָפּיטעס פון הירזשנדיקע פעגאזוסעס. אין אַזאַ צייט האָט
סעגאַלאָוויטש נישט געקאָנט פאַרלאַנגען אַז קיינער זאָל מער נישט טאָן
סיידן רעדן וועגן אים און זיינע ווערק און אַז די קריטיקער זאָלן פאַרגעסן

זייער פאַרשווייגעניש און מער נישט טאָן סיידן שרייבן מאמרים וועגן אים. ווי קאָן מען הערן דאָס זינגען פון אַ נאַכטיגאַל אינמיטן אַ הוראַגאַן פון ווינטן, שלאַק־רעגנס, דונערן און בליצן? וואוהין צו אַנטלויפן האָט סעגאַלאָוויטש נישט געהאַט. טלאָמאַצקע דרייצן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג סיני וואָס קראַכט און פלאַקערט אונטער די טריט פון די נייע געטער.

אָבער סעגאַלאָוויטש איז נישט געווען דער מענטש וואָס זאָל זיך אונטערגעבן. ער איז ווייטער געזעסן ביי אַ טלאָמאַצקער טישל, געברומט זיינע אָפּגעהאַקטע זאַצן און דערמאָנט דער וועלט אירע עוולות לגבי אים.

די זון האָט זיך אויסגעלייטערט איבער טלאָמאַצקע דרייצן. די דיכ־רישע שטורעם־געוויטערן האָבן זיך איינגעשטילט. די גרויסע פייער־פלאַמען זענען פאַמעלעך אַליין צעפאַלן אין אָרעמע האָלעוועשקעס. איבערגעזעצט אויף פשוט מאַמע־לשון הייסט עס: אַזוי ווי אין דער גאַנצער רעוואָלוציע אויפן פאַרנאַס פון דער יידישער דיכטונג איז געווען מער רויך ווי פייער — און דערצו אַ רויך פון פרעמדע קוימענס — האָט זיך דער רויך באַלד צעבלאָזן אין דער לופטן און ס׳האָבן זיך אַרויסגעוויזן די ווינציקע פלעמלעך.

און עס איז נאָך עפּעס צו באַוואונדערן:

נאָכדעם ווי די „נייע" האָבן זיך צעשריען ווי די לעמפּערטן זענען זיי באַלד געוואָרן הייזעריק און באַשיידענער. אַפּנים זיי האָבן איבערגעצויגן דאָס שטריקל און דערימאַך איז דאָס שטריקל געפּלאַצט. אַ סך זענען גאָר אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע, ווי למשל אורי צבי גרינבערג, און פאַרגעסן דעם גאַנצן „זיי־געזונט". פּרץ מאַרקיש בכבודו ובעצמו איז אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. דער טערמאָמעטער פון דעם אימפּעט האָט זיך דער־נענטערט צו נול. אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָבן זיך די געמיטן באַרואיקט.

ז. סעגאַלאָוויטש איז זיכער געווען, אַז ענדלעך איז געקומען זיין צייט. נאָך דער גרויסער אַנטוישונג וואָס טלאָמאַצקע האָט איבערגעלעבט וועלן די וועלט און די קריטיקער פאָרט קומען צו איינזעעניש ווער עס איז דער אמתער ליבלינג פון די מוזעס.

אָבער דאָס שיקזאַל האָט נישט ליב צוליב צו טאָן. פאַר סעגאַלאָוויטשן

זענען אויפגעשטאַנען נייע ביטערע אַנטוישונגען — און דאָס טאַקע פון דער פּראָזע.

דער דערפאָלג פון י. י. זינגערס נאָוועלן און ראָמאַנען האָט אָנגעיאָגט פינצטערע וואָלקנס אויף סעגאַלאָוויטשעס עגאָ־צענטרישקייט. ווידער איז ער געזעסן ביי די טלאָמאַצקער טישלעך און פאַר אַלעמען לאַמענטירט אויף זיין ביטערן גורל. ווידער האָט ער גענומען די פען אין האַנט און דערציילט אויפן פאַפּיר פון זיין אייביקער איינזאַמקייט און פון דער אומדאַנקבאַרער וועלט. און ווידער איז דערפון געוואָרן אַ ראָמאַן. איבער גאַנץ קרוין־פוילן האָבן טויזנטער איינזאַמע לייענער און לייענערקעס עס געלייענט און מיטגעזיפצט מיט דעם גרויסן געקריוודעטן אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

קאַפּיטל ניינצן

דער ביתו פּתוח לרוחה פון די מענדעלסאָנס אויף גזשיבאָווסקע 24. הערשעלע מענדעלסאָן שטאַרבט אין יום־כּפּור־קיטל. פינף שוועסטערן — פינף בת־מלכּהס. שדכנים ברענגען אַן עילוי.

ווי אַזוי ר׳ לייבוש בערלינער האָט זוכה געווען צום קונפּטיקן שר־התּורה. פּוילן גייט אויף רעדלעך און מען איז פונדאַסניי מקנא ר׳ ישעיה פּריוועסן.

יידישע שטובן וואו די טירן זענען געשטאַנען אָפן פאַר הונגעריקע און פאַר זאַטע זענען פון תּמיד אָן געווען אַ שם־דבר. יעדער תּלמיד־חכם איז אין אַזעלכע שטובן געווען דער אָנגעלייגטער גאַסט און געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַזעלכע מיני שטובן זענען געווען נישט דווקא ביי די פאַר־מעגלעכע יידן. עס ווערט אויך דערציילט פון יידישע אָרעמעלייט און אביונים וואָס האָבן זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן און האָבן דאָס אָרט הינטער זייער פּריפּעטשיק אויסגעלייגט מיט פרעמדע אורחים. פון אַזעלכע אָפענע שטובן דערציילט אונז אַ סך די יידישע געשיכטע. די קייט פון זייער המשך האָט זיך געצויגן צוזאַמען און ביינאַנד מיט דער קייט פון יידישן קיום. עס האָבן זיך געביטן די לעבנס־פאָרמען און די באַדינגונגען. עס האָבן זיך געביטן די דעות און דער לעבנס־שטייגער. די בייזסטע שטורעם־ווינטן פון דער צייט האָבן נישט געקאָנט אַרונטעררייסן די דעכער פון אָט די וואַרעמע און אָפענע יידישע שטובן.

אין ערשטן בוך פון דעם דאָזיקן ווערק האָב איך דערציילט פון אַזאַ ביתו פּתוח לרוחה ביים יידישן פּריץ ר׳ יעקב ענגלמאַן. אין זעקסטן בוך

האָב איך דערציילט פון די יידישע שטובןביים שריפטשטעלער יצחק קאַצענעלנסאָן און ביים בונדיסט ישראל ליכטנשטיין. דער המשך פון האַרציקער יידישער הכנסת־אורחים האָט זיך געצויגן איבער תקופות און שטאַנדן. איצטער וועל איך דערציילן פון דער שטוב פון די מענדעלסאָנס אין וואַרשע. אַ שטוב אויף גזשיבאָווסקע 24, האַרט ביים רויטן הויז פון דער יידישער גמינע.

דאָס בית־מענדלסאָן האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס עס איז געווען די סינטעזע פון די אַלטע דורות פון די חשובסטע פוילישע יידן און פון דעם נייעם יידישן וועלטלעכן לעבנס־אופן. די גמרא און די יידישע ליטעראַטור, דער „חמדת שלמה" און י. ל. פרץ, דאָס אַלטע פוילישע חסידות און דער „בונד" — זיי האָבן אַלע מיטגעהאָלפן צו בויען דעם ביתו פתוח לרוחה פון די מענדעלסאָנס אויף גזשיבאָווסקע 24.

פון דער געשיכטע פון דער דאָזיקער שטוב האָט מען געקאָנט אָראָפּ־לייענען הונדערטער יאָרן פון יידיש לעבן אין פוילן. די שטוב איז געווען וויט פון גבירותשאַפט. פון דעם אַמאָליקן פאַרמעגן פון ר׳ ישעיה פרי־וועסעס איידעם הערשעלע מענדלסאָן איז גאָרנישט איבערגעבליבן. פונ־דעסטוועגן האָט מען דאָרט געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען איז אין אַמאָליקע יידישע נגידישע שטובן אין פוילן. אויפן סופיט זענען נאָך געהאנגען די לאָמפּן פון אַמאָל. ביי די ווענט זענען נאָך געשטאַנען די ברייטע מאַכאָנענע שענק פון אַמאָליקער שפע. צווישן די נייע וואַלוועלע גלעזער און טעלער האָבן זיך נאָך פאַרבלאָנדזשעט גלעזער פון טייערן בעלגישן קרישטאָל און טעלער פון זאַקסישן פאָרצעליי. דאָס זענען נאָך געווען די געפעסן וואָס שבעלע פריוועס און איר בת־יחידקע דאָבעלע האָבן מיט יאָרן און יאָרן צוריק מיטגעברענגט פון די אויסלענדישע וואַרעמבעדער.

די באַלעבאָסטע פון דער שטוב איז געווען ליבעלע, דאָס צווייטע ווייב פון הערשעלע מענדלסאָנען, די אַמאָליקע מיוחסדיקע בתולה וואָס ר׳ ישעיה פריוועס האָט אויסגעקליבן פאַר זיין איידעם הערשעלע, נאָכדעם ווי דאָ־בעלע איז געשטאָרבן. איך האָב דערפון באַריכות דערציילט אין פערטן בוך פון דעם דאָזיקן ווערק.

ליבעלע האָט אויך געהאַט מיט הערשעלען קינדער און ר׳ ישעיה פריוועס האָט זיי באַטראַכט כמעט ווי זיינע אייניקלעך. ער האָט פאַר זיי

אַנגעגרייט נדבים און געזען זיי זאָלן לעבן אין שפע. מען האָט אויף זיי גע־קוקט ווי אויף פּריוועסעס. איצט איז אַלצדינג אַוועק מיטן רויך. פון די אַלטע יאָרן זענען איבערגעבליבן נייערט די מעבלען און געפעסן וואָס האָבן נישט באַוויזן צעבראָכן צו ווערן. ליבעלע איז שוין איצט געווען אַן עלטערע יידענע און זי האָט ווייטער כמקדם געטראָגן — ווי אַ גבירישע באַלאַבאָסטע — אַ גרויסן בונט שליסלען אויפן פאַרטעך און געבאַלע־באַטעוועט און געפירט די שטוב מיט דער אייגענער גבירישער רחבות ווי אַמאָל און גוט־האַרציק אויפגענומען געסט און געעפנט אירע שענק פאַר הונגעריקע און זאַטע.

נאָר די געסט האָבן זיך געביטן. אַמאָל זענען עס געווען חסידים און לומדים וואָס זענען דאָ אַרויפגעקומען אויף אַ גלעזעלע טיי מיט אתרוג־איינגעמאַכטס און געשמועסט חסידות און תורה. היינט זענען די געסט יידישע שריפטשטעלער און בונדיסטן.

אויפן אויג האָט קיינער נישט דערקענט, אַז אויסצוהאַלטן די שטוב אין איר רחבות איז נישט אַזוי לייכט ווי אַמאָל. מען מוז שווער און ביטער האָרעווען כדי אָנצוהאַלטן דעם המשך.

און דאָס האָבן געטאָן די צוויי יינגערע זין ליבעלעס, שלמה און מאיר. זיי האָבן טאַקע שווער געהאָרעוועט.

***

אין די דאָזיקע צוויי בחורים — איינער פון זיי, שלמה מענדעלסאָן, איז שפּעטער רומפול באַקאַנט געווען אין די תפוצות ישראל — האָבן זיך ווידער אָפּגעשפּיגלט די לעצטע תקופות פון יידן אין פוילן. זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט סיי אין זייערע דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן און סיי אין זייער המשך.

ביי הערשעלעס טויט זענען אָט דיביידע בחורים נאָך געווען קליינע יינגלעך. וואַרשע איז געגאַנגען אויף אַלע רעדלעך ווען הערשעלע מענדעלסאָן איז געשטאָרבן. קודם־כל איז ער געווען דער באַליבטער איידעם ביי ר׳ ישעיה פּריוועס. אַן איידעם וועלכן ר׳ ישעיה פּריוועס האָט נישט גע־וואָלט פאַרלאָזן אַפילו נאָכדעם ווי זיין טאָכטער איז געשטאָרבן. דאָס האָט

זיך אין די אויגן פון פוילישע יידן אומגעוואַנדלט אין אַ גאָלדענע לעגענדע. מען האָט זי מיט גרויס געפיל און חידושים דערציילט אין אַלע יידישע שטובן ווי אויך אין אַלע חסידים־שטיבלעך. צווייטנס, איז הערשעלע געווען אַ ייד אַ למדן. דריטנס — און דאָס האָט דער לעגענדע צוגעגעבן אַ גינגאָלדענע קרוין — הערשעלע איז געשטאָרבן אין ר׳ ישעיה פּרי־וועסעס „שטיבל״ אויף גראַניטשנע. געשטאָרבן איז ער יום־כפּור צו נעילה, און דאָס טאָקע מחמת דעם יום־כּפּורדיקן תענית. הערשעלע איז שוין דע־מאָלט געווען שווער קראַנק אויף שווינדזוכט. די גרעסטע דאָקטוירים אין וואַרשע זענען ערב־יום־כּפּור צו אים אַרויפגעקומען און זיך ביי אים געבעטן, רחמנות צו האָבן אויף זיין לעבן און נישט צו פאַסטן דעם מאָרגנ־דיקן יום־כּפּור. דער געוערער רבי אַליין האָט אים באַפוילן נישט אויס־צופאַסטן דעם הייליקן תענית. פאַר הערשעלע מענדלסאָן איז עס געווען אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט. ער האָט זיך עס גאָרנישט געקאָנט פאָר־שטעלן. וואָס הייסט, ער, הערשעלע מענדלסאָן, וועט חלילה עפּעס טועם־זיין אינמיטן דעם הייליקן טאָג?

ער האָט געהאַט בטחון אין דער מצווה פון יום־כּפּור און האָט אויס־געפאַסט. צו „נעילה״ האָבן אים די לעצטע כוחות פאַרלאָזן. ער האָט באַ־קומען אַ שטאַרקן בלוט־שטורץ און געשטאָרבן אינעם יום־כּפּורדיקן קיטל.

פוילן האָט געציטערט פון ערפורכטיקייט ווי אַזוי אַ ייד אַ מסוכן, און דערצו אַן איידעם פון ר׳ ישעיה פּריוועס, איז זיך מקריב פאַר אַ מצווה.

ר׳ ישעיה פּריוועס איז שוין דעמאָלט געווען שווער קראַנק. מען האָט פאַר אים הערשעלעס טויט געהאַלטן בסוד.

אין פוילן האָט מען דערציילט, אַז אויף זיין קראַנקן־בעט טוט ר׳ ישעיה פּריוועס נישט מער נייערט פרעגט זיך — וואָס מען זעט עפּעס נישט הערשעלען? אַלע זעקס זין זיינע און די נאָענטסטע מקורבים קליגן זיך ר׳ ישעיהן אַלע מאָל צו זאָגן אַנדערע תירוצים. „ר׳ ישעיהס האַרץ זאָגט אים עפּעס״ — האָבן יידן געזיפצט אין פוילן און מורא געהאַט טאָמער וועט זייער זיפץ דערגרייכן הינטער די טייערע בראָקאַטענע פאָר־האַנגען פון ר׳ ישעיה פּריוועסעס שלאָף־חדר און ר׳ ישעיה וועט זיך חלילה דערוויסן דעם ביטערן אמת.

ליבעלע און אירע קינדער זענען געווען די אַלמנה און די יתומים פון די פּריוועסעס. אַפילו די זעקס זין האָבן זיי געקעכלט. אַפילו דער שטאָלצער

אלעזר פריוועס אַליין האָט שלמהן צי מאירן געטאָן אַ לייכטן קנייפּ אין בעקל און ביי זיי געפּרעגט וואָסער סדרה עס גייט. מען האָט דערמיט גע־וואָלט אָנטאָן נחת דעם גרויסן גביר וואָס ליגט שוין אַ קראַנקער אין זיינע ווייסע וועבענע קישנס און וואָרשעווער דאָקטוירים יאָגן זיך איבער איינער דעם אַנדערן מיט רפואות און רעצעפּטן.

די גרעסטע מחותנתטעס צו דער אַלמנה ליבעלע מיט די יתומים זענען געווען די פינף טעכטער פון הערשעלע מענדלסאָן. די פינף טעכ־טער וואָס ר׳ ישעיה פּריוועסעס בת־יחידה, דאָכעלע, האָט געהאַט שווינד־זיכטיקערהייט איידער זי האָט הערשעלען איבערגעלאָזט אַן אַלמן און איר אָרט האָט פאַרנומען ליבעלע.

די פינף שוועסטערן זענען כמעט אַלע געווען שיינע געראָטענע מיידלעך. ר׳ ישעיה פּריוועס האָט שוין בחייו פאַר זיי אויסגעטיילט אַ האַלבע ירושה אַחוץ וואָס ער האָט פאַר יעדער איינער אָוועקגעלייגט דעם גרויסן נדן. אויף קופּיעצקע גאַס אין וואַרשע האָט ער געהאַט שטיין פינף גרויסע הייזער. די הייזער זענען געווען ווי אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן פאַר די פינף שוועסטערן. אַלע הייזער גלייך שיין און גלייך גרויס און האָבן געטראָגן די גלייכע הכנסות. אָט די פינף הייזער האָבן באַקומען די פינף שוועסטערן. זייער חלק איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אין דער גרויסער אייזן־קראָם אויפן גזשיבאָוו האָט נאָך געוואָרט.

עס איז נישט קיין וואונדער וואָס איבער גאַנץ פוילן און ראָסיי האָבן געקלונגען די נעמען פון די פינף שוועסטערן. שדכנים האָבן געגליט ווי אויף פאָקן. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט געווען קיין גביר אין פוילן און ראָסיי וואָס זאָל נישט זיין קיין בעלן צו באַקומען איינע פון די פינף שוועסטערן פאַר אַ שנור.

מען האָט טאַקע די פינף שוועסטערן חתונה געמאַכט מיט פינף איי־דעמלעך וואָס יעדער פון זיי איז געווען פון די קפּריסינס. צו באַשרייבן די פינף איידעמס וואָלט איך געמוזט אָנשרייבן פינף ביכער. דעריבער וועל איך נאָר בקיצור דערציילן פון צוויי, ווי אַ פּראָבע וואָסערע מענער מען האָט געגעבן די פינף יתומות פון ר׳ ישעיה פּריוועסעס בת־יחידה.

פאַר דבורקען — זי איז געווען די שענסטע פון אַלע פינף — האָט מען געברענגט אַ מאַן פון ראַדאָמישלע. פאַרשטייט זיך, אַז נישט סתם פון ראַדאָמישלע נאָר פון די באַרימטע האָרנשטיינס. פאַר דער צווייטער

יתומה, יענטקע, — זי איז געווען די קנאַפּער שענסטע — האָבן זיך שדכנים מיישב געווען: וואָס וועלן מיר ווידער קומען צו ר׳ ישעיה פּריוועסן מיט גבירים? מען מוז מאַכן אַן אָפּוועקסלונג. איצט מוז מען אַרויסוויקלען פון שדכנישן פּאַקעלעס אַן עילוי.

עס רעדט זיך אַזוי אַן עילוי.

שאול העניך — אַזוי האָט געהייסן דער עילוי, וואָס שדכנים האָבן געברענגט פאַר יענטקען — האָט שוין ביי ר׳ לייבוש בערלינערן אין דער וויג געקלונגען ווי אַ זעלטענע פּרי וואָס וואַקסט צווישן יידן אין פּוילן און וועט מיט זיין חריפות אַריבעריאָגן אַלע פּוילישע גאונים. מאַמעס האָבן זיך געוואונטשן זוכה צו זיין צו אַזאַ צירונג. און עס איז נישט געווען בלויז די שאַרפקייט פון דער תורה וואָס האָט געוואַקסן אין שאול העניכן צוזאַמען מיט זיינע יאָרן. אויב מען רעדט פון תורה, גדולה און יחוס אויף איין און איינציק אָרט — קאָן מען עס אין גאַנץ קרוין־פּוילן נישט געפינען סיידן ביי שאול העניכן.

זיין פאָטער ר׳ לייבוש בערלינער האָט אַליין געשטאַמט פון גרויסן יחוס. ער האָט געוואוינט אויף די נאַלעוווקעס און איז אויך כמעט ווי געווען אַ וואַרשעווער גביר. ר׳ לייבושעס מסחר איז אויך געווען אַ שטיק יחוס, היינו: ער האָט געהאַט דאָס גרעסטע וויין־געשעפט אין פּוילן. און נישט נאָר דאָס גרעסטע. אין די פייכטע טונקלענישן פון ר׳ לייבושעס קעלער אויף די נאַלעוווקעס זענען געשטאַנען די עלטסטע אונגאַר־וויינען וואָס האָבן זיך געפונען על אַדמת פּוילן. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע זענען זיי געווען כשר בחזקת הכשרות. אין ר׳ לייבושעס קעלער האָבן די יאָרן אָפּגעשטעלט זייער אימפּעט. זיי זענען געפלאָסן שטילע און לאַנגע אין די פאַרבלאָטיקטע פלאַשן פון ר׳ לייבושעס וויינען. פון די יאָרן זענען געוואָרן טעמים און ריחות. ר׳ לייבושעס וויין־קעלער האָט געטראָגן זיין רום איבער פּוילן. ווער עס האָט געהאַט ביי זיך שטיין ר׳ לייבושעס אַ פלאַש וויין, האָט ער זיך אַליין געהאַלטן און אויך אַנדערע יידן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נגיד און אַ וויין־מבין.

די וויין־קראָם האָט ר׳ לייבוש גענומען בירושה פון זיינע זיידעס. דאָרט איז ער אויך געזעסן על התורה ועל העבודה. וויין און תורה זענען זיך נאָענט.

אָבער אין דעם שענסטן און שמעקנדיקסטן עפּעלע עסט אַמאָל אַ וואָרעם.

ר׳ לייבוש בערלינער איז געווען אַ חשוך־בנים.

ער איז געזעסן ביי דער גמרא און האָט געזיפצט.

ער האָט געקוקט אויף די אַלטע פאַרבלאַטיקטע וויין־פלאַשן אין זיין קעלער און האָט נעבעך געזיפצט: אַ ייד אָן קינדער איז געגליכן צו אַ בוים אָן פּירות. ווער וועט נאָך אים ווייטער גיין אין זיין דרך? וואָס וועט זיין פון די טייערע דורות־אַלטע וויינען ווען עס וועט קומען, דאָס וואָס קיינער איז דערפון נישט באַהיט — די נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר?

אויך זיין ווייב די צדקת, אַ קלוגע און גאָטספאָרכטיקע יידענע, האָט שטילערהייט געוויינט איבער איר קרבן־מנחה־סידור. זי איז שוין אויסגעווען ביי אַלע גוטע־יידן אין פוילן. זי איז שוין געווען ביי די גרעסטע דאָקטוירים סיי אין פוילן און סיי אין אויסלאַנד. איר טראַכט איז געבליבן פאַרשלאָסן.

אַזוי ווי זי איז געווען אַ גאָטספאָרכטיקע און וואוילגעלערנטע יידענע און האָט געוואוסט וואָס די הייליקע ספרים זאָגן וועגן יידן אָן קינדער — האָט זי אַליין געבעטן ר׳ לייבושן, אַז ער זאָל איר געבן גט און חתונה האָבן מיט אַ בת־בנים.

יידן האָבן דערציילט, אַז בשעת און נאָכן גט האָט זיך ביים רב אין שטוב געטאָן תשעה־באָב. סיי דער גרוש און סיי די גרושה זענען עטלעכע מאָל געפאַלן אין חלשות. מען האָט זיי קוים דערמינטערט. די גרושה האָט ר׳ לייבושן געוואונטשן נחת און קינדער מיט אַ נייעם זיווג. דערביי האָט דאָס געגטע פאַרפאַלק ווידער געוויינט. אַלע יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין דער בית־דין־שטוב האָבן מיטגעוויינט צו־זעענדיק דאָס גרויסע האַרצרייסעניש. די רעביצן איז אויך געפאַלן אין חלשות. אַפילו דער סופר וואָס האָט געשריבן דעם גט — און סופרים זענען האַרטע יידן — האָט זיך אויך געווישט די אויגן מיט דער פאַ־טשיילע און געטאָן אַ גרויסן שמעק־טאַבאַק.

ר׳ לייבושן האָט מען באַלד אָנגעשלאָגן אַ שידוך און, פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיט קיין קלענערן ווי מיט דעם קאַלישער רב — דעם באַרימטן „נפש־חיה“.

אסטרל, דעם נפש־חיהס טאָכטער, איז גראָד געווען אַ יינגע אַלמנה. אַז זי איז אַ בת־בנים איז געווען באַשיימפּערלעך אויף דער האַנט. מיטן ערשטן מאַן האָט זי, קיין עין הרע, געמאַכט יעדעס יאָר אַ ברית. דערצו דעם נפש־חיהס אַ טאָכטער. קיין גלייכערס און בעסערס פאַר ר׳ לייבושן האָט דער קלוגסטער שדכן נישט געקאָנט אויס־טראַכטן.

ר׳ לייבוש האָט מיט מזל חתונה געהאַט מיט אסתרלען. צום יאָר איז זי טאַקע געלעגן געוואָרן מיט אַ יינגעלע. יידן האָבן דערציילט, אַז די עקרה, ר׳ לייבושעס גרושה, האָט געגייט העמדעלעך פאַר ר׳ לייבושעס יינגעלע. זי האָט זיי צוגעשיקט דורך אַ שליח־מיוחד. וואָרים ר׳ לייבושן האָט זי מער נישט געזען אויף די אויגן עד יום מותה.

שוין אין וויגל האָט מען געזען, אַז שאול העניכל וואַקסט עפּעס אַזוינס און עפּעס אַזעלכעס. די תורה האָט זיך ליב צו האַלטן אין איר האַר־בעריק און נישט אַוועקצופאָרן אין דער פרעמד. ווי אַ געטרייע אָם האָט זי, די תורה, זיך אַוועקגעזעצט ביי שאול העניכס וויגל און אַרויפ־געלייגט אירע איידעלע הענט אויפן קינדס שטערן. איידער ער האָט גענומען אסתרלס ברוסט אין מויל אַריין פון איר צו זייגן, האָט ער שוין געקאָנט מאַכן אַ ברכה. צו פינף יאָר האָט אים ר׳ לייבוש בער־לינער אַרומגעפירט צו אַלע גאונים אין פוילן, אַז זיי זאָלן מיט דעם וואונדער־קינד שמועסן אין לערנען און אים בענטשן. די פוילישע גאונים — צווישן זיי ר׳ יהושיעלע קוטנער און ר׳ אברהמלע סאָכאַ־טשאָווער — האָבן אויסגעדריקט זייער באַוואונדערונג פאַרן אויסטער־לישן עילוי און געזאָגט, אַז צווישן יידן אין פוילן גייט אויף אַ נייע גרויסע זון פון דער תורה.

אַז מען האָט דעם דאָזיקן עילוי געברענגט פאַר אַ חתן פאַר איינע פון די פינף שוועסטערן, איז גאַנץ פוילן געגאַנגען אויף רעדלעך. פונ־דאַסניי האָט מען מקנא געווען ר׳ ישעיה פּריוועסן. יידן האָבן געשאָקלט מיט די בערד און געזאָגט:

— דאָס הייסט תורה און גדולה במקום אחד!

קאַפּיטל צוואַנציק

סאַלאָמעאַ דרעזנער מאַכט אַ תּל פון די פינף שוועסטערן. ווער זאָל, מישטיינס געזאָגט, דאָ כאַפּן דעם בעזים? ר׳ אברהמעלע מענדעלסאָן נעמט זיך מדריך צו זיין הערשעלעס יתומים.

איז דאָך אָבער דער בעל־דבר אַ ממזר, נעמט ער און פאַרדרייט די יוצרות און פאַרקאָכט אַ קאַשע.

צווישן די פינף שוועסטערן האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער באַקאַנטער ווייבערישער „משה־דעסער", סאַלאָמעאַ דרעזנער. ווי איך האָב שוין דערציילט אין די פריערדיקע ביכער האָט זי געראַסירט אין חסידישע הייזער ווי דער שטן פון בונט און פרייזיניקייט. זי האָט דאָרט געמאַכט אַ תּל פון חסידישע טעכטער. מאַמעס וואָס האָבן זיך באַצייטנס געכאַפּט אויף דער מעשה האָבן גענומען אַ בעזים, סאַלאָמעאַן אַראָפּגעיאָגט פון די טרעפּ און געראַטעוועט וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

די פינף שוועסטערן זענען אָבער געווען קיילעכדיקע יתומות — ווער האָט דאָ געזאָלט כאַפּן דעם בעזים? סאַלאָמעאַ האָט זיך מיט אַלע אירע כוחות פאַרלייגט אויף די פינף שוועסטערן. אַזוי אַרום האָט זי געהאָפּט פאַר זיך צו עפענען אַ טיר צו די פריוועסעס.

סאַלאָמעאַ דרעזנער האָט פאַר די פינף שוועסטערן אָנגעהויבן אַרויסצולייגן איר גאַנץ קלאָפּער־געצייג. זי האָט צו זיי געשריען אויף דייטש, געלייענט איבסענען און זיי דערציילט פון די קאַמפן וואָס די מאָדערנע פרוי פירט פאַר איר באַפרייאונג. די פינף שוועסטערן, — וואָס אַלע אין פוילן האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף פינף בת־מלכהס, —

האָבן אָנגעהויבן אויף זיך צו קוקן ווי אויף אונטערדריקטע און שקלאַפֿינס. סאַלאָמעאַ דרעזנער האָט דאָ ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן די הערֹאָישע ראָל פֿון דעם אַפּאָסטאָלישן מדריך. עס איז דאָך נישט געווען קיין טאָטע און קיין מאַמע וואָס זאָלן באַציִיטנס — ווי דער שטייגער איז אין חסידישע הייזער — סאַלאָמעאַן ווייזן די טיר.

אַזוי איז סאַלאָמעאָס זאָמען געפֿאַלן צווישן די פֿינף שוועסטערן און דער זאָמען האָט געטראָגן פּירות. די עלטסטע פֿון די שוועסטערן, ראָכטשע, וואָס איר מאַן איז געווען פֿון גערער הויף, האָט די ערשטע אָנגעהויבן צו שרייען אַז זי וויל נישט לעבן מיט אַ „פֿינצטערלינג“. ס׳איז ענדלעך געקומען צו אַ גט.

חסידים האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז די מעשה פֿון די „דרעזן“.

אין די איבעריקע זעקס הייזער פֿון די פּריוועסעס האָבן די מאַמעס אָנגעהויבן צו האַלטן אַן אויג אַז זייערע טעכטער זאָלן זיך נישט חברן מיט די פֿינף געשוועסטער־קינדער.

***

אין חסידישע הייזער האָט מען אויף מיידלעך און ווייבלעך קיינמאָל נישט געלייגט קיין צופֿיל אַכט וואָס שייך יידישקייט־דערציאונג. ווייבערישע אַפּיקורסות האָט מען נישט גענומען ערנסט. מען איז זיכער געווען, אַז די שטובישע באַלעבאַטישקייט און דער עול פֿון קינדער־האָבן וועט זיי, די פּרייזיניקע פּרויען, אַרויסיאָגן אַלע פֿרייע פֿייגעלעך פֿון קאָפּ און זיי וועלן סוף כל סוף ווערן די אייגענע פֿרומע כשרע ווייבלעך באַגלייך זייערע מאַמעס און באָבעס.

אין דעם פֿריערדיקן דור האָט דער חשבון געשטימט.

שפּעטער האָט ער קנאַפּער אָנגעהויבן צו שטימען. די אַפּיקורסישע ווייבער האָבן קודם־כל זיך באַמיט צו האָבן ווייניקער קינדער און פֿון זיך פּורק עול צו זיין אַנדערע דאגות. די מאַנסבילן זענען אויך נישט די אייגענע וואָס אַמאָל. ס׳איז נישט געווען מער דער אייגענער עול פֿון יידישקייט וואָס האָט אַלעמען געהאַלטן ווי מיט אַן אייזערנער קייט.

אַרום די פינף שוועסטערן איז נאָך געווען די אַלטע סביבה. דערצו זענען זיי געווען פאַרצערטלטע יתומות, אייניקלעך פון ר׳ ישעיה פריוועס און די „דרעזן״ האָט געטאָן דאָס איריקע.

אָבער נאָך הערשעלע מענדלסאָן זענען פאַרבליבן נאָך דריי יתומים — אביגדור, מאיר און שלמה — וואָס ער האָט געהאַט מיט ליבעלען. ליבעלע קאָן נישט פאַרטרעטן דאָס אָרט פון אַ מחנך אַ טאַטע. וואָס ווייסט אַ יידענע אַליין צווישן פינף בונטאַרישע שוועסטערן וואָס שטייען אַלע אין שאָטן פון סאַלאָמעאַ דרעזנער?

דאָ איז געקומען צו הילף הערשעלע מענדלסאָנס עלטערער ברודער — ר׳ אברהמלע מענדלסאָן.

ר׳ אברהמלע איז גיכער אַריינגעגראָטן אין זייער פאָטער ר׳ מאיר מענדלסאָן. ער האָט אויך כל ימיו געהאַט הייזער אין וואַרשע און איז געווען אַ האַרטער ייד, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען אַ חלוש און מיט אַן אייביקן האַרץ־פּעלער. יומם ולילה איז ער אויך געזעסן על התורה ועל העבודה. נישט מער וואָס ביי ר׳ אברהמלען איז געווען מער חסידאַרניע ווי ביי ר׳ מאירן. שבת האָט ער געפירט רבישע שלוש־סעודותן. צו די דאָזיקע שלוש־סעודותן פלעגן אַרויפקומען וואַרשעווער גערער חסידים. די שלוש־סעודותן האָבן זיך געצויגן ביז העט העט שפּעט, ווען די נאַלעווקעס האָבן שוין געראַיעט מיט מסחר. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ר׳ אברהמלע האָט ענדלעך אַרויסגעשריען פון די פינצטערנישן: „זאָל מען אָנצינדן אַ ליכט!״

ר׳ אברהמלע האָט אויך געוואוסט זיינע אייגענע קינדער מדריך צו זיין מיט אַ שטאַרקער האַנט. אין זיינע טעכטער האָט מען באַשיים־פערלעך געזען, אַז סאַלאָמעאַ דרעזנער וואָלט נישט געוואָגט צו זיי אַפילו אַ שמעק צו טאָן. הגם וואַרשע איז שוין נישט דאָס אייגענע וואָס אַמאָל, און הגם זייערע לייבלעכע געשוועסטער־קינדער, די פינף שוועס־טערן, לייענען איבסענען און קלעבן צו דער „דרעזן״ ווי בינען ביי האָניק — זענען אָבער ר׳ אברהמלעס טעכטער פרום און פאַרצייטיש באַגלייך די אַמאָליקע באָבעס אין יידישן וואַרשע.

ר׳ אברהמלע האָט אָנגעהויבן אַרויפצולייגן זיין שטאַרקע האַנט פון יידישקייט אויף די דריי יתומים פון הערשעלע מענדלסאָן, אַביגדור,

מאיר און שלמה. ער האָט געוואָלט זיי מדריך זיין מיט דער זעלבער שטרענגקייט און מיט דעם זעלבן דערפאָלג ווי ער האָט עס געטאָן ביי זיינע אייגענע לייבלעכע קינדער. ר׳ אברהמלע האָט עס געטאָן מיט דער שאַרפער דיסציפּלין פון אַן אָפיציר פון רבונו של עולם. ער האָט געמוזט וויסן פון דעם מינדסטן פּיצל פון זייערע טועכצן. ער האָט געמוזט וויסן וואָס זיי לערנען און ווי זיי פירן זיך אויף סיי אין שטיבל און סיי אין דערהיים. אויף אַלצדינג האָט געקוקט ר׳ אברהמלעס שאַרף אויג. עס האָט זיך אויסגעדוכט: פון דער קייט מיט וועלכער ר׳ אברהמלע האָט אַרומגענומען די דריי יתומים איז נישטאָ קיין אַנטרינען.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

עס איז נישט קיין ווערטעלע צו ווערן ברוגז מיט אַזעלכע פינף גאָלדענע ווייבלעך! סאַלאָמעאַ נעמט איין די גרעסטע פעסטונג. אויס שר־התורה! דאָס סטראַטעגישע שפּיל מיט ר׳ אברהמעלע מענדעלסאָן.

ר׳ אברהמעלע ווערט נפטר אין מיטן די הייליקע שעהן פון שלוש־סעודות.

ווען ר׳ אברהמלע מענדלסאָן איז ביי זיך זיכער געווען, אַז ער האָט שוין הערשעלעס יתומים אין אייזערנעם שפּאַן האָט סאַלאָמעאַ דרעזנער געהאַט אַנדערע מחשבות. אויך זי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף הערשעלעס יתומים. און נישט בלויז אויף די יתומים נאָר אויך אויף די מענער פון די פינף שוועסטער. דער עיקר האָט איר אויג געקוקט אויף דעם עילוי שאול העניך. אָט קלינגט שוין מיט אים פוילן פון איין עק צום אַנדערן. אומעטום טראַכט מען: וועלכע כסא־הרבנות וועט האָבן די זכיה אַז אויף איר זאָל זיצן דער קומענדיקער שר־התורה? מען מוז עס זאָגן: סאַלאָמעאַ דרעזנערס פלענער האָבן אין זיך געהאַט פון דער טייוולאָנישקייט פון אַ גרויסן סטראַטעג.

אין די פינף שוועסטערן האָט סאַלאָמעאַ דרעזנער געהאַט פינף פרומע איבערגעגעבענע חסידותטעס. זיי האָבן געהאָנגען אויף דעם הויך פון איר מויל.

די מענער זייערע האָבן געציטערט אַרויסצורעדן דאָס מינדסטע וואָרט קעגן דער הייליקער רעביצן פון מאָדערנער אויפקלערונג. ווער ווייסט ווי ווייט סאַלאָמעאַס איינפלוסן זענען אַריין אַפילו אין די אינ־

טימקייטן פון שלאָף־חדר? די פינף שוועסטערן זענען געווען פאַר־פיעשטשעטע אייניקלעך פון ר׳ ישעיה פריוועס. זיי האָבן שוין בחייו געהאַט הייזער אויף קופּיעצקאַ. און עס הייבט זיך ערשט אָן! עס וואַרט נאָך אויף זיי אַ חלק אין די גרויסע מיליאָנען. עס איז נישט קיין ווער־טעלע צו ווערן ברוגז מיט אַזעלכע פינף גאָלדענע ווייבלעך.

די מענער האָבן נעבעך געבויגן די קעפּ. טייל פון זיי האָבן אַפילו געמוזט זיין אַנוועזנד בעת סאַלאָמעאַ לייענט איבסענען און דערציילט פון די קריוודעס פון דער פאַרשקלאַפטער פרוי. ענדלעך — שרייט זי אויף דייטש — איז אָנגעקומען דער טאָג פון ראַכע! די ווייבער וועלן זיך נישט מער לאָזן שפּייען אין דער קאַשע.

די אויגן פון די פינף שוועסטערן האָבן דערביי געפלאַמט פון באַ־גייסטערונג. יענע פון די מענער וואָס האָבן נעבעך געמוזט זיצן און צוהערן זענען געזעסן ווי בלוטיקע גזלנים פאַרן טיש פון דין און משפּט. כלומרשט האָבן זיי אויך געמוזט אויסדריקן באַוואונדערונג פאַר דער „דרעזנער".

סאַלאָמעאַ איז געגאַנגען פון נצחון צו נצחון. אירע פיילן האָבן געטראָפן אין דער סאַמע גרעסטער פעסטונג פון הערשעלע מענדלסאָנס הויז — און דאָס אין נישט קיין קלענערן ווי אין דעם עילוי שאול העניך.

יענטקע, שאול העניכס ווייב, איז געווען די ענערגישסטע פון די פינף שוועסטערן. אַ מויל האָט זי געהאַט אויף שרויפן און האָט געקאָנט איבעררעדן אַ וואַנט. דאָס דאָזיקע מויל איז געקומען צו הילף סאַלאָמעאַ דרעזנער. יענטקע האָט צו שאול העניכן גערעדט בייטאָג ווי אויך להבדיל אין די אינטימסטע שעהן ביינאַכט. עס האָט געמוזט מאַכן אַן איינדרוק. עס זענען געווען ווי טראָפּנס וואַסער וואָס פאַלן און פאַלן אויף אַ פעלז און צום סוף מאַכן זיי אין אים אַ לאָך. שאול העניך האָט אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי ער איז פּאַמעלעך אַנדערש געוואָרן און די אויערן האָבן זיך ביי אים געעפנט.

ביי שאול העניכס געניאַלע פעאיקייטן און מיט זיינע אָפענע אויערן צו וועלטלעכע ווינטן — איז נישט קיין וואונדער וואָס סאַ־לאָמעאַ דרעזנער האָט געפייערט דעם גרעסטן נצחון אין איר לעבן.

זי האָט דאָ אָפּגענומען סיי אירע אייגענע קריוודעס און סיי די קריוודעס פון אַלע ווייבער אויפן פּלאַנעט פון דער ערד.

יענטקע — פאַרשטייט זיך מיט דער הילף פון דער „דרעזן" — האָט גענומען לערערס כדי שאול העניכן צו לערנען וועלטלעכע לימודים. כלומרשט האָט עס געהייסן אַז ער לערנט זיך „עקזאַמענס" כדי צו ווערן אַ רב. פאַרפאַלן, עס איז אַ גזירת־המלכות. די ווינטן האָבן דערווייל פאַרשוויגן די מעשה און זי נישט צעטראָגן איבער פוילן. שפּעטער האָט זיך אָבער פאָרט אויסגעלאָזט, אַז דער עילוי שאול העניך פאַרלאָזט פּאַמעלעכל יעקבס געצעלטן, דאָס מיינט מען ש״ס און פוסקים, און ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די געצעלטן פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן. טריט ביי טריט איז ער געוואָרן אַן אַפּיקורס און איז אַוועק מיט ווייב און קינדער קיין בערן אין דער שווייץ. דאָרט האָט ער געענדיקט דעם אוניווערזיטעט, געוואָרן אַ באַרימטער מאַטעמאַטיקער און פאַרנומען אַ פּראָפעסאָר־שטול אין בערנער אוניווערזיטעט.

***

די נצחונות צווישן די פינף שוועסטערן האָבן סאַלאָמעאַ דרעזנערן נישט געלאָזט רוען. אירע אָפּעטיטן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און זי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף די דריי יתומים וואָס זענען איבערגע־בליבן נאָך הערשעלע מענדלסאָן. דאָס הייסט אויף ליבעלעס זין. דער עיקר אויף מאירן און שלמהן. די שטרענגע פרומע השגחה פון ר׳ אַב־רהמלע מענדלסאָן האָט ממש פּראָוואָצירט די בונטאַרישע אַמביציעס פון דער „דרעזן". זי האָט אָנגעהויבן אייַנצוטענהן מיט די פינף שוועס־טערן באַנוצנדיק דאָס סאָציאַלע פערדל —

— וואָס וועט ווערן פון די דריי אומגליקלעכע ייִנגלעך אונטער דער פינצטערער הדרכה פון אברהמלע מענדלסאָן? — האָט סאַלאָמעאַ דרעזנער גענומען אויפקלערן די שוועסטערן — זיי זענען פאָרט נישט קיין אמתע אייניקלעך פון ר׳ ישעיה פריוועס און זיי האָבן נישט די גרויסע ירושות. די צייטן האָבן זיך געביטן און בטלנים האָבן מער נישט קיין צוקונפט אין לעבן. זיי, די פינף שוועסטערן, מוזן זען אַלצדינג

צו טאָן אַרויסצוראַטעווען די דריי ייִנגלעך פון ר׳ אַברהמלעס נעגל און זיי אַרויספירן אויף אַ פּאַרטשריטלעכן וועג.

עס איז אָקערשט געווען נאָך דער מעשה שאול העניך. הגם די אמתע באַגליקטע איז דאָ געווען יענטקע, עס איז געווען נאָר איר פּאַר־דינסט וואָס זי האָט מיט איר מויל און מיט איר אומדערמידלעכער ענערגיע אַרויסגעפּירט שאול העניכן אויף די וועגן פון סאַלאָמעאַ דרעזנער. די איבעריקע פיר שוועסטערן האָבן עס פונדעסטוועגן באַטראַכט פאַר אַ געמיינזאַמען נצחון. דאָ האָט זיי סאַלאָמעאַ דרעזנער אונטערגערוקט קאַנדידאַטן אַרום וועלכע אַלע פינף שוועסטערן וועלן בייזאַמען קאָנען באַווייזן וואָס זיי קענען.

צו פועלן ביי מאירן און שלמהן אַז זיי זאָלן וועלן לערנען וועלט־לעכע לימודים און זאָרגן אויף אַ בעסערן תכלית, האָבן די שוועסטערן נישט באַדאַרפט קיין סך מי. די ווערטער זענען געפאַלן ווי רעגן אויף דורשטיקער ערד. די שוועריקייטן האָבן זיך נאָר אָנגעהויבן — ווי אַזוי טוט מען דאָס אַלצדינג אונטער ר׳ אַברהמלעס פלייצעס ? ר׳ אַברהמלע האָט זיין שטאַרקן חינוך לגבי הערשעלעס יתומים נאָך פאַרטאָפּלט און פאַרצענפאַכט מחמת די נייע אַפּיקורסישע ווינטן אין פוילן.

דער קאַמף פון די פינף שוועסטערן מיט ר׳ אברהמלע מענדלסאָן געהערט צו די שענסטע און כאַראַקטעריסטישע קאַפּיטלען פון דער לעצטער תקופה פון יידן אין פוילן. אַלצדינג האָט געמוזט געטאָן ווערן אין גרעסטן בסוד. קיין אונטערטראָגערס האָבן נישט געפעלט וואָס זאָלן קוקן מיט זיבן אויגן און דערציילן ר׳ אַברהמלען וואָס עס טוט זיך אין די הערצער פון הערשעלעס יתומים. ר׳ אַברהמלע וואָלט קאַפּאַבל געווען צו פאַרשליסן די טיר און די בחורים נישט אַרויסלאָזן אויפן גאַס.

מען האָט געמוזט אויסגעפינען די פיפיקסטע און קלוגסטע תירוצים כדי אָפּצונאַרן ר׳ אַברהמלעס וואַכזאַמקייט.

די בחורים זענען געגאַנגען צו לערערס אויף לעקציעס. איטלעכער גאַנג איז ממש געווען אַ מייסטער־שטיק פון סטראַטעגיע. שפּעטער האָבן זיי אין גרויסן בסוד אָנגעהויבן צו גיין אין גימנאַזיע. דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס אמתע סטראַטעגישע שפּיל אויסצומיידן דאָס אויג פון ר׳ אַברהמלען און זיינע מקורבים.

גימנאַזיע־שילער האָבן דעמאָלט געמוזט טראָגן ספּעציעלע שול־אוניפאָרמען. ווי קומט־זשע די קאַץ איבערן וואַסער? שלמה מיט מאירן טראָגן לאַנגע חסידישע מלבושים. דערצו האָט ר׳ אברהמלע מקפּיד געווען אַז די קאַפּאָטקעלעך פון הערשעלעס יתומים זאָלן זיין וואָס לענגער און אַז זיי זאָלן דווקא אויך אינדערוואָכן טראָגן סאַמעטענע חסידישע היטעלעך. הכלל — מען האָט געמוזט אומגיין מיט גרויס קלוגשאַפט און פאָרזיכטיקייט. טאָמער חלילה ווערט ר׳ אברהמלע געוואויר דאָס מינדסטע, איז אויס מיט דעם לערנען אין גימנאַזיע.

די פינף שוועסטערן האָבן געמאַכט געהיימע אַסיפות. מען האָט באַשלאָסן פאַר די צוויי ייִנגערע ברידער אויפצונייען די גימנאַזיע־אוניפאָרמען. די אוניפאָרמען האָט מען באַהאַלטן ביי אַן אומבאַקאַנטן ייִד ערגעץ אין אַ ווייטער אָפּגעלעגענער גאַס. מען האָט דעם ייִד גוט באַצאָלט, און מען איז זיכער געווען אַז ער וועט אויסהיטן דעם סוד אַפילו פאַרן פויגל אויפן דאַך. שלמה און מאיר זענען כלומרשט געגאַנגען אין שטיבל אַריין לערנען. נאָר אויף אַזאַ אויסרייד האָבן זיך פאַר זיי געעפנט די טירן פון ר׳ אברהמלעס דירה. בסוד סודות איז מען אַרויפגעלאָפן צום פרעמדן אומבאַקאַנטן ייִד און זיך דאָרט איבערגעביטן די מלבושים. און בסוד סודות, — ווי פאַרקאָנספּירירטע פאַרברעכער און מיט ווילד האַרצקלאַפּעניש — איז מען יעדן טאָג געגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן אין גימנאַזיע אַריין. מען האָט געמוזט האָבן די אויגן אויף אַלע זייטן פון דער וועלט — טאָמער חלילה גייט פאַרביי אַ באַקאַנטער און עס דערגייט צו די אויערן פון ר׳ אַברהמלע מענדלסאָן.

אפשר איז טאַקע אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען אַ באַקאַנטער ייִד. וועמען אָבער האָט געקאָנט איינפאַלן אַז אָט די צוויי סטודענטלעך זענען די יתומים פון הערשעלע מענדלסאָן?

ר׳ אברהמלען, זעט זיך אויס, האָט פאָרט עפּעס געמוזט פּיקן אין האַרצן — ער האָט זיך מיישב געווען און געוואָלט אַוועקשיקן מאירן אין דער סאָכאַטשאָווער ישיבה און שלמהן אין דער ישיבה קיין גער.

ביי די פינף שוועסטערן איז געגאַנגען כאַדאָראַם. מען האָט באַשיימפערלעך געזען אַ שוואַרצן וואָלקנבראַך.

איין מאָל, בעת איינעם פון די לאַנגע שלוש־סעודותן ביי ר׳ אברהמלען,

ווען וואַרשע איז שוין געווען ווייט אין די ששת ימי המעשה. אין די ער־פורכטיקע פינצטערנישן ביי ר׳ אברהמלען איז נאָך אַלץ געזעסן די מלכה־שבת און צוגעהאָרכט די זמירות פון שאַרפע געדער חסידים. פלוצעם האָט ר׳ אברהמלע אויפגעהערט מיטצוזינגען זמירות. מען האָט געטראַכט: מן־הסתם איז ער פאַרדבקהט.

עס גייט ווידער פאַרביי אַ שעה. ר׳ אברהמלע הייסט נישט אָנצינדן קיין ליכט.

ענדלעך האָט אַ שיינער ייד אַרויסגעשריען פון די שבתדיקע פינצטער־נישן:

— זאָל מען אָנצינדן אַ ליכט!

מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט. אויבנאָן אויף זיין שטול איז ר׳ אַברהמלע — אין שטריימל און אין דער זיידענער קאַפּאָטע — געזעסן אַ טויטער.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

יידישע וועלט־וויזיעס. מאַכט און מאַכטלאָזיקייט.

נאָך ר׳ אַברהמלעס טויט האָט זיך אַלצדינג מיט אַמאָל ראַדיקאַל איי־בערגעביטן. פֿאַר שלמהן און מאירן האָט אויפֿגעהערט דאָס פּאַרשטעלעניש. ווי אַ שטריק וואָס מען האָט צופֿיל איבערגעצויגן האָט זיך אָנגעהויבן די קעגנווירקנדיקע רעאַקציע. הערשעלע מענדלסאָנס יתומים האָבן מיטאַמאָל איבערגעריסן מיט די חסידים און מיט דער פֿרומקייט. ביי די פּריוועסעס און ביי וואַרשעווער געררער חסידים האָט זיך געטאָן אַ רעש. אָבער אַלע האָבן געטאָן אַ מאַך מיט די הענט. אין עצה ואין תבונה קעגן סאַלאָמעאַ דרעזנער מיט די פֿינף שוועסטערן.

דערווייל איז אונטערגעקומען די ערשטע וועלט־מלחמה. זי האָט געטאָן דאָס איריקע כדי איבערצודרייען אַלע יוצרות אין פּוילן. עס זענען געקומען די דייטשן, דער שמוגל און די אָרעמקייט. פֿון די אַלטע גבירים איז געוואָרן אַ תל. פֿון די ירושות פֿון די פֿינף שוועסטערן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

דאָס יידישע פּוילן האָט זיך ראַש מאָדערניזירט. אויך די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך אָנגעהויבן צו מאָדערניזירן. אויף די חורבות פֿון אַלטן לעבנס־שטייגער האָט זאַפּטיק אָנגעהויבן צו גרינען אַ גייסטיקער יידישער רע־נעסאַנס.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט מיט זיך געבערענגט פֿרייהייטלעכע באַדינגונגען.

די זאָמען וואָס די יידישע ליטעראַטור און דער „בונד״ האָבן פֿאַר־פֿלאַנצט אינעווייניק אין די יידישע מאַסן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן

זייער וואונדערלעך בליעכץ. דאָס היסטאָרישע חשיבות פון קעגנוואַרטיקן יידישן לעבן: דאָס חשיבות פון „גלות" — האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין ווי אַ גרויסע יידישע טאָט אויף דער פוילישער ערד. אַ טאָט וואָס האָט זיך פאַרנומען אַרויסצופירן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון יידישן געשיכטלעכן קיום דווקא דאָס אַקטיווע לעבעדיקע געשטאַלט פון דער יידישער מאַסע. זי, די מאַסע, דאַרף זיין דער אַקטיווער פאַקטאָר פון יידישן המשך.

דעמאָלט האָט נאָך געלעבט דער וויזיאָנער פון אָט דער דערהויבענער זעאונג פון יידישער געשיכטע — י. ל. פרץ. אים איז נאָך באַשערט געווען צו זען דעם וואונדערלעכן אָנהייב פון דעם טראַגישן סוף. פרץ איז נאָך געשטאַנען אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעצי־טערט די ערשטע שטראַלן פון אַ פאַרייניגערטער יידישערווירקלעכקייט אין פוילן.

אויך דאָ האָבן זיך איבערגעחזרט די אַלטע מאָטיוון פון די יידישע וואַנדערער ביי די נהרות בבל. אויף די טרויער־ווערבעס איבער זייערע קעפּ האָבן געהאָנגען די האַרפעס פון יידיש וועלט־געזאַנג.

פרץ איז געשטאַנען ביים פענצטער פון זיין דירה אויף יערוזאַלימ־סקע 89. עס איז געווען נישט ווייט פון וואַרשעווער הויפּט־וואָקזאַל. ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף די מחנות יידישע פּליטים וואָס האָבן געצויגן איבער וואַרשעווער גאַסן. ס'זענען געווען די ערשטע וואָכן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון אַלע שטעטלעך אין פוילן זענען יידן געלאָפן קיין וואַרשע. דער גרויסער זעער פון גלות האָט געזען דאָס טרויעריקע בילד פון גלות.

אָט די אייביקע יידישע הימלאָזיקייט אויף די פליינען פון דער וועלט האָט ווידער אָנגעצונדן פרצעס פאַנטאַזיע.

פרצעס שאַרפסטער חוש צו זען און צו באַנעמען די וועלט אין אַלע אירע ליכטער און טיפקייטן — איז געווען די ליטעראַטור. דאָס מיינט צו זאָגן — די מענטשלעכע שפּראַך. דער קלאָרסטער שפּיגל וואָס האָט אים אָקעגנגעטראָגן דאָס יידישע וועזן און דעם יידישן וועלט־שיקזאַל איז געווען די יידישע שפּראַך — יידיש. אין יידיש האָט ער געזען דעם אַספּעקט אין וועלכן אַלע ניואַנסן און גייסטיקע וואַלאָרן פון יידישן וועזן וועלן

זיך ווידער אויפבויען, ייִנג ווערן און אָננעמען אַ ניי געשטאַלט אין זייער מצב אין דער וועלט.

וואָס יידיש באַטייט אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון יידן ווי אַ וועלט־נאַציע — אין דעם האָט פרץ געהאַט דערפאַרונג אין זיינע טאָטן ווי אַ יידישער שריפטשטעלער. ער האָט דאָך כסדר אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער יידישער שפּראַך ווי אין דער טיר פון דעם אינטימסטן געשטאַלט פון יידישן וועלט־באַשטאַנד. אין דער יידישער שפּראַך האָט פרץ אַנטפּלעקט די יידישע ליטעראַטור, און אין דער יידישער ליטעראַטור — דאָס געשטאַלט פון יידן אין דער וועלט און דעם וועג פון יידן אין דער וועלט.

י. ל. פרץ האָט אַרויסגעקוקט פון זיין פענצטער און באַשיימפּערלעך געזען דאָס בילד פון יידישן גלות. אָבער אין דעם חורבן האָט ער געזען די האָפענונג. פון די יידישע וואַנדער־זעקלעך האָט צו אים אַרויסגעשמעקט די יידישע אייביקייט.

די דאָזיקע סצענעס פון יידישער וואַנדערונג האָט פרץ געזען — און דאָס האָט אין דעם פרט אַ סך צו זאָגן — ווען ער איז שוין געשטאַנען אינמיטן דעם וועג פון זיין טאַט אין דער יידישער ליטעראַטור. אויף אַלע ביימער אין דער יידישער ליטעראַטור איז פּרעכטיק געלעגן דער צוויט. און אַלצדינג האָט פרצן געזאָגט די יידישע שפּראַך. זי איז געווען די בלום וואָס האָט צו אים געשמעקט מיט אַלע דערקענטענישן און זעאונגען וועגן יידן. אַזיסט — ווי וואָלט ער געקאָנט אויפשרייבן די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״? זענען זיי דאָך געווען די סינטעזע פון יידישער וועלט־שפּראַך, יידיש וועלט־געמיט, יידישער סטיל, יידישער רצון און יידישע וועלט־ליניע.

יידיש — פאַר פרצן איז עס געווען די באַזע אויף וועלכער ער האָט געוואָלט אויפשטעלן דעם בנין געבויט אויף די העכסטע שפּיצן פון יידישן קיום. די טורעמס פון דעם דאָזיקן בנין האָבן זיך געצויגן ערגעץ אין דער לופטן.

פרץ האָט ביי זיך געטראַכט: מיין טאַט איז נאָר אַ געטועניש אויף דער העלפט, ווען איך וועל דעם וואונדערלעכן יידישן בנין בלויז בויען אויף די פליינען פון געשטאַלטערישער פאַנטאַזיע און געשטאַלטערישער מחשבה. מען דאַרף דורכאויס בויען די רעאַלע באַזע פון יידישן וועלט־פאָלק, כדי

דער גייסטיקער בנין זאָל האָבן דויער און זין. נישט בלויז מיט דער פען בויט מען דאָס יידישע געשטאַלט. מען מוז עס אויך בויען מיט דער האַראָפּאַשנער טאַט.

דאָס שטעטל האָט זיך צעשאָטן איבער פּוילן. יידן מאַרשירן אַריין קיין וואַרשע. צוויי פּאַרשידנאַרטיקע מחנות מאַרשירן איצט איבער וואַרשעווער גאַסן. די מחנה פון מאַכט און די מחנה פון מאַכטלאָזיקייט. מיט געזאַנג, פּויקן און שאַלאַמייען מאַרשירן די רוסישע פולקן. די צאַרישע מאַכט האָט זיי צונויפגערופן פון אַלע ווינטן פון גרויסן רוסלאַנד און שיקט זיי אויף די שלאַכט־פעלדער צו די דייטשן.

עס מאַרשירן אויך די מחנות פון דער מאַכטלאָזיקייט. יידן מיט וואַנדער־שטעקנס אין די הענט און מיט אָרעמאַנסקע זעקלעך אויף די פּלייצעס.

עס רייטן די באַוואָפנטע רייטער, די קאָזאַקן און די טשערקעסן. עס הילכן די קאָפּיטעס פון צענדליקער טויזנטער פערד. עס שאַלן די פאַנפאַרן.

עס ציען אויך די אָרעמע פורלעך מיט יידן, פורלעך איינגעשפּאַנטע אין בידנע הכנעהדיקע שקאַפּעס.

עס איז טיף דער אָפּגרונט צווישן דער מאַכט אין גלאַנציקן וואָפן און צווישן דער שוואַכער הימלאָזער מאַכטלאָזיקייט! ווער אָבער וועט וועמען איבערלעבן? ווער וועט ווייטער קומען אין דעם וועט־געיעג צווישן דער מאַכט און דער מאַכטלאָזיקייט? וואו פאָרט איצט די שיינע צוקונפטיקע וועלט? — האָט אפשר פּרץ געטראַכט — צי פאָרט זי אויף די שווערע קאַנאָנען און זי רייט מיט די קריגער אויף די צעהירזשעטע פערד? אָדער זי פאָרט גאָר, די שענערע צוקונפט פון מענטשן, אויף די בידנע יידישע פורלעך?

— מען מוז ווידער אָנהייבן פונדאַסניי — האָט פּרץ באַשלאָסן. עס איז דעמאָלט געווען דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן — מען מוז צוזאַמענ־נעמען די יידישע וועלט־וויזיע, די יידישע וועלט־שפּראַך און אָט דאָס וואַנדערנדיקע יידישע מאַכטלאָזע פאָלק אויף די פורלעך. צוזאַמענגעמען און צוזאַמענבינדן זיי אין איין אידעאישער ליניע. מען מוז פונדאַסניי מאַכן דעם גרויסן היסטאָרישן עקספּערימענט פון יידישער באַנייאונג.

נישט די חיילות אויף די פערד. ניין! די דאָזיקע וועלט־אָרעמע יידן גייען צו דער שענערער וועלט.

נ ח

יהושע ראַבינאָוויטש, זיין פרוי דאָבריש און זייערע קינדער

פירער פון „בונד" בראש פון אַ דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אויף צוויי באַזונדערע וועגן צו איין און דעם זעלביקן ציל.

צו יענע שפּיצן פון יידישער שלמות זענען צוויי כוחות געגאַנגען אויף צוויי באַזונדערע וועגן. אַ וועג פון אַבסטראַקציע און אַ וועג פון טאַט.

אויפן וועג פון אבסטראַקציע איז געגאַנגען די יידישע ליטעראַטור מיט פּרצן בראש. אויפן שווערן האַראַפּאַשנעם וועג פון געשיכטלעכער טאַטהאַפּטיקייט איז געגאַנגען דער „בונד".

איך אַליין בין אַ בונדיסט—דעריבער וויל איך ניט, אַז מען זאָל מיך חושד זיין, אַז די פאַלגנדיקע באַמערקונגען וועגן דער ראָל פון „בונד" אין דער יידישער געשיכטע זענען דיקטירט פון פּאַרטייאישע פּניות און פּאַר־טייאישער איינרעדעניש. איך וויל אויך נישט זאָגן, אַז מיינע מיינונגען זאָג איך אַרויס פון קאַלטע אָביעקטיווע הויכעניש און אַז עס שפּילן דערביי נישט מיט דער סוביעקט און דאָס געמיט. מיר באַטראַכטן קיינמאָל נישט די וועלט און דאָס לעבן ווי עפּעס סתם אַ מעכאַנישן שפּיגל. דעם חשבון פון דער וועלט מאַכן מיר ווערדליק דעם חשבון פון אונזער אייגע־נעם סוביעקטיוון ווילן. מיר מאַכן דעם חשבון פון דעם אינדרויסן לויט דעם חשבון פון אונזער אינערלעכקייט. די וועלט איז אַזוי ווי מיר שטעלן זי זיך פאַר. זאָג מיר ווער דו ביסט — און איך וועל דיר זאָגן ווי דו זעסט די וועלט.

אויב מיר זעען די וועלט אין ליכט פון אַ געוויסער אידייע, הייסט עס, אַז מיר זעען זי אין אַ געוויסער קאָנסטרוקציע, אין אַ געוויסער געשטאַל־טערישער באַוואוסטקייט — צי גאָר אונטער־באַוואוסטקייט — פון וועלכער עס בויען זיך אויף אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן.

אין לעצטן יאָרהונדערט פון יידישער געשיכטע זענען געווען אַ סך סאָציאַליסטישע באַוועגונגען וואָס האָבן די נויטן פון יידישן לעבן געוואָלט אַרויסהעלפן דורך קאַמף פאַר אַ נייער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. ס׳זענען געווען סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַסימילאַטאָרישע, וואָס האָבן אין דער יידישער מאַסע געזען נישט מער ווי אַ קאָמפּלעקס פון עקאָנאָמישע נויטן. אָט די נויטן וועלן אַוועקפאַלן מיטן זיג פון סאָציאַליזם. ס׳זענען געווען אויך סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נאַציאָנאַלע. אָבער נאַציאָנאַל פון קוק־ווינקל פון ציוניזם. ד. ה. זיי האָבן געזאָגט: יאָ, עס איז פאַראַן אַ שעפערישע יידישע נאַציע, נייערט זי לעבט אין די קרענקלעכע באַדינגונגען פון גלות. יידן זענען טאַקע אַ נאַציע, נייערט ביי אַלע זייערע טעטיקייטן לעבן זיי אַ מינדערוויכטיק לעבן ביי די זייטן פון די פעלקער. מען מוז יידן מאַכן באַגלייך כל הגויים כדי זיי זאָלן ווערן אַ נאָרמאַלע נאַציע. און דאָס קען מען ערשט טאָן ווען מען וועט זיי פונדאַסניי קאָנצענטרירן אין זייער אַלטן פאָטערלאַנד ארץ־ישראל, צי אויף אַן אַנדערער טעריטאָריע.

ווען איך זאָל וועלן פאָרמולירן די ערשטע הנחות פון „בונד" בנוגע יידן און יידישער נאַציע און דערביי זאָגן, אַז פון תחילת־אָן האָט דער „בונד" אין דעם דאָזיקן פּרט געהאַט אַ קלאָרן שטאַנדפּונקט — וואָלט איך נישט געווען געזאָגט דעם אמת. ס׳איז נישט געווען נאָך אַ באַוועגונג ביי יידן וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון אַזוי פיל נעפּלען ווי דער „בונד". ער איז כמעט נישט געבוירן געוואָרן ווי אַ באַוואוסטזיניקע צי ציל־באַוואוסטע אידייע. ער איז נייערט געווען די באַנייאונג פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין די טיפענישן פון דער יידישער מאַסע. אין „בונד" האָט זיך געזאַמלט דאָס היסטאָריש־טעטיקע יידישע חשיבות־געפיל. עס וואָלט ממש געווען אוממעגלעך צו פאַרלאַנגען, אַז די ערשטע בונדיסטן זאָלן שוין האָבן געהאַט באַנומען די וואָגיקייט פון זייער טאַט אין איר גאַנצער טיפקייט און אין די פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך דורך דער דאָזיקער טאַט געעפנט פאַר דער יידישער געשיכטע.

זייענדיק אַ רעוואָלוציאָנערע און מאַרקסיסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט זיך אָבער אין זיין היסטאָרישן עצם דער „בונד" פאַרקירעוועט אויפן עלטסטן שליאַך פון דער יידישער נאַציע — דער פּיאָנערישער וועג פון יידן צווישן די פעלקער.

די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך אין „בונד" אַנטוויקלט בהדרגה, און ניט לויט אַ צוגעטראַכטן פּלאַן; נאָר זי האָט אַרויסגעקוועלט פון די טי־פענישן פון יידישן לעבן. און צום בולטסטן איז דאָס געקומען צום אויס־דרוק אויף דער פוילישער ערד און צווישן פוילישע יידן.

מיר וויסן פון ספרים און היסטאָרישע דאָקומענטן ווי עס האָט אויסגעקוקט דער שעפערישער יידישער קיבוץ אין בבל צי אין שפּאַניע. די אַלע היסטאָרישע דאָקומענטן האָבן אָבער איין גרויסן חסרון. עס איז זיי, נעמלעך, גאָרנישט געגאַנגען דערין צו שילדערן די געשטאַלטן פון יענע אַמאָליקע יידישע מענטשן, — צו שילדערן זייער טאָג־טעגלעך לעבן און דאָס שפּיל פון זייערע געשעענישן. געשעענישן סיי סאָציאַלע און סיי פּסיכישע. עס זענען דאָך געשטאַנען יידישע מאַסן און יידישע מענטשן הינטער דעם אידייאישן און אַבסטראַקטן געביי פון וועלכן עס דערציילן אונז יענע ספרים און דאָקומענטן! אויף די פאָדערגרונטן זעען מיר נאָר דאָס יידישקייט. די יידן שטייען, אין גרויסן און גאַנצן, הינטער די קוליסן פון יענע שעפערישע תקופות. ווער זענען געווען אָט די יידן? ווי האָבן אויס־געקוקט זייערע פּנימער און זייערע תנועות? ווי האָט אויסגעקוקט יענע יידישע וואָך פון וועלכער דער יידישער שבת איז ניירט דער לעצטער און דער זיבעטער טאָג?!

אַנדערש איז עס געווען אין פוילן. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ געשטאַלט פון אַ שעפערישן יידישן קיבוץ טיף פון זיינע אָפּגרונטן ביז הויך צו זיינע לעצטע שפּיצן. מיר אַלע זענען נאָך געווען עדות פון זיין לעבן און מיר פאַרמאָגן די געשטאַלטערישע סובלימאַציע פון דעם דאָזיקן לעבן אין די ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור.

האָבנדיק פאַר זיך דאָס פולע געשטאַלט פון אָט דעם יידישן לעבן אין אַלע גאַמעס פון זיין פאַרביקייט, קאָנען מיר אויך דערפון ציען בעסערע און קלאָרערע שלוסן און מסקנות וואָס שייך יידן אין דער וועלט און וואָס שייך וועלט בכלל און מענטש אין וועלט בפרט. דאָ קאָנען מיר זיך קלאָרער אָפּגעבן דעם היסטאָרישן חשבון איידער מיר האָבן עס באַוויזן צו טאָן קוקנדיק בלויז אויף די אַבסטראַקטע שפּיצן פון אַ יידנטום, וואָס איז פאַרבליבן פון פריערדיקע דורות און תקופות.

קוקן אויף מענטשן און געשיכטע אָן פאַראורטיילן איז זייער שווער.

פֿאַראַן אָנגענומענע אמתן — און מיר קענען זיך ממש נישט פֿאָרשטעלן ווי אַזוי עס איז מעגלעך זיי צו רעווידירן.

איינער פֿון די דאָזיקע אמתן — ער שטאַמט נאָך זיכער פֿון דעם שווערן קאַמף, וואָס די מענטשהייט האָט געפֿירט פֿאַר איר פֿיזישער עקזיס־טענץ — איז די פֿאַרגעטערונג פֿון דער מאַכט און אַלע אירע אַטריבוטן. דער ווערט פֿון דעם מענטש אין דער וועלט איז נייערט דער ווערט פֿון זיין מאַכט. דאָס איז אַן איינגעוואָרצלטער פֿאַראורטייל, וועלכן מיר באַמיען זיך גאָרנישט צו רעווידירן. במשך דער געשיכטע האָבן מיר אַ סך מאָל געביטן אונזערע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער גאָטהייט. אונזערע פֿאָרשטע־לונגען וועגן דער מענטשהייט האָבן מיר נישט געביטן אויף אַ האָר. ביי אַלע אונזערע גייסטיקע דערגרייכונגען האָבן מיר פֿאָרט נישט אויפֿגע־הערט צו שעצן די פּריאָריטעט פֿון פֿיזישער מאַכט. אַלע געטער אין הימל האָבן מיר געקאָנט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זייערע פּיעדעסטאַלן. מיר האָבן נישט קיין מורא געהאַט צו מאַכן אונזער חשבון מיטן העכסטן. דעם חשבון מיט דעם נידעריקסטן, מיט דעם אָפּגאָט פֿון דער חיה — און דער אָפּגאָט פֿון דער חיה הייסט מאַכט — מיט איר האָבן מיר קיינמאָל נישט געמאַכט דעם ריכטיקן חשבון. און מיר צאָלן כסדר פֿאַר דעם דאָזיקן נישט־געמאַכטן חשבון. דער אָפּגאָט מאַכט, דער מולך, עסט כסדר פֿון אונז לעבעדיקע שטיקער און פֿאַרוואַנדלט דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַ גיהנום.

כלומרשט זענען מיר היינט דעמאָקראַטן אָבער מיר קוקן נאָך אויף דער וועלט מיט אַלע פֿאָראורטיילן פֿונם ריטערטום. דער פֿיזיש־מעכטיקער מענטש האָט נאָך פֿאַר אונז נישט אויפֿגעהערט צו זיין דער אידעאַל און דער בחיר־היצורים.

אין דער יידישער געשיכטע ווערט אייגנטלעך דערציילט פֿון דער מאַכט פֿון דער מאַכטלאָזיקייט. צום ערשטן מאָל האָט אַ נאַציע געשטעלט דעם אידעאַל פֿון איר מענטשלעכקייט דווקא אויף דער באַזע פֿון איר מאַכט־לאָזיקייט. די באַדינגונגען פֿון איר לעבן האָבן זי מיט געוואַלט אָפּגעווינט פֿון פֿיזישער הערשאַפֿט און פֿון דעם געקלימפּער פֿון וואָפֿן און בלוט־פֿאַרגיסונג. מען האָט יידן נישט צוגעלאָזט צו די אַלערליי פֿייערלעכקייטן פֿון רציחה, וועלכע מען האָט אָנגערופֿן מיט אַלערליי פּאַטעטישע און פּאַטע־טישע נעמען — אין דער אמתן איז עס געווען די ווילדע בלוטיקע חיה,

וואָס איז נאָך אין אונז פאַרבליבן, ווי די העכסטע פאַרשטעלונג פון מענטש־לעבן ווערט.

אַז דער קולט פון גייסט קאָן נאָר געדייען אין דער גלאָריע פון פיזי־שער מאַכטלאָזיקייט — דאָס געפינען מיר אין דער גאַנצער געשיכטע פון יידן. אין די לעצטע דורות — איבערהויפּט אין דעם פיזישן און גייסטיקן געשטאַלט פון פוילישע יידן — האָבן מיר אָט די נאַציאָנאַלע ווערט־אידייע פון יידישן גלות־פאָלק געזען אין פולער צעבליאונג. איבעראַל און אומעטום האָבן — סיי גייסטיק און סיי פיזיאָנאָמיש — פוילישע יידן אויסגעדריקט אַ מענטשלעכע מאַכטלאָזיקייט, וואָס נאָר זי אַליין קאָן זיין די באַזע צו אַ העכערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

אַ סך נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי יידן האָבן אויף זיך געקוקט מיט אַלע פאַראורטיילן פון מאַכט און ריטערטום. זייער אידעאַל איז געווען צו נאָרמאַליזירן די יידישע מאַכטלאָזיקייט און צו שאַפן באַדינגונגען, אַז יידן זאָלן ווערן לייטן־גלייך.

ערשט די יידישע ליטעראַטור — שלום־עליכם און פּרץ אין דער שפּיץ פון אירע אידעאָלאָגישע טענדענצן — האָט אָנגעהויבן צו זען דאָס באַ־זונדערע חשיבות פון יידישן גלות־לעבן. דער „יידישער גלות" איז די גע־שטאַלט פון אַן איידעלער מענטשלעך לעבן. אַ שענער בילד פונם מענטש דווקא אויף דעם פּיעדעסטאַל פון זיין מאַכטלאָזיקייט. דער „בונד" — און איך וויל נישט זאָגן, אַז ער האָט עס געטאָן מיטן פולן באַוואוסטזיין—האָט דעם יידישן גלות דערהויבן צו אַ רעוואָלוציאָנערער טאַט. דער „בונד" האָט דאָס חשיבות פון די מאַכטלאָזע יידן געוואָלט שטעלן אַלס פּיאָנער אין קאַמף פאַרן חשיבות פון אַ בעסערער מענטשהייט.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

די יידישע שול אין פּוילן. הערשעלעס יתומים
פליען אַרויס פון שטייגל ווי פרייע פייגעלעך.

אַזוי זענען זיך פאַמעלעך צוזאַמענגעקומען די צוויי היסטאָריש־יידישע טענדענצן, וואָס זענען געגאַנגען אויף פאַרשידענע וועגן צו איין און דעם זעלביקן ציל. דער יידישער געדאַנק און די יידישע טאַט. די טאַט און דער געדאַנק מוזן זיך פאַראייניקן, כדי צו באַשאַפן דעם סינטעז פון אַ רענעסאַנס פאַרן יידישן וועלט־פאָלק. פּרץ, דער „בונד״ און פּוילישע יידן זענען געווען דער בעסטער פּונקט פאַר דעם נייעם עקספּערימענט.

ווען פּרץ האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער און געזען די מחנות פּוילישע יידן, וואָס וואַנדערן איבער וואַרשע, איז אין אים אויפגעקומען אַ נייע התלהבות. די התלהבות פאַר דער יידישער שול. די יידישע שול איז געוואָרן פאַר אים די באַזע. אויף איר מוז די יידישע ליטעראַטור אָנהייבן בויען איר בנין אויף דער יידישער טאַט. דערמיט וועט זי אויפעפענען אַ ברייטן וועג פאַר זיך און פאַר אירע פּערספּעקטיוון.

***

די יידישע שול אין פּוילן האָט י. ל. פּרץ אָנגעהויבן אויפצושטעלן אין די וואַרשעווער פּליטים־היימען פון פאַרטריבענע פּוילישע יידן. זי האָט אָנגעצונדן ווי אַ פלאַם פון מוט און באַגייסטערונג די הערצער פון די יידישע מאַסן אין פּוילן. איבערהויפּט די הערצער פון דער ראַדיקאַלער יוגנט. פון אַלע זייטן איז מען געקומען העלפן פּרצן צו בויען די באַזע פון

דער באַנייאונג פון אַ פריי און שעפעריש יידיש לעבן אין פוילן. ווי אַ בייזער חלום איז געהאַט פאַרשוואונדן פון דער פוילישער ערד די צאַרישע מאַכט וואָס האָט אונטערגעדריקט יעדע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון מאַסן אין פוילן און פון יידישע מאַסן בפרט. ברויזנדיקע קוואַלן פון טעמפעראַמענט און ווילן צו יידישער שעפערישקייט האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַלע באַהעלטענישן.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פוילן האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַלערליי פאַרטייען. אָבער די פאַרטיי, וואָס האָט געפילט איר טיפע ציל־באַוואוסטזיניקייט אין דער יידישער וועלט־געשיכטע פון גלות — איז געווען דער „בונד". מיט דעם איז דער „בונד" אָרגאַניש געשטאַנען אַמנאָענטסטן צו דער יידישער ליטעראַטור און צו פרצן. דער „בונד" איז געווען די אַנדערע געשטאַלט פון דער אייגענער אידייע.

די יידישע שול איז געווען די באַזע פאַרן „בונד" פונקט ווי זי איז געווען די באַזע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. אויך דער „בונד" האָט די יידישע שול באַטראַכט ווי די פאָדערשטע פאָזיציע פון זיין היסטאָרישן קאַמף. און ער האָט געלאָזט די בונדישע קאַמפּס־פאָן פלאַטערן אויף דער יידישער שול אַזוי לאַנג, ביז עס איז געקומען דער חורבן פון יידן אויף דער פוילישער ערד.

*
**

נאָר דאָס געהער שוין צו די לעצטע בלעטער פון דעם עפּאָס פון יידן אין פוילן — און מיר האַלטן ערשט ביי די ערשטע בלעטער פון דעם טראַגישן פינאַל. מיר האַלטן איצט ווען פרץ איז ווידער געווען דער אָנהייבער, דער בויער און דער רופער.

סיי די וואָס זענען געשטאַנען צום נאָענטסטן צו פרצן ביי דער טאַט פון דער יידישער שול, סיי די, וואָס האָבן אויף איר, פונקט ווי פרץ, געקוקט פון די וויטסטע פערספּעקטיוון — זענען געווען די בונדיסטן. וול. מעדעם — וואָס אין זיין געמיט האָט אַמליכטיקסטן געלויכטן דער וועג פון „בונד" אין שייכות מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פונם וועזן פון יידישער געשיכטע — האָט זיך באַלד געשטעלט אויף דער זייט פון פרצן.

אָבער אויך אַנדערע פאַרטייען האָבן געהאָלפן פרצן בויען די יידישע

שול. עס האָט געהייסן: דער „בונד" איז אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, יידן אין פּוילן זענען ס׳רוב קליינבירגער, און ס׳איז נישט מעגלעך — אַזוי האָט דעמאָלט געגאָלטן אַ מכלומרשטע לאָגיק — אַז דער „בונד" זאָל זיי פאַרטרעטן. אין דעם דאָזיקן אימפּעט פון טאָט איז אַנטשטאַנען די „פאָלקס־פּאַרטיי", ווי די פאַרטרעטערין פון יידישן קליינבירגערטום. אין אירע שפּיצן זענען דעמאָלט געשטאַנען הלל צייטלין און ה. ד. נאָמבערג. דער עיקר האָט אויפן הימל פון דער פאָלקס־פּאַרטיי מיטאַמאָל אַ שיין־אויף געטאָן דער שטערן פון נח פּרילוצקי. אין יענע צייטן איז ער געווען דער טריבון פון יידישן קליינבירגערטום אין פּוילן.

ווי דאָס יידישע קליינבירגערטום האָט זיך באמת באַצויגן צום „בונד" וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן.

די באַגייסטערונג פאַר דער באַנייאונג פון יידישן לעבן אין פּוילן און פאַר פּרצעס רוף צו בויען די יידישע שול, האָט אויך אַרומגעכאַפּט די אַקאַדעמישע יוגנט. די אוניווערזיטעטן און הויך־שולן זענען דעמאָלט געשטאַנען אָפן פאַר יידן. שלמה מענדלסאָן (איך גיי צוריק צו מיין דער־ציילונג וועגן דעם בית־מענדלסאָן) האָט שטודירט רעכט. זיין ברודער מאיר האָט שטודירט כעמיע. איצט האָבן זיי זיך נישט מער באַדאַרפט אויס־היטן פאַר חסידישע אויגן. דער פּחד פון די מענדלסאָנס און די פּריוועסעס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון אָט די צוויי בחורים. די שטורעם־ווינטן פון דער צייט האָבן אַרונטערגעריסן אַלע צוימען. ווען ר׳ אברהמלע מענדלסאָן וואָלט געווען אויפגעשטאַנען פון זיין קבר און אַ קוק געטאָן אויף דער חסידישער יוגנט אין די היינטיקע גערער „שטיבלעך" — ער וואָלט זיי נישט דערקענט. עס וואָלט זיך אים נישט צוגעגלויבט צו זען, וואָס עטלעכע וויניציקע יאָר קאָנען אויפטאָן אין דעם פליסן פון דער צייט. דוכט זיך, אַז שטרענגע חסידישע הלבשה און נישט לערנען דאָס מינדסטע אין דברי־חול, האָבן געהערט צו די פעסטע יסודות פון יידישקייט. אַלצדינג האָט געפּלאַצט ווי זייפנבלאָזן. די פרימסטע חדרים הייבן גאָר אָן אויסצוקוקן ווי „שקאָלעס".

שלמה און מאיר, הערשעלע מענדעלסאָנס יתומים, זענען אויך אַרויסגעפלויגן פון שטייגל ווי פרייע פייגעלעך. גאָרנישט איז זיי מער געשטאַנען אין וועג. פאָראורטיילן, יחוס און שטאַנד גילטן היינט באַגלייך

אַ שמעק־טאַבאַק. די וועלט האָט ברייט געעפנט אירע טירן פאַרן גרויסן און פאַרן קלענסטן.

מיט זיין גאַנצן טעמפּעראַמענט האָט זיך שלמה מענדלסאָן געוואָרפן צו הילף פרצן ביי דער יידישער שול. ער האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן פאָלקס־טריבון, און ער האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט ה. ד. נאָמבערגן. נאָמבערג האָט אים אַריינגענומען אין דער „פאָלקס־פאַרטיי״, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און שלמה מענדלסאָן איז אַרויפגעטראָגן געוואָרן אויף אירע שפּיצן.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

א לעבעדיקער רעקוויזיט פון די אַמאָליקע צייטן מאַטל איז געבוירן געוואָרן אין די אָפּפאַלעכצן פון די פריוועסעס. די „גאָלדענע קינדער" מוזן נעבעך אַרבעטן. ער וועט דאָ אַלעמען שפּאַלטן די קעפּ! מאַטל עסט טאַקע די „גילדענע יויך" אָבער די גאַנצע חופּה־נאַכט שטייט ער און רייבט די דילן ביי די מענדעלסאָנס.

איך האָב די דאָזיקע צייט אין פּוילן אַליין נישט מיטגעלעבט. אין די מלחמה־יאָרן בין איך געווען אין דער שווייץ. סוף 1920, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין פּוילן, איז שוין פּרץ מער נישט געווען. זיין נאָמען און זיין רום איז אָבער געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן ווי דער גייסטיקער מנהיג פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער קולטור פון פּוילישע יידן.

נאָך מיין קומען פון דער שווייץ בין איך פון לאָדזש געפאָרן קיין וואַרשע. צוויי פון די פינף מענדלסאָן־שוועסטערן זענען אויך אין די מלחמה־יאָרן פאַרוואָרפן געוואָרן קיין שווייץ. זיי זענען נאָך דאָרט פאַר־בליבן און איך האָב געהאַט פון זיי גרוסן פאַר די ברידער. דער נאָמען פון שלמה מענדלסאָן און זיינע דערפאָלגן ווי אַ פּאָליטישער טריבון האָט צו מיר דערגרייכט קיין שווייץ. די צוויי שוועסטערן האָבן עס באַ־טראַכט אי פאַר זייער פּערזענלעך פאַרדינסט אי פאַר אַ זיג פון סאָלאָמעאָ דרעזנער.

פּערזענלעך האָב איך די צוויי בחורים נישט געקענט. ווען איך האָב אין יאָר 1913 פאַרלאָזט פּוילן און אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל זענען זיי

נאָך געווען יינגלעך. דער גרויסער אונטערערדישער קאַמף פון דער „דרעזן" מיט ר׳ אברהמלען איז געווען פאַרקאָנספּירירט אין טיפע געהיימנישן. קיין פרעמד אויג האָט באמת דערפון נישט געוואוסט. די פּריוועסעס זענען נאָך דעמאָלט געשטאַנען אין די גרויסע פעדערן, וואַרשע איז נאָך געווען דאָס אַמאָליקע וואַרשע — ווער האָט עס געקאָנט וויסן, אַז הער־שעלעס יתומים טוען זיך איבער אויף סטודענטלעך כדי קיין חסידישער ייד זאָל זיי נישט דערקענען?

איצטער האָט זיך אַלצדינג איבערגעביטן.

ווען כ׳בין אַרויפגעקומען אויף גזשיבאָווסקע 24 צו די מענדלסאָנס, האָט מען מיך אויפגענומען מיטן ברייטן ברוך־הבא. שלמה און מאיר זענען גראָד נישט געווען אינדערהיים. דעם קבלת־פּנים האָט מיר געגעבן זייער מוטער ליבעלע מענדלסאָן. זי האָט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די פּריוועסעס. קודם־כל בין איך פאַר איר געווען משה׳ל פּריוועסעס יינגסטער איידעם און ס׳האָט דעריבער פון מיר געשמעקט מיט די אַלטע צייטן. שנית — האָט זי זיך פון איר פאָטערס־זייט גערעכנט משפחה מיט ר׳ יהושיעלע קוטנער. הכלל — עס איז געווען מיט וועמען און מיט וואָס זיך צו פרייען. זי האָט מיך באַלד פאַרבעטן אויף מיטאָג.

איך האָב מיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. אין איינצעלע שטוב־חפצים האָט מען נאָך געקאָנט דערקענען דעם אַלטן גבירישן געשמאַק פון די פּריוועסעס. מן־הסתם שטאַמען זיי נאָך פון דאַכעלעס צייטן. אָבער נישט בלויז איינצעלע שטוב־חפצים האָבן דאָרט נאָך געשטאַמט פון דעם, אַזוי גערופענעם, „גאָלדענעם אַלטערטום". אויך אַ לעבעדיק מענטשלעך באַשעפעניש האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט ווי אַ רעקוויזיט פון דעם אַמאָליקן גבירישן רום.

דאָס איז געווען דער משרת־יינג מאָטל.

אין די נאָך־מלחמהדיקע צייטן, און אין דעם אופן ווי די מענדלסאָנס האָבן איצט געלעבט, איז זיכער נישט געווען קיין אָרט צו האַלטן מאָנס־בילישע דינערשאַפט. צו דער רחבות פון אַמאָליקער גבירותשאַפט האָט טאַקע געהערט צום רומל צו זיין אַרומגערינגלט מיט מקורבים און „מענטשן". עס זענען אויך דעמאָלט געווען גאָר נידעריקע טשינעס פון „מענטשן". „מענטשן", וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין קיך און אין

די פעדער־שטובן, האָבן געפּוצט די שיך און געטאָן נידעריקע שטוב־מלאָכות — די דאָזיקע „מענטשן” האָט מען גענומען פון די גאָר אונ־טערשטע שיכטן פון יידן. אַפילו אידיאָטן און פאַרקריפּלטע בעלי־מומים — אַבי זיי האָבן געטויגט צו שוואַרצער אַרבעט — האָבן אויך געקאָנט געהערן צום „רומל” פון גבירישע „מענטשן”.

אין זיין ראַנג ווי אַן אַמאָליקער גבירישער משרת האָט מאָטל איבער־געהאַלטן די ביטערע צייטן און די חורבנות פון זיינע באַלעבאַטים. עס איז נישט געווען דער בן־אדם וואָס זאָל געדענקען פון ווי לאַנג אָן ער וואַל־גערט זיך שוין אַרום אין דער קיך פון די מענדלסאָנס און ווער עס האָט אים אַרויפגעבערענגט צו הערשעלען. אפשר האָט ער געשטאַמט פון די צייטן ווען דאַכעלע האָט נאָך געלעבט. מאָטל איז ווי געבוירן געוואָרן אין די אָפּפאַלעכצן פון דער שפע פון די פריוועסעס אויפן גזשיבאָוו. יענע אָפּפאַלעכצן זענען עפּעס ווי געווען זיין טאַטע־מאַמע. די ווינטן האָבן אים אַרויפגעבערענגט צו די מענדלסאָנס אין קיך און דאָרט האָט ער, אויף זיין אופן, מיטגעמאַכט די גאַנצע געשיכטע פון דער משפחה.

מאָטל איז געווען אַ קלינישער אידיאָט. אַ קליינער, אַ דיקלעכער און מיט די גראָע אויסגעלאָשענע אייגעלעך פון אַ טעמפּ און פעט חזיר. ער האָט געהאַט אין זיך די גאַנצע אַנימאַלישקייט פון אַ צוריקגעשטאַנענעם מענטש. זיינע גראָע חזיר־אייגעלעך האָט ער תמיד געהאַלטן אַראָפּגעלאָזענע און זיי האָבן זעלטן געשמייכלט. אַ שמייכל האָט אַדורכגעריסן זייער טעמפּקייט ווי דער שטראַל פון דער זון אַ פינצטערן שטאַרק־פאַרוואָלקנטן הימל. דערפאַר, ווען מאָטל האָט געוויינט — און וויינען האָט ער געקאָנט ווי אַ קינד פאַר עפּעס אַ קלייניקייט — איז עס געווען דאָס יאָמערלעכע געריטש פון אַן אַמאָליקן וואַלד־מענטש. מען קאָן נישט זאָגן, אַז מאָטל איז געווען אַ פרעסער. דאָס וואָלט געווען צו איידל געזאָגט. זיינע מאָלצייטן האָבן אין זיך פּשוט געהאַט פון דעם פרעסן פון אַ חיה. מען האָט אים נישט געקאָנט צוגעוויינען צו עסן פון אַ שיסל. ער האָט נאָר געקאָנט עסן פון אַ טאָפּ, און אין דער פינצטער, אָדער זיך פאַרקריכן אין אַ ווינקל פון דער קיך און דאָרט אַריינשלינגען אין זיך גאַנצע טעפּ.

זיין געטריישאַפט צו די מענדלסאָנס איז אויך געווען אַן אַנימאַלישע. ענלעך צו דער געטריישאַפט פון אַ הונט וואָס קוקט אַרויף צו זיינע באַלע־

באַטים ווי צו ערפורכטיקע און אַלמעכטיקע געטער און איז גרייט פאַר זיי אָוועקצוגעבן דאָס לעבן. פון דאַנען נעמט זיך, וואָס הגם מאָטל האָט אין זיך געהאַט אויסטערלישע גבורה, — ער האָט געקאָנט די שווערסטע משאות אויפלאָדענען אויף זיינע פּלייצעס און זיי אָוועקטראָגן ווי אַ שפּילכל און ער וואָלט זיך געקאָנט אָוועקשטעלן פאַרן „אייזערנעם טויער" און ווערן אַ טרעגער — פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט אַרויסגערירט פון די מענדלסאָנס. צוזאַמען מיט זיי האָט ער מיטגעמאַכט דעם עולים־ויורדים פון דער שטורעמדיקער צייט.

די קינדער ביי די מענדלסאָנס האָט ער געקענט פון וויגל. שפּעטער, ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיי געטראָגן אין חדר אַריין. נאָך שפּעטער, ווען זיי זענען עלטער געוואָרן, האָט מאָטל געזען ווי זיי פליען אַרויס פון זיין רשות ווי די פייגעלעך, ווערן די דערוואַקסענע מענדלסאָנס און טוען מעשים און רעדן אַ לשון, וואָס ער, מאָטל, קאָן שוין מער נישט פאַרשטיין. ער איז געוואוינט געווען צו זען, ווי אַלצדינג וואָס איז קליין און איז מכלומרשט גלייך צו אים, צו מאָטלען, וואַקסט אים אַריבער איבערן קאָפּ און גייט אַריבער צו די געטער. מאָטל האָט זיי אָנגעהויבן צו דינען און צו האָבן פאַר זיי ערפורכט. זיין גאַנצע צוגעבונדנקייט און אַנימאַלישע ליבשאַפט האָט ער אָוועקגעגעבן די מענדלסאָנס.

מאָטל האָט געזען ווי שלמה און מאיר, די קינדער וועלכע ער האָט געניאַנטשעט אין די וויגן, וואַקסן אים אַרויס פון די הענט. איצט קאָן ער נישט מער טאָן סיידן זיי באַדינען. די הינטישע ליבשאַפט צו זיי האָט אין אים נישט אויפגעהערט. ער האָט זיי גערופן „הער". אַלע דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן, סיי ביי די מענדלסאָנס און סיי אין דער וועלט האָבן מאָטלען נישט געקאָנט איבערצייגן אַז דער משפּחה פּריוועס זאָל מען נישט זאָגן „הער" און „מאַדאַם". צוגלייך האָט ער שלמהן און מאירן אויך גערופן „מיינע גאָלדענע קינדער", ווי אַמאָל, ווען ער האָט זיי צוגעוויגט צום שלאָף.

מאָטל האָט ווייטער זיינע אויסגעלאָשענע אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. זיין אייגענע וועלט איז ווייטער געווען צו עסן פון די פינצטערע טעפּ אין דער קיך און צו בערשטן און קערן די דילן. אין ביטערע ווירקלעכקייט האָט ער פאַרט געמוזט דערזען, נעמלעך: דורך

די פענצטער פון די פריוועסעס און מענדלסאָנס פליען מער נישט אַריין די גאָלדענע טייבעלעך און ברענגען מער נישט פון מילך און פון האָניק — און אַז עס זענען געקומען צייטן ווען אויך די „גאָלדענע קינדער" מוזן שווער אַרבעטן אויף פרנסה. אין זיין פינצטערן קאָפּ איז דאָס אויסגעקומען ווי די שרייענדיקסטע אומגערעכטיקייט פון דער וועלט. נאָר ער האָט געשוויגן — מחמת עס האָט לאַנג געדויערט ביז אַ געפיל וואָס האָט געבויערט אין זיינע אינגעווייַדן האָט באַקומען אַ פאָרם און אַ וואָרט. וואו און ביי וואָס די „גאָלדענע קינדער" אַרבעטן האָט ער נישט געוואוסט. אַרבעט האָט ביי אים געהייסן: טראָגן משאות אָדער רייבן די דילן. אַז די „גאָלדענע קינדער" טוען דאָס אייגענע וואָס ער, מאָטל, האָט ער פאַרט מורא געהאַט ארויפצוגעמען אויף דער מחשבה.

ווען שלמה מענדלסאָן איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער „יידישער שול-אָרגאַניזאַציע", פלעגט מאָטל אַמאָל אַרויפקומען אַהין מיט אַ שליחות פון שלמהס מוטער. ער האָט געזען ווי מענדלסאָן זיצט ביים טיש און שרייבט און די אַנדערע חברים פון „ציש"אָ" שטייען אָדער גייען גאָר אַרום איבער די צימערן. מאָטלען איז אויסגעקומען, אַז דער איינציקער וואָס אַרבעט דאָ איז דאָס „גאָלדענע קינד". אַלע איבעריקע זענען נישט מער ווי ליידיק-גייער און שלמהלע מוז פאַר זיי אַרבעטן. די גאַנצע אַנימאַלישע ערפורכטי-קייט פאַר די פריוועסעס האָט זיך אויפגעוועקט אין דעם דאָזיקן טעמפּן און געטרייען האַלב-מענטש. זיין געקריוודעט געמיט האָט מיטאַמאָל געטאָן פון אים אַ יאָמערלעכן ריטש אַרויס און ער האָט געשריען אויפן הויכן קול, אַז אויב ער וועט נאָך אַמאָל אַרויפקומען און זען ווי דאָס „גאָלדענע קינד" מוז נעבעך האָרעווען פאַר אַלעמען, וועט ער דאָ שפּאַלטן קעפּ און מאַכן פון אַלע חדרים אַ תל-עולם.

מיט אַ סך יאָרן צוריק איז ביי ליבעלע מענדלסאָן געווען אַן אַלטע קעכין. אַ מויד קרוב די ששים, אַ געשטופּלטע און אַ הויקער. אַזעלכע אַלטע בתולות האָבן זיך אין יענע צייטן גאָר נישט געפונען ביי יידן. ביי ליבעלען האָט געזאָגט דאָס געוויסן: ס'טייטש, אַ יידישע טאָכטער וועט גיין אין קבר אַריין מיט אַ גראָען צאָפּ? בעלנים אויף דער דאָזיקער קעכין וואָלט מען נישט געפונען אַפילו ווען מען זאָל זיי זוכן מיט ליכט. מיט מאָטלען האָט זי געלעבט אין דער קיך ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. זי האָט אים נישט

געקאָנט פאַרטראָגן און געשריען, אַז ער פּרעסט איר אַלצדינג אַרויס פון די טעפּ.

ליבעלע האָט געטענהט: אַ יידישע טאָכטער, אַפילו ווען זי איז נאָענט צו די ששים, מוז מען איר אויך צודעקן דעם קאָפּ און זי פירן אונטער דער חופה, מיט ווען עס זאָל נישט זיין, — און עס איז איר איינגעפאַלן דער גליקלעכער געדאַנק חתונה צו מאַכן די אַלטע שאָנקייט מיט דעם האַלב־מענטש מאָטל.

ווען די מויד האָט געהערט פון דעם שידוך האָט זי באַלד פאַרגעסן איר כעס צו מאָטלען. דאָס איינגעשרומפּענע פּנים האָט זיך איר צעשמייכלט און זי איז אויפן אָרט באַשטאַנען. מאָטל אָבער האָט נישט געוואָלט. זיין כעס אויף דער מויד האָט אין אים געקאָכט און ער האָט געזאָגט, אַז צוליב דעם וואָס זי יאָגט אים אַוועק פון די טעפּ, מעג זי אַפילו פּלאַצן — גייט ער מיט איר נישט אונטער דער חופה.

ליבעלע האָט אויף אים אָנגעשריען. שפּעטער האָט זי מיט גוטן צוגע־זאָגט, אַז דאָס ווייב וועט גאָרנישט טוען סיידן אים קאָכן טעפּ און ער וועט ביי איר האָבן אַ ליכטיק לעבן.

מאָטל איז געוואוינט געווען צו פאָלגן און מען האָט געשטעלט אַ חופה.

מאָטל איז געגאַנגען אונטער דער חופה און געגעסן צוזאַמען מיטן ווייב די גילדענע יויך. מער האָט ער נישט געוואָלט. שפּעטער האָט מען דאָס פּאָר־פאָלק געוואָלט אַריינפירן אין אַ באַזונדער חדר. מאָטל האָט זיך איינגעשפּאַרט ווי אַן אָקס אַז ער גייט נישט. ער האָט געשריען, אַז די חתונה־געסט האָבן אים געמאַכט אַ תל פון די דילן.

אַ גאַנצע נאַכט איז די אַלטע בתולה געלעגן אין איר חופה־בעט און געזיפצט. מאָטל האָט ביזן כאַאור געריבן און געוואַשן די דילן פון דער דירה ביי די מענדלסאָנס.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

צוגאַסט ביי די מענדעלסאָנס.

אַרויפצוקומען צו די מענדלסאָנס אויף גזשיבאָווסקע 24 האָט נישט געמיינט סתם אָפּפּטרן אַ וויזיט, אויפעסן דעם כיבוד און אַוועקגיין. זיי האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען. מען האָט באַלד דאָרט געמוזט ווערן אַ בן־בית. ווען איך האָב ביי מיין ערשטן וויזיט געזאָגט, אַז איך וואוין אין אַ האָטעל, האָט מען מיך אָנגעקוקט מיט אַ נישט־צופרידנקייט, גלייך איך וואָלט שוין דאָרט, ביי די מענדלסאָנס, געווען אַן אַלטער שטוב־מענטש און בין פּלוצעם ברוגז געוואָרן און אַוועק אין אַ האָטעל. וואָס שייך, זיין אין וואַרשע, און נישט וואוינען ביי די מענדלסאָנס ?

שלמה מענדלסאָן איז דעמאָלט געווען לערער פון יידישער ליטעראַטור און יידישער געשיכטע אין דער מיידל־גימנאַזיע פון פרוי קאַלעצקאַ. עס האָט געהערט צו די רעפאָרמעס פון דער נייער צייט, און צו דעם שטורעמדיקן אויפגאַנג פון יידיש און יידישער ליטעראַטור, וואָס אַ בירגערלעכע פּויליש־יידישע גימנאַזיע פירט ביי זיך איין אָט די קעגנשטאַנדן ווי אַ לימוד. עס איז געווען דער פּראָדוקט פון דעם קאַמף פאַר אַ וועלטלעכער יידישער שול וואָס פּרץ און זיינע מקורבים האָבן אָנגעהויבן צו פירן אין די קינדער־היימען פון די פּליטים. שפּעטער איז עס געוואָרן די קאַמף־לאָזונג פאַר אַ יידישער שול אין פּוילן. פאַר דער מלחמה איז עס געווען נאָר אַ שיינער חלום פון אידעאַליסטן.

עס איז געקומען די צייט וואָס חלומות האָבן גענומען אַרויסשפּראָצן ווי אַ פרילינג איבער אַלע יידישע ווירקלעכקייטן.

מיט זיין עלאָקווענץ, טעמפּעראַמענט און גייסטרייכקייט האָט שלמה

מענדלסאָן ממש געוואונען די הערצער פון די ייִנגע בירגערלעכע מיידלעך. די יעניקע, וועמעס מאַמעס האָבן זיך אַמאָל געשעמט צו רעדן „זשאַרגאָן״, זענען געוואָרן הייסע אָנהענגערינס פון מאָדערנער יידישער קולטור. אַ סך פון זיי זענען שפּעטער געוואָרן טוערינס אין יידישער קולטור־אַרבעט. אַ סך זענען ביז צו דער לעצטער צייט געווען אין „בונד״.

שלמה מענדלסאָן האָט דעמאָלט שווער געאַרבעט אויף פּרנסה. דערצו איז ער געווען איבערן קאָפּ אַריינגעטאָן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געווען ממש אומדערמידלעך אין זיין טעמפּעראַמענט און כ׳וויס נישט פונוואַנען ער האָט גענומען אַזוי פיל צייט. ווען נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט איז ער אַהיימגעקומען אויף גזשיבאָווסקע 24 האָט ער געשטראַמט מיט פרישקייט און גייסטרייכער עלאָקווענץ. ווען ס׳זענען געווען געסט — און געסט זענען כמעט תמיד געווען ביי די מענדלסאָנס — איז מען נאָך אויפגעווען האַלבע נעכט און פאַרברענגט אין אַלערליי גע־שפּרעכן. גאַנץ פרי איז שוין שלמה אויפגעשטאַנען. ער האָט געמוזט גיין צו דער אַרבעט.

ביי די מענדלסאָנס האָט אויך געוואוינט איין סובלאָקאַטאָר, און דאָס איז געווען ה. ד. נאָמבערג. די פריינטשאַפט פון שלמה מענדלסאָנען מיט נאָמבערגן איז געווען אַ טיף־איינגעוואָרצלטע און זי האָט געשטאַמט אי פון דער געמיינזאַמער סביבה אַרום פּרצן און אי פון דער געמיינזאַמער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דער „פאָלקס־פּאַרטיי״. מען האָט געמוזט האָבן אַ וואַרעם געמיט ווי שלמה מענדלסאָן כדי צו קאָנען צו זיך צובינדן אַזאַ באַהעמישן טיפּ ווי ה. ד. נאָמבערג. פאַרן היימלאָזן סקעפּטישן נאָמ־בערגן איז סיי שלמהס צוגעבונדנקייט און סיי זיין שטוב געווען ווי אַ גוט און ליבהאַרציק היימיש פייערל. דערצו, ווען די יאָרעלעך האָבן זיך אָנגע־הויבן רוקן און פון דעם קרענקלעכן גוף פון הירש דודן האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ חורבה. אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט ער זיך טאָקע יונגטלעך געבחורט — דאָ האָט ער זיך אָפּגערוט און געזוכט אַ נאָענט האַרץ און אַ גוט וואָרט. אין דער באַלעבאַטישקייט איז ה. ד. נאָמבערג נישט געווען קיין גוטער סוב־לאָקאַטאָר. דאָס פענצטער אין זיין שטוב איז תמיד געווען צוגעמאַכט. אויף טלאָמאַצקע האָט ער געשפּילט די הפקר־פּעטרישקע, אויף גזשיבאָווסקע 24 האָט ער מורא געהאַט פאַר אַ פאַרקילונג. אין

נאָמבערגס חדר האָט געשטיקט אַ וואָלקן פון פּאַפּיראָסן־רויך און אומעטום זענען געווען אָנגעוואָרפן אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן. נאָמבערג האָט שטאַרק גערויכערט, איבערהויפּט בעת ער האָט געאַרבעט.

צו נאָמבערגן אין שטוב פלעגט אויך אַמאָל אַרויפקומען וולאַדימיר מעדעם. דער מאמין האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיטן סקעפּטיקער און צו הערן זיין לומדישע פּקחות.

אַזוי איז פּאַמעלעכל דאָס בית־מענדלסאָן פאַרבונדן געוואָרן מיטן „בונד".

דעמאָלט איז שלמה געשטאַנען פונדערווייטנס פון „בונד". ער איז געווען אַ פּאָלקיסט.

דער ערשטער פון די מענדלסאָנס וואָס האָט זיך טריי געשטעלט אונטער די פענער פון „בונד" איז געווען מאיר.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

דער „בונד" אין התגלות. אינמיטן די געדיכטע־נישן פון יידישן וואַרשע. נאַוואָליפּיע זיבן. וויקטאָר שולמאַן.

אינמיטן פון דער יידישער געדיכטעניש, אין האַרץ פון יידישן וואַרשע, האָט דער „בונד" אין פּוילן געהאַט זיין רעזידענץ. עס איז געווען נאַוואָליפּיע זיבן און אין די דערנעבנדיקע גאַסן. די הויפּט־קוואַרטיר פון „בונד" איז געווען נאַוואָליפּיע זיבן — אַ שמאָל הויך הויז מיט אַ טונקעלן הויף. דאָרט איז געווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" און די רע־דאַקציע „פאָלקס־צייטונג".

די וואָס האָבן געדענקט די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז זיך עפּעס שווער געווען צוצוגעוויינען צום געדאַנק, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט אַ לעגאַלן אַדרעס און קינד און קייט וויסן וואו ער געפינט זיך. אין די צאַרישע צייטן האָט דער נאָמען „צענטראַל־קאָמיטעט" געקלונגען ווי אַ מיטאָס אין די וואָלקנס. ער איז די אומזיכט־באַרע האַנט וואָס לענקט מיט די רעוואָלוציאָנערע יידישע מאַסן און די צאַרישע מאַכט יאָגט זיך נאָך אים ווי נאָך עפּעס אַ שרעקלעכן פאַנטאָם. אָבער עס פעלן איר נישט קיין אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן. גיי און כאַפּ אַן אַבסטראַקציע! קיינעם האָט זיך נישט צוגעגלויבט אַז דער „צענטראַל־קאָמיטעט" איז אַן ערדישע ווירקלעכקייט און אַז די מיטגלידער פון „צע־קאַ" זענען פּשוטע בשר־ודמס. אַמאָל זענען אַרומגעגאַנגען פאַנטאַסטישע לעגענדעס וועגן צע־קאַ פון „בונד" און וועגן זיינע מענטשן. דאָס הייסט: קיינער אין דער וועלט ווייסט נישט ווער זיי זענען. אויך זיי אַליין קענען

זיך נישט פערזענלעך איינער דעם אַנדערן — פּאַרט זענען זיי דער „צענטראַל־קאָמיטעט", קוקן אַריין אין אַלע שפּעלטעלעך און פירן דאָס רעדל פון דער רעוואָלוציע. ווי הייסן זיי? ווער זענען זיי? וואו וואוינען זיי? וואָס עסן זיי און וואָס טרינקען זיי? פרעג ביי די ווינטן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער „בונד" אַרויסגעקומען פון זיינע געהיימנישפולע באַהעלטענישן און ער האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן אין זיינע השפעות אויף די יידישע מאַסן אין פוילן. דער „בונד" אַליין איז אויסגעוואַקסן און פאַרטיפערט געוואָרן אויף דעם פּרוכטבאַרן באָדן פון פוילישע יידן. די לעגאַליטעט האָט טאַקע ביים „בונד" צוגענומען אַ סך פון זיין העראָאישן ראָמאַנטיזם, — אָבער זייענדיק אָפן און פריי אינמיטן דעם לעצטן פּראָצעס פון דעם עפּאָס פון יידן אויף דער פוילישער ערד, האָט ער זיך ערשט אויסקריסטאַליזירט אין זיין היסטאָרישער שליחות.

ווי עס זאָל נישט זיין, — עס איז געוואָרן אַ סוד פאַר בראַד. אַלע יידן אין פוילן האָבן געוואוסט וואו עס געפינט זיך דער „צע־קאָ" פון „בונד" און ווער עס זענען זיינע מיטגלידער.

די אַלטע אַמאָליקע בונדישע אַנאָנימען, די גרויסע שאָטענעס הינטער די קוליסן פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף וואָס די יידישע אָרעמקייט האָט געפירט קעגן דער צאַרישער מאַכט — וואָס דאָ זענען זיי געווען אין און אַרום דעם „צענטראַל־קאָמיטעט" און דאָ האָט מען געהערט קלינגען די צאַרישע קייטן אויף זייערע פיס, דאָ זענען זיי געווען פאַרשיקט אין די וויטע טייגעס פון סיביר און דאָ זענען זיי ווידער אויפגעשוואומען אינ־מיטן די יידישע מאַסן און ווידער געווען די גרויסע אַנאָנימען הינטער דעם קאַמף. דעמאָלט האָט קיינער נישט געוואוסט ווער זיי זענען. איצטער זיצן זיי אויף נאָוואָליפּיע זיבן אין וואַרשע. דאָרט איז דער צענטראַל־קאָמיטעט, די רעדאַקציע פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" און פון דאָרט גייען אַלע פעדים פון בונדישער טעטיקייט צווישן די יידישע מאַסן אויף דער פוילישער ערד. די אַמאָליקע גרויסע אַנאָנימען קען איצט אין וואַרשע און אין פוילן קינד און קייט. מען זעט זיי אויף די וואַרשעווער גאַסן. מען זעט און מען הערט זיי רעדן אויף בונדישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. מען ווייסט פון אַלצדינג וואָס זיי טראַכטן און טוען — אויס סוד! אויף די העראָאישע

אַנאָנימען פון אַמאָל קלעבן בלויז זייערע אַמאָליקע פּאַרטיי־פּסעוודאָנימען. אַזוי הייסן זיי אין דער עפנטלעכקייט. וואָרים ווי הייסן באמת די אַמאָליקע קעמפער אויף זייערע ריכטיקע נעמען? ווי האָט מען זיי גערופן בעת מען האָט זיי געיידישט? ווי זענען זיי פאַרשריבן געווען אין זייערע אמתע פּאַספּאָרטן? דאָס האָבן פאַרגעסן די ווינטן אין די קוימענס און די פייגל אויף די דעכער. דאָס האָבן אויך פאַרגעסן די גרויסע אַנאָנימען אַליין וואָס לעבן איצט אין התגלות. זיי רופן זיך ווייטער אויף זייערע אַלטע פּאַרטיי־פּסעוודאָנימען גלייך ווי עס וואָלט נאָך געווען געלעבט דער בלוטיקער צאַר.

אין דעם פינף־שטאָקיקן הינטער־הויז פון נאָוואָליפּיע זיבן וואו עס האָט געאַרבעט דאָס האַרץ פון „בונד" אין פוילן, האָבן זיך אָפּט די דירות פון דעם צע־קאָ געביטן. נישט חלילה מחמת קאָנספּיראַציע. פּשוט זיי האָבן זיך געביטן צוליב באַקוועמלעכקייט. אַמאָל איז דער צע־קאָ און די רעדאַקציע געזעסן גאָר אויפן אויבערשטן גאָרן. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעמאָלט איז מעדעם נאָך געווען דער תושב פון נאָוואָליפּיע זיבן. יענע צייטן געדענק איך נישט. תחילת בין איך געווען אין דער שווייץ און שפּעטער האָב איך געוואוינט אין לאָדזש. ליידער האָב איך מעדעמען פּערזענלעך נישט געקענט. ווען איך בין אַרויפגעקומען אויף נאָוואָליפּיע זיבן האָט ער שוין נישט געלעבט. דאָס בילד פון נאָוואָליפּיע זיבן, אַזוי ווי איך וויל עס געבן, איז נאָר ווי עס האָט אויסגעקוקט ווען איך פלעג אַהין אַריינקומען און אַזוי איז עס פאַרבליבן ביז צום טראַגישן סוף.

דעמאָלט איז דער ערשטער שטאָק פון נאָוואָליפּיע זיבן געווען דער מוח פון בונדישער טעטיקייט. אין פּאַרטער איז געווען די דרוקעריי פון דער „פאָלקס־צייטונג". ווען פּראָווינצער בונדיסטן זענען געקומען קיין וואַרשע איז ס'ערשטע, פאַרשטייט זיך, געווען אַ קוק צו טאָן אויף די קעפּ פון „בונד". איידער מען איז אַרויפגעגאַנגען אויף די שמאָלע טונקעלע טרעפּ וואָס האָבן געפירט „אויבן אַרויף", האָט מען אויך נישט אויסגעמיטן אַריינצוקוקן אין דער דרוקעריי. מען האָט געוואָלט זען בחוש וואו און ווי אַזוי עס דרוקט זיך די „פאָלקס־צייטונג".

אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג" וואָס איז געווען רעכטס

אויפן ערשטן שטאָק זענען אייגנטלעך געזעסן צוויי דורות בונדיסטן. די ערשטע און די אַלטע קעמפער קעגן צאַר, די וואָס האָבן נאָך געטראָגן זייערע אַמאָליקע פּסעוודאָנימען, און דער צווייטער דור, די וואָס זענען געקומען צום „בונד" אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן. זיי זענען נישט געקומען פון אונטער די ערדן, נייערט אָפן און לעגאַל. ווען עס האָט זיך אַפילו געטראָפן אַז די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיי אַריינגעזעצט אין תפיסה פאַר מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע, צי אַנדערע ווידער־שפּעניקע בונדישע אַרבעט — איז עס געווען אַ קינדער־שפּיל אַקעגן דעם, וואָס די אַמאָליקע בונדישע פּסעוודאָנימען האָבן געהאַט צו דערציילן. דאָ זענען נישט געווען קיין קייטן און קיין ווייטע סיבירישע וועגן.

שוין אין דער ערשטער שטוב פון דער רעדאַקציע האָבן מיר געטראָפן די צוויי דורות. פון ייִנגערן דור האָט דאָרט געאַרבעט פּנחס שוואַרץ. אַ פלאַצקער ייִנגערמאַן. אַ האָפערדיקער און מיט אַ סך טעמפּעראַמענט. דעמאָלט האָט ער באַלאַנגט צום לינקן פליגל בונדיסטן. די פּוילישע פּאָלי־טישע פּאָליציי האָט זיך כסדר צו אים געטשעפּעט. קיין סך נחת האָט זי פון אים נישט געהאַט אַפילו הינטער די גראַטעס פון דער תפיסה. פּנחס שוואַרץ האָט נישט האַלט געהאַט אז די צונג זאָל אים ליגן אין קימפּעט. ער האָט מיט זיך נישט געלאָזט שפּאַסן אַפילו ווען מען האָט אים געשלעפּט אויף אויספאָרשונגען.

דער צווייטער פון דעם בונדישן ייִנגערן דור איז געווען שלום הערץ. ער איז אויך געזעסן אין דער ערשטער שטוב פון דער רעדאַקציע.

שלום הערץ, אַ דאַרער און אַ טונקעלער. אויבנאויפּיק האָט ער אויס־געקוקט אַ מרה־שחורהניק. ביי אים האָט אַ וואָרט מער געגאָלטן ווי אַ רענדל. איידער צו רעדן אַ וואָרט — האָט ער געטראַכט — איז קוראַנטער צו שווייגן און אַלצדינג טאָן אין דער שטיל.

אויב אָבער דער ערשטער קוק אויף אַ מענטש זאָגט נישט דעם אמת, האָט עס געהאַט אַ שייכות צו שלום הערצן. גראַד האָט אין אים געברויזט אַ סך טעמפּעראַמענט. אין דער טריישאַפט צו זיינע איבערצייגונגען איז ער געווען קאָנסעקווענט און שאַרף, ווי די חסידים פון זיין שטעטל דוביענקע. ער האָט נישט דורכגעמאַכט קיין גלגולים און זיך נישט געוואָלגערט אין אַלערליי פּאַרטייאישע האַרבעריקן. ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו

טראַכטן סאָציאַליסטיש, האָט ער זיך באַלד געשטעלט אין די רייען פון „בונד". ער איז אויך געווען איינער פון די פירער אין „יוגנט־בונד צוקונפט".

אין דעם זעלביקן צימער זענען אויך געזעסן ב. שעפּנער און יעקב פּאַט.

פון אַלטן בונדישן דור איז אין דער ערשטער שטוב געזעסן וויקטאָר שולמאַן. ווער עס מיינט, אַז אָט־אָ־דער אומשולדיקער נאָמען איז נישט קיין פּאַרטייאישער פּסעוודאָנים, דער האָט נעבעך אַ ביטערן טעות. ישראל סאַ־דאָווסקי (אַזוי האָט וויקטאָר שולמאַן געהייסן אויף זיין שם־הקודש אין די פּרעהיסטאָרישע צייטן אײדער דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן און אַזוי האָט אים — אויך אין די פּרעהיסטאָרישע צייטן — די צאַרישע מאַכט געהאַט איינגעשריבן אין אירע מעטריקע־ביכער) איז געווען אַ ליטווישער וואויל־לערנער און האָט געשטאַמט פון קאָוונע. ער האָט געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה. שפּעטער איז ער געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה און איז גאָר געוואָרן אַ פלאַמיקער חובבי־שפת־עברניק.

ווען וויקטאָר שולמאַן איז געוואָרן אַ קעמפערישער בונדיסט איז דער נאָמען ישראל סאַדאָווסקי אַוועק אין דער פינצטערער פאַרגעסנקייט. די גמרא אָבער און דאָס לשון־קודש האָבן גאָרנישט געטראַכט דערפון זיך אַרויסצוקלייבן פון וויקטאָר שולמאַנס געמיט. זיי האָבן אַלע בונדישע אַפּיקורסותן געהערט ווי המן דעם גרעגער. ווי אַ רעוואָלוציאָנערער בונדיסט האָט ער, וויקטאָר, טאַקע בלוטיק באַקעמפט סיי די גמרא און סיי דעם „שפת־עבר". אין תוך אָבער איז שולמאַן פאַרבליבן דער אײדעלער יידישער גמרא־תלמיד־חכם, דער שטילער אײדעלער ליטווישער רב. ער איז עס פאַרבליבן סיי אין „בונד", סיי אין די צאַרישע תפיסות און סיי אין די ווייטע העקן פון סיביר, וואוהין ער איז געווען עטלעכע יאָר פאַר־שיקט פאַר בונדישער אַרבעט. אויך שפּעטער, אין פוילן, ביי די רעדאַקציע־טישן פון דער „פאָלקס־צייטונג", זענען מיט אים אומעטום מיטגעגאַנגען די גמרא און דאָס לשון־קודש. בלויז דער נאָמען „ישראל סאַדאָווסקי" איז געווען דער אומגליקלעכער קרבן פון וויקטאָר שולמאַנס גייסטיקן גלגול. אים, דעם נאָמען „ישראל סאַדאָווסקי", האָט וויקטאָר שולמאַן גרינדלעך פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט די שניי־גאָמעלקעס פון פאַראיאָרן.

אויב וויקטאָר שולמאַן האָט אַזוי ראַדיקאַל פאַרגעסן, אַז ער הייסט „ישראל סאַדאָווסקי” — האָבן עס אָבער נישט פאַרגעסן זיינע ברידער אין אַמעריקע. זיי האָבן נישט באַלאַנגט צום „בונד” און האָבן נישט געפירט קיין אונטערערדישע מלחמה מיט דער מעכטיקער צאַרישער מאַשין. זיי האָבן זיך געמעגט פאַרגינען צו טראָגן דעם אַלטן, גוטן און באַלעבאַטישן נאָמען פון זייערע עלטערן אין קאָוונע. ישראל סאַדאָווסקי איז געווען דער בכור אין דער משפחה. ווען עס האָט נאָך געוועלטיקט דער צאַר איבערן גרויסן רוסלאַנד איז ישראל סאַדאָווסקי געווען פאַר זיינע ברידער ווי עפּעס אַ ווייטע לעגענדע. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז ער הייסט וויקטאָר שולמאַן. זיי האָבן בלויז געוואוסט, אַז ער אַרבעט קעגן צאַר אין אונטערערדישע באַהעלטענישן, אָדער אַז ער זיצט אין די תפיסות, אָדער ער איז פאַרשיקט אין די טויזנטער־מייליקע מרחקים פון סיביר. ישראל איז געווען דער אומבאַקאַנטער שאָטן אין דער משפחה סאַדאָווסקי אין קאָוונע.

שפּעטער איז אויפגעקומען דאָס מלכות פּוילן. די צייטן האָבן זיך געביטן און זענען געוואָרן וויניקער לעגענדאַריש אַרום דעם אומבאַקאַנטן ברודער.

די ברידער וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן אין אַמעריקע זענען ענדלעך געוואויר געוואָרן אַז די שטורעמס האָבן זיך געלייגט און אַז זייער ישראל שווימט מער נישט אין די נעפּלען. ער וואוינט אין וואַרשע ווי אַלע שטערבלעכע מענטשן. ווי אַלע שטערבלעכע מענטשן האָט ער אַ לעגאַלן אַדרעס — און דאָס איז די רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג”.

מאַכט זיך אַ מעשה און עס פאָרט אַ ייד פון אַמעריקע קיין פּוילן. מן־הסתם איז ער געפאָרן אויף קבר־אָבות אין זיין שטעטל. דער ייד איז געווען אַ גוטער פריינט פון וויקטאָר שולמאַנס אַ ברודער אין ניו־יאָרק, און ער, דער ברודער, האָט געבעטן דעם ייד איבערצוגעבן אַ לעבעדיקן ברודערלעכן גרוס ישראל סאַדאָווסקין אין וואַרשע. קיין סך צו זוכן דאָרט סאַדאָווסקין דאַרף מען נישט. — און ער האָט אים געגעבן די אַדרעס פון דער רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג” אויף נאָוואָליפּיע זיבן.

דער אַמעריקאַנער ייד איז געקומען קיין וואַרשע און טאַקע באַלד אַרויפגעגאַנגען אין דער „פאָלקס־צייטונג”.

אַריינקומענדיק אין דער ערשטער שטוב איז ער צופעליק באַלד צוגעגאַנגען צו וויקטאָר שולמאַנען און ביי אים געפרעגט:

— איך וואָלט דאָ געוואָלט זען דעם מיסטער ישראל סאַדאָווסקי. איך האָב פאַר אים אַ גרוס פון זיינס אַ ברודער אין ניו־יאָרק.

וויקטאָר שולמאַן האָט נישט לאַנג געטראַכט און דעם ייד באַלד אָפּגעפּאַרטיקט —

— דאָ איז נישטאָ קיין שום ישראל סאַדאָווסקי, — האָט וויקטאָר גע־ענטפערט, און זיך ווייטער געטאָן זיין רעדאַקציאָנעלע אַרבעט.

— ס'הייסט? — האָט זיך דער אַמעריקאַנער ייד איינגעשפּאַרט און נאָכאַמאָל נאָכגעקוקט דעם אַדרעס וואָס ער האָט נאָך אין ניו־יאָרק געהאַט פאַרשריבן אין זיין נאָטיץ־ביכל — מיסטער סאַדאָווסקי אין ניו־יאָרק האָט דאָך מיר בפירוש געזאָגט, אַז דאָ געפינט זיך זיין ברודער.

וויקטאָר שולמאַן איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

— מאַלע וואָס מען האָט אייך געזאָגט אין ניו־יאָרק, — האָט ער אַרויסגעברומט פון צווישן די פּאַפּירן אין וועלכע ער איז געווען פאַרטאָן.

איז דאָך אָבער וויקטאָר שולמאַן געווען אַ גוטער האַרציקער ייד, איז אים פּלוצעם באַפאַלן אַ רחמנות אויף דעם פאַרפירטן אַמעריקאַנער און ער האָט אים פאָרט געוואָלט העלפן. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און ענדלעך אויפגעהויבן זיינע אויגן און אָנגעקוקט דעם פרעמדן —

— דוכט זיך מיר, — האָט וויקטאָר געזאָגט שוין מילדער, — אַז אין אָטוואָצק וואוינט עפּעס איינער אַ ישראל סאַדאָווסקי. פאָרט אַהין וועט איר אים אפשר אויסגעפינען.

באין ברירה האָט דער אַמעריקאַנער ייד געזאָגט גוד־באַי און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער ייד איז שוין מער נישט געווען. פנחס שוואַרץ, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו נישטערן אין אַלטע אַרכיוון, האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט, אַז ווי עס איז אים באַוואוסט פון דער בונדישער פרע־געשיכטע האָט וויקטאָר שולמאַן אַמאָל אַמאָל געהייסן ישראל סאַדאָווסקי, און ער האָט זיך געוואָנדן צו וויקטאָרן:

— חבר וויקטאָר, אפשר מיינט דער ייד אייך און ער האָט אַ גרוס פון אייער ברודער אין ניו־יאָרק?

דאָ האָט זיך וויקטאָר שולמאַן פֿאַמעלעכל דערמאָנט אין די אַלטע קאָונער צייטן און אַז ער האָט שוין זיין ברודער אין אַמעריקע נישט געזען פֿון צענדליקער, צענדליקער יאָרן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פֿון זיין שטול און נאָכגעלאָפֿן אויף די טרעפּ צו זוכן דעם פֿרעמדן אַמעריקאַנער ייד. דער אַמעריקאַנער איז שוין אָבער געהאַט פֿאַרשוואונדן.

סיי ווי אַ ליטווישער ישיבה־בחור און סיי ווי אַ דיסציפּלינירטער אין דער אַמאָליקער בונדישער קאָנספּיראַציע האָט וויקטאָר שולמאַן אין זיך געטראָגן אַן אומברחמנותדיק געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. צום מיינסטן האָט ער נישט געשוינט זיך אַליין. טאָמער האָט ער געמאַכט דעם קלענסטן פֿעלער אין זיין רעדאַקציאָנעלער אַרבעט האָט ער גאָרנישט באַנומען ווי אַזוי עס קאָן אים אַדורכגיין אָן די געהעריקע שטראָף. ער האָט דאָ נישט געוואוסט פֿון קיין קונצן.

אין דער רעדאַקציע האָט זיך אָבער קיינער נישט געפֿונען וואָס זאָל וועלן וויקטאָר שולמאַנען באַשטראָפֿן.

אַ סלאָבאָדקער ישיבה־בחור האָט אויף אַלצדינג אַן עצה. וויקטאָר האָט אויף יעדן אופֿן געוואָלט געבוג טאָן דער גערעכטיקייט. קיין שום חטא טאָר מען נישט אַדורכלאָזן אָן באַצאָלונג.

הויך איבער זיין אַרבעט־טיש אין דער „פֿאָלקס־צייטונג" האָט ער אַרויסגעהאָנגען אַ פּאַפּיר וואו עס איז געווען פֿאַדריבנע אויפגעשריבן זיין פֿאַרברעך. אַלע וואָס קומען אין דער רעדאַקציע זאָלן עס לייענען. זאָלן זיי וויסן וואָס אַ וויקטאָר שולמאַן קאָן אָפּטאָן.

ווי לאַנג דאָס הימל־שרייענדיקע פּאַפּיר האָט געהאָנגען איבער וויקטאָר שולמאַנס קאָפּ האָט זיך געוואָנדן אין דער גרויס פֿון דעם חטא.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

הענריק ערליך.

אין דעם מיטלסטן צימער זענען געזעסן די אייגנטלעכע רעדאַקטאָרן פון דער „פאָלקס־צייטונג". איך וויל אָנהייבן מיט הענריק ערליכן.

איידער איך נעם מיך צו שילדערן די דאָזיקע פיגור וויל איך דער־ציילן וואָס ד״ר יהושע גאָטליב האָט מיר אַמאָל געזאָגט אין אַ פּריוואָטן געשפּרעך. ד״ר גאָטליב איז געווען אַ ציוניסטישער פירער און איז כסדר געשטאַנען מיט ערליכן אין פאַרביסנסטן פּאָליטישן קאַמף. ער האָט שאַרף און בייסיק געקעמפט קעגן ערליכן סיי אין דער פּרעסע און סיי פון דער טריבונע פון דער יידישער גמינע. „אָט דער בונדיסט ערליך" — האָט צו מיר געזאָגט ד״ר גאָטליב — „איז די שענסטע פיגור צווישן די מאָ־דערנע פּוילישע יידן".

אַזאַ אַטעסטאַט פון אַ קעגנער רעדט גענוג פאַר זיך אַליין.

הענריק ערליך איז געווען פון דעם מיטעלן דור בונדיסטן און ער האָט שוין געטראָגן זיין ריכטיקן נאָמען. געשטאַמט האָט ער פון אַ גבירישער משפּחה אין לובלין, און האָט באַלאַנגט צו יענער אידעאַליסטישער יוגנט אין דער בורזשואַזיע וואָס די וויזיע פון אַ גערעכטער און יושרדיקער וועלט האָט אין זיי געברענט ווי אַ פלאַם. מיט דער גרעסטער מסירת־נפש האָבן זיי זיך געשטעלט אין די רייען פון דעם סאָציאַליסטיש־קעמפנדיקן אַרבע־טער־קלאַס. זיי האָבן געהאַט דעם טיפן גלויבן, אַז אָט־אָ־דער קלאַס איז פון דער געשיכטע באַרופן געוואָרן אויפצובויען די גערעכטע וועלט. ערליך האָט שטודירט יוריספּרודענץ אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט און דאָרט האָט ער זיך באַלד אַפּערגערוקט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט.

זייענדיק אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער האָט אָבער העניריק ערליך מיט זיין פּערזענלעכקייט אַריינגעברענגט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג די גאַנצע אַלטע אַריסטאָקראַטישע פּאָרנעמקייט פון אַ פּויליש־יידישער נגידישער משפחה. אין זיין אויסזען, אין זיין האַלטונג און מאַניערן האָט ער אין זיך געהאַט פון דעם שענסטן און בעסטן פון פאַר־צייטישע פּויליש־יידישע מאַגנאַטן. די דאָזיקע אידעלע פיגור אין די פּאָדערשטע רייען פון דער בונדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ממש אין זיך סימבאָליזירט ווי יעדע אמתע רעוואָלוציע איז צוגלייך אַ היסטאָרישער המשך.

צו דער פולשטענדיקער פּאָרמירונג פון ערליכס פּערזענלעכקייט האָט מיטגעשפּילט דער פאַקט — דאָס געהער אויך צום יידישן המשך פון תורה וגדולה במקום אחד — וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט שמעון דובנאָווס טאָכטער סאָפיע. דאָ איז ער ווידער אַריינגעקומען אין אַ סביבה פון אַלטער יידישער גייסטיקייט און פון מאָדערנער רוסישער קולטור. עס איז נישט מעגלעך צו רעדן פון העניריק ערליכן און נישט אונטער־צושטרייכן די השפּעות פון דובנאָווס הויז אויף די געשטאַלטונג פון אָט דער שיינער פּערזענלעכקייט. סאָפיע סעמיאָנאָוונאַ איז אויך געווען אַ בונדיסטקע.

דאָ איז ווידער אינטערעסאַנט געווען צו זען ווי דער רעוואָלוציאָנערער „בונד" האָט געקאָנט זיין אין סינטעז מיט דעם המשך פון טראַדיציע.

סאָפיע סעמיאָנאָוונאַ איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע קעמפערין און צוגלייך — אַ דיסטינגירטע גראַנד־דאַמע פער עקסעלאַנס. אין דעם דאָזיקן פּרט האָב איך סאָפיע סעמיאָנאָוונאַ נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן און נישט אויפגעהערט צו איר זיך צוצוקוקן. שפּעטער, אין וואַרשע, פלעג איך אָפט אַרויפקומען צו די ערליכס. אין די לעצטע עטלעכע יאָר זענען מיר אַפילו געווען שכנים. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ביי די ערליכס לעבט מען אין אָרעמקייט. אָבער די אָרעמקייט איז געווען סערווירט אויף אַזאַ אופן, וואָס אויבנאויפיק האָט מען געהאַט דאָס באַשיימפּערלעכע געפיל אַז מען געפינט זיך אין אַן אַמאָליקער נגידישער שטוב. סאָפיע סעמיאָ־נאָוונאַ האָט תמיד געטראָגן אירע באַשיידענע מלבושים מיט דעם געשמאַק און דעם זשעסט ווי צירעלע פּריוועס האָט אַמאָל געטראָגן זיידנס און

סאַמעט. אויך סאָפּיע סעמיאָנאָוונאַ האָט אָפּט געקוקט דורך אַ לאָרניאָן ווי צירעלע פּריוועס, — אָבער זי האָט עס געטאָן מיט דער באַשיידנקייט פון אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַטקע.

אין דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטיש־בונדישער שטוב זענען אויפגע־צויגן געוואָרן צוויי זין. אַלעקסאַנדער און וויקטאָר. אין אָט די זין האָט מען געקאָנט זען וואָס עס הייסט גייסטיקער המשך. איך האָב זיי געקענט פון זייער קינדהייט ביז היינט צו טאָג. זיי זענען אַ לעבעדיקער ביישפּיל ווי אַזוי מען קאָן דערציען סאָציאַליסטישע יידן. יידן וואָס זאָלן זיין אי איבערצייגטע און קעמפערישע בונדישע רעוואָלוציאָנערן און אי געטריישע איבערגעגעבענע יידן אין יידישן פאָלק.

יאָרן־לאַנג פלעגט העניק ערליך טעגלעך זיצן עטלעכע שעה אין דער רעדאַקציע. ער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־צייטונג". מיר וויסן פון דער פּראַקטיק אַז דער בעסטער און ווערט־פולסטער מענטש ווערט וואָכעדיק ווען מיר זיצן מיט אים טאָג איין טאָג אויס ביי דעם זעלביקן טיש און טוען די זעלביקע אַרבעט. אַפילו דער בעסטער מענטש האָט זיינע שוואַכקייטן וואָס קומען אַרויס אין אַלטעגלעכן פאַרקער און מינערן זיין חשיבות אין אונזערע אויגן. פונדעסטוועגן — און דאָס האָב איך תמיד באַוואונדערט — די באַציאונג צו ערליכן פון אַלע אָן אויסנאַם אין רעדאַקציע — און עס זענען דאָך געווען מענטשן מיט אַ סך סאָציאַליסטישן סטאַזש — איז געווען אַ פאַרערנדיקע און אַ דרך־ארצדיקע. מען האָט צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו דעם פאַרנעמען געוויסן פון „בונד" און פון דער „פאָלקס־צייטונג". דערביי האָט מען אים אַרויס־געוויזן די גרעסטע ליבשאַפט. הגם ערליך איז כסדר געווען אַרומגערינגלט מיט דרך־ארץ איז ער אָבער פערזענלעך געווען שטיל און באַשיידן.

אין דער „פאָלקס־צייטונג" האָט העניק ערליך געשריבן דעם טעגלעכן לייט־אַרטיקל.

דאָ קומט די פראַגע: איז ערליך געווען אַ גוטער שריפטשטעלער?

איך שטעל אומישנע די פראַגע, ווייל די תשובה וועט בולטער כאַראַקטעריזירן ערליכס פערזענלעכקייט.

די גרויס פון זיינע שרייבערישע פעאיקייטן האָט זיך געוואָנדן אין

דעם, אויף וויפיל זיי זענען געווען דאָס געשטאַלט פון זיין געוויסן. מעכאַני־זירן זיך אין זיינע פעאיקייטן האָט ערליך נישט באַוויזן.

לייט־אַרטיקלען האָט ערליך געשריבן יעדן טאָג. קוים זענען זיי געווען וועגן גראָע ענינים, און דער עיקר וועגן ענינים וואָס האָבן נישט באַדאַרפט אָנרירן די טיפקייטן פון געוויסן, דעמאָלט — וואָלט איך גיכער געווען געזאָגט, אַז זיין שרייבן איז געווען מיט ווייניק שוואונג. קוים אָבער האָט זיך געהאַנדלט אין ענינים וואו עס האָט באַדאַרפט מיטרעדן דאָס געוויסן — און ערליכס העכסטער ווערט איז געווען דאָס געוויסן — דעמאָלט האָט זיין פעדער באַקומען דעם דערהויבענעם סטיל פון אַ טיפער איבערצייגונג, וואָס אי זי באַגייסטערט אי זי טוט אינערלעך וויי. דער סטיל פון ערליכס שרייבן האָט דעמאָלט באַקומען די פייערלעכע ערנסט־קייט פון אַן עסיי. בלוטיקע ערנסטקייט, צאָרן און בייסיקער הומאָר זענען דאָ געשטעלט געוואָרן אונטער איין זעעלישן סינטעז.

דאָס אייגענע האָט מען אויך געקאָנט זאָגן וועגן זיינע רעדעס. הענריק ערליך איז אָפט אַרויסגעטרעטן אויף גרויסע בונדישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. זיינע טעמעס זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע. טעמעס וועגן דער פאַרטיי און וועגן דער פאָליטיק פון פוילן און פון דער וועלט. און עס איז אויך געווען די פראַגע אויף וויפיל די טעמעס האָבן אָנגע־רירט דעם האַרץ־פאָדים פון ערליכס געוויסן. דעמאָלט איז ער אויף דער בינע צווישן די מאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָראַטאָר פון גרויסן סטיל. אַן אָראַטאָר וואָס זאָגט אָן דער וועלט איר משפט און רופט זי צו באַזינונג און גערעכטיקייט. דעמאָלט האָט הענריק ערליך מיט זיין פייער־דיקן אָבער פאַרנעם־געצוימטן פאַטאָס געקאָנט אויפציטערן די הערצער.

די באַציאונג צו אים פון די יידישע אַרבעטער און פון דער יידישער אָרעמקייט וואָס האָבן זיך געזאַמלט אונטער די פענער פון „בונד" איז געווען די זעלביקע ווי די באַציאונג פון זיינע חברים אין דער רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג". „חבר ערליך" איז געווען דער יחוס, ווייל ער איז געווען דאָס געשטאַלט פון בונדישן געוויסן.

אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָבן זיך אויף אַ מיניאַטורן אופן אָפּגע־שפּילט אַלע קאַמפן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן. אין דעם דאָזיקן „מיניאַטור" זענען זיי אָבער אַרויסגעקומען אין זייער גאַנצער

שאַרפקייט. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אויף טלאָמאַצקע זענען אַרויפ־געקומען די טשעמפּיאָנען פון די דאָזיקע קאַמפן, די פעדער־ריטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן. טיילמאָל האָט זיך אָבער געקאָנט אויסדוכטן: הגם אויף דער גאַס און אין דער פרעסע פלאַקערן און און שטורעמען די דעות פון פּאַרטייאישן לעבן — דאָ אָבער אויף טלאָ־מאַצקע האָט זיך דערוויל אַריינגעכאַפּט משיח און עס פּאַשעט זיך שוין דער לייב לעבן דעם שעפעלע. ווען מען האָט געזען ווי דער בונדיסט הערשל הימלפאַרב זיצט ביי איין טיש מיט דעם ציוניסט ד״ר יהושע גאָטליב און זיי שפּילן געמיטלעך שאַך, האָט מען באמת געקאָנט גלויבן, אַז ס׳איז שוין שלום על ישראל. אויף דער טריבונע פון דער יידישער גמינע זענען זיי צווישן זיך געווען אויף מעסערס.

אָבער דאָס אויג האָט גענאַרט. הינטער דעם אויבנאויפיקן שלום אויף די דילן און ביי די טישלעך אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט געפלאַקערט דער פּאָליטישער קאַמף נאָך מיט אַ גרעסערער עקשנות ווי אינדרויסן אויף דער גאַס. דאָ זענען געזעסן די פּערזאָנען וואָס דער קאַמף און דער געזעל־שאַפטלעכער ווידעראַנאַנד איז געווען זייער טאָג־טעגלעך ברויט.

נישט שטענדיק האָט מען אַזוי געמיטלעך צווישן זיך געשפּילט שאַך אָדער געזעסן ביי די טישלעך און דערציילט איינער דעם אַנדערן וויצן. עס האָט נאָר באַדאַרפט אַ פּונק כדי די פּאָליטישע דיספּוטן זאָלן אויפ־פלאַקערן מיט זייער גאַנצער שאַרפקייט. ביי די טלאָמאַצקער שעפעלעך האָבן זיך געוויזן ציינער ווי ביי וועלף און ביי לעמפּערטן. ס׳רוב האָט מען געזען די פייערן הינטערן מכלומרשטן שלום ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט פאַר אָדער אינמיטן אַן אַלגעמיינער פּאַרזאַמלונג. צו האָבן די מאַכט אין די אינסטאַנצן פון טלאָמאַצקע דרייצן האָט צוגעגעבן אַ מאָ־ראַלישן וואַלאָר צו דער מאַכט אויף דער גאַס. טלאָמאַצקע דרייצן איז נישט געווען אַבי־ווער אינמיטן יידישן לעבן אין פוילן. מען האָט געוואוסט, אַז דאָרט זיצן די וואָרט־זאָגערס פון דער פּרעסע און מען האָט געוואָלט וויסן ווער עס האָט אויף טלאָמאַצקע די דעה. פאַר אַזעלכע אַנטשיידנדיקע מאָמענטן אויפן „קליינעם אָלימפּ״ פון טלאָמאַצקע זענען דאָרט די געטער געוואָרן גרימצאָרנדיק און זיי זענען זיך געלעגן איינער דעם אַנדערן אין די האָר.

ווען די השפעות פון „בונד" האָבן זיך געשטאַרקט אויף דער יידישער גאַס אין פוילן האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך נישט אויסגעמיטן דעם ליטע־ראַטן־פאַראיין. אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט זיך די פּאָזיציע פון „בונד" פאַרפעסטיקט אויף אַזוי ווייט, אַז סיי פאַר פאַרזיצער פון פאַראיין, סיי פאַר פאַרזיצער פון פען־קלוב זענען אויסגעקליבן געוואָרן בונדיסטן (ב. שעפנער, פאַרזיצער פון ליטעראַטן־פאַראיין און י. י. טרונק פאַרזיצער פון פען־קלוב).

כדי צו קעמפן קעגן די בונדישע השפעות אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָבן אַלערליי פּאָליטישע גרופּירונגען אויף אַ רגע פאַרגעסן זייערע רייסענישן. מען האָט זיך אַלע דערלאַנגט די הענט איינצוהאַלטן דעם בונדישן מבול וואָס האָט — אין די יאָרן פאַרן חורבן — זיך גענומען פאַרשפּרייטן איבער די יידישע מאַסן אין פוילן. וועלף און לעמעלעך אויף טלאָמאַצקע האָבן זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט כדי צו געבן דעם „בונד" קלעפּ צווישן די ווענט פון פאַראיין. אַ מפּלה פון „בונד" אויף טלאָמאַצקע דרייצן וואָלט נישט אַדורכגעגאַנגען אָן אָפּקלאַנג. דאָס האָבן אויך געוואוסט די בונדיסטן אין ליטעראַטן־פאַראיין, און זיי האָבן אויך אַלצדינג געטאָן צו בלייבן ביי דער העגעמאָניע.

די קעגנער פון „בונד" האָבן תמיד זיך באַמיט פאַנאַנדערצוטראָמ־פּייטערן איבער די תפוצות־ישראל אַלערליי בלבולים אויפן „בונד". ביי געזעלשאַפטלעכע אַנטשיידונגען האָט מען אָט די אַלע בלבולים צוזאַמענ־געזאַמלט אויף טלאָמאַצקע ווי אין אַ ברען־גלאָז. די צונגען האָבן זיך גע־שאַרפט כדי צו שלאָגן דעם „בונד" אויף דער רעדנער־טריבונע פון ליטע־ראַטן־פאַראיין. טיילמאָל האָבן די בונדיסטן געהאַט אַ שווערע נוס צו קנאַקן. נישט בלויז מען האָט באַדאַרפט אָפּשלאָגן די אַטאַקעס. מען האָט געוואָלט בלייבן די זיגערס און די וואָרט־זאָגערס.

ווען עס איז געקומען דער מאָמענט פון דער לעצטער אַנטשיידונג אין קאַמף אויף טלאָמאַצקע פלעגט העניק ערליך אַרויפקומען אין פאַראיין צו געווינען די שלאַכט פאַרן „בונד". ווען ער האָט פאַרנומען די טריבונע און אָנגעהויבן רעדן, איז אין זאַל געוואָרן שטיל. אַלע האָבן זיך צו אים צוגעהערט. איך קאָן מיך נישט דערמאָנען, אַז פון צווישן די צעהיצטע געמיטער פון די קעגנער זאָל ווען־עס־איז פאַלן אַ באַליידיקנדיקער צווישנ־רוף קעגן ערליכן. און אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז מען נישט געוואוינט

געוועז זיך צו שוינען. הענריק ערליכס רעדעס אויף דער טריבונע פון טלאָ־מאַצקע — און גערעדט האָט ער נאָר דעמאָלט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די עיקרדיקסטע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן — זענען תמיד גע־שטאַנען אויף אַן אויסערגעוויינטלעכער עטישער און פאַראַנטוואָרטלעכער הויך. אַפילו דער פאַרביסנסטער „בונד"־פרעסער האָט געמוזט פילן, אַז איצט איז נישט די צייט צו וואַרפן בלאָטע. דאָ האָט גערעדט אַ מענטש פון די טיפעניש פון געוויסן אַרויס. און נאָר דאָס געוויסן איז פאַר ערליכן געוועזן די מאָס פאַר אַלע מענטשלעכע און יידישע פּראָבלעמען. דאָס מוז תמיד און אויף אַלעמען מאַכן אַן איינדרוק.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

יוסף כמורנער.

דער צווייטער רעדאַקטאָר וואָס איז געזעסן מיט ערליכן ביים רעדאַק־ציע־טיש פון דער „פאָלקס־צייטונג" איז געווען יוסף כמורנער.

ער איז נישט סתם צופעליק געווען דער צווייטער. יוסף כמורנער האָט מיט זיין פערזאָן פאָרטרעטן — אויב איך וואָלט מיך געוואָלט אויס־דריקן מיט אַ פאָלקסטימלעכער שפּראַך — די מתנגדישע שיטה אין „בונד", דעם „בונד" של דין און דעם שאַרפן שניידיקן בונדישן שכל.

מען האָט אַמאָל פאַרגליכן דעם „בונד" צו דעם סאָציאַליסטישן יורש פון חסידות און פון חסידישער אַהבת־ישראל. און עס איז נישט געווען סתם קיין מליצה. אין טיפסטן מהות זיינעם איז דער „בונד" נישט באַשטאַנען פון קיין שום אַקאַדעמיש באַטראַכטעניש. ער איז אַרויסגע־קומען אויף דער אויבערפלאַך פון דער יידישער געשיכטע ווי אַ נאַטירלע־כער דיאַלעקטישער פּראָצעס פון אַ היסטאָרישן געמיט־צושטאַנד און ווי אַ היסטאָרישער גאַנג פון דער יידישער מאַסע. נישט די בונדיסטן האָבן געמאַכט דעם „בונד". דער „בונד" האָט געשטאַלטיקט די בונדיסטן. זיי זענען געוואַקסן אין זייער באַנעמונג און אין דער פאַרטיפונג פון דער בונדישער באַוועגונג — נאָר אויף אַזוי פיל וויפיל עס האָט זיך דער „בונד" פאַרטיפערט און אויסגעוואַקסן במשך זיין היסטאָרישן פּראָצעס. די אָרגאַ־נישע בונדיסטן, די „חסידישע" בונדיסטן האָבן ליב געהאַט דעם „בונד" און זענען אים געווען געטריי מיט דער געטריישאַפט פון קינדער צו אַ מאַמע. זיי זענען געגאַנגען מיט אים, ווייל דאָס איז געווען דער היסטאָ־רישער פּראָצעס פון אַ גרויס יידיש מאַסן־געמיט. זיי האָבן געהאַלטן פאַר

זייער בעסטער שליחות צו פאַרטיפערן און אויפצוגראָבן דעם דאָזיקן פּראָצעס מיט טאָט און זיך וויניקער גריבלען אין די האַרבקייטן פון טעאָריעס. די אָרגאַנישע בונדיסטן האָבן זיך מער פאַרלאָזט אויף פּשוטער בונדישער אמונה ווי אויף שאַרפזיניקער טעאָרעטישער חקירה.

די מתנגדים זענען געקומען צום „בונד" על פי שכל און על פי לאַנגער איבערלייגעניש. זיי האָבן געוואויגן און געמאָסטן פאַר און קעגן — און ענדלעך געקומען צום „בונד". סוף כל סוף זענען זיי געוואָרן וואַרעמע און געטרייע בונדיסטן — אָבער אומעטום און תמיד האָבן זיי ביי זיך מיט־געטראָגן די שניידערישע מאָס פון חריפישן שכל און דאָס האַרבע געזעץ פון היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן דין. כסדר האָבן זיי נאָכגעקוקט אין „שולחן־ערוך" וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. די חסידישע בונדיסטן, די אמונה־בונדיסטן האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן היסטאָרישן אינסטינקט פון „בונד". אַגב האָט ער זיי קיינמאָל נישט גענאַרט. די מתנגדים האָבן אים, דעם „בונד", נאָר געוואָלט אָפּהיטן פון אַ „בייז אויג" און אַז ער זאָל זיך חלילה נישט אויסגליטשן. די חסידים האָבן געהאַלטן דעם „בונד" קליגער פון זיך. די מתנגדים האָבן זיך געהאַלטן קליגער פאַרן „בונד" און כסדר איבער אים געציטערט, אַז ער זאָל נישט אַראָפּ פון דרך־הישר און באַהיטע גאָט נישט טאָן עפּעס אַזוינס וואָס שטייט נישט שוואַרץ אויף ווייס ביי מאַרקסן אין „יורה־דעה".

מהאַי טעמאָ האָבן די דאָזיקע מתנגדים תמיד געציטערט אויף מה יאמרו הקאָמוניסטן. זיי האָבן, ווי אַלע בונדיסטן, געהאַלטן, אַז דער קאָמו־ניזם איז נישט קיין דרך. פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאַלטן, אַז וואָס־וואָס, נאָר אין מאַרקסיסטישער גמרא קאָנען זיי זיך אויס, די ממזרים. וואָס שייך די שוואַרצע פּינטעלעך מוז מען שטאַרק מקפּיד זיין צי זאָגן נישט חלילה די קאָמוניסטן טריף.

יוסף כמורנער איז געקומען אין „בונד" פון די ס. ס. די ס. ס. זענען געווען אַ גרופּע סאָציאַליסטישע אינטעלעקטואַליסטן, וואָס אַפילו ווען אינדרויסן האָט געשטורעמט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע זענען זיי געזעסן מיט דער טעאָריע אין האַנט און נאָכגעקוקט צי די יידישע סאָ־ציאַליסטישע רעוואָלוציע ווערט נאָר געמאַכט כפי ווי עס שטייט פאַר־שריבן אין די קלוגע ביכער. ווערליק מאַרקסן דאַרף די געזעלשאַפט זיך

פריער פראָלעטאַריזירן איידער זי וועט זיך סאָציאַליזירן. האָבן די ס. ס. אַ קוק געטאָן אויף דער סאָציאַלער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער געזעלשאַפט און אַ ציטערניש איז זיי אַדורכגעגאַנגען אין די לענדן. יידן זענען נישט קיין פּויערים ווי אויך נישט קיין גרויס־אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער. הײנט־זשע ווי קומט די יידישע קאַץ איבערן וואַסער?

איך וועל מיך באַמיען איבערצוגעבן די טעאָריע פון דער ס. ס. אין איר עיקרדיקן תמצית. היינו: יידן באַדאַרפן צו האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע כדי דאָרט אַדורכצוגיין די פּראָלעטאַריזאַציע ככתוב, ווי עס שטייט געשריבן. די טעריטאָריע האָבן די ס. ס. באַדאַרפט נישט אַזוי פאַר די יידישע מאַטעריעלע נויטן, ווי פאַר דער מצווה פון מקיים זיין די פּראָלעטאַריזאַציע. דאָ, אין גלות, קאָנען יידן חלילה אַריינקומען אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג מיט פּסולע ציצית.

אויפן „בונד" האָבן די ס. ס. געקוקט פון אויבן אַראָפּ דורך זייערע געלערנטע שפּאַקולן. זיי האָבן דעם „בונד" געהאַלטן פאַר אַ חומרדיקן „קרופּניק".

דער „בונד" האָט אָבער ווייטער געטאָן זיין האַמעטנע אַרבעט פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער האָט זיך קנאַפּ געקימערט וואָס עס זאָגן די שטערן־קוקער אין זייערע האָראָסקאָפּן. ער האָט געטאָן פאַר דער יידישער רעוואָלוציע דאָס, וואָס עס האָט אים דיקטירט זיין היסטאָריש געמיט.

ביי די ס. ס. איז טאַקע דער קאָפּ געוואַקסן צו אַלע הימלען — אָבער דער גוף איז ביי זיי פּאַמעלעכל איינגעשרומפּן אונטער דער גרויסער לאַסט פונם לומדישן טראַכטעניש. קיין גרויסע השפּעות אויף די יידישע מאַסן האָבן זיי נישט געקאָנט האָבן. סוף כל סוף האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו ליקווידירן.

נאָך דער ליקווידאַציע זענען די גאָר שאַרפע מתנגדים אין די ס. ס. — די יעניקע וואָס האָבן געהאַלטן דעם דין און די הלכה פאַר דעם העכסטן פון העכסטן — אַוועק צו די קאָמוניסטן. דאָרט זענען זיי געשוואומען אין די וואַסערן פון פּלפּול. זיי האָבן אַזוי לאַנג העכער געהאַלטן דעם ראַציאָנאַלן שכל איבער דעם געמיט פון לעבן, ביז דאָס יידישע לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ענדלעך צעשטויבט און צעבראָכן געוואָרן אונטער זייער

קלוגער הנהגה. דערפאַר האָבן זיי זיך מיט דער צייט באמת אויסגעלערנט צו זיין די מייסטער פון דרייען מיטן גראָבן פינגער. צו זאָגן טאָג אויף דעם וואָס זיי האָבן פאַר אַ שעה צוריק געזאָגט נאַכט, איז ביי זיי אויסגעקומען לייכט ווי אַ פעדער. זיי האָבן באַלד געעפנט די קאָמוניסטישע גמרא און אויף אַלצדינג געפונען אַ שכל און אַ סמך. די זאַכן זענען גוט באַקאַנט און איך קאָן דאָ בלויז זאָגן — די לחכימא ברמיזא.

די דאָזיקע אָבער פון די ס. ס. וואָס האָבן געהאַט דאָס געפיל פאַר די אינערלעכע פּראָצעסן פון דער יידישער געשיכטע האָבן ענדגילטיק באַ־שלאָסן אַריבערצוגיין צום „בונד".

יוסף כמורנער איז געווען זייער פירער. אין „בונד" האָט מען זיך באַלד דערקענט אויף זיינע ווערטפולע אייגנשאַפטן. דער „בונד" האָט אויך האַלד געהאַט די שאַרפקייטן פון שכל ווען זיי זענען נאָר נישט פאַר־קראָכן קיין בויבעריק. דער „בונד" האָט געהאַט אַ גרויס געווינס אין יוסף כמורנערן. אָבער אויך יוסף כמורנער האָט נישט געהאַט קיין קלענער געווינס אין „בונד". עס איז געווען דער בעסטער שידוך. דערצו האָט יוסף כמורנער געהאַט אַ גלענצנדיקע פעדער וואָס האָט ממש געשפּרודלט מיט שאַרפזין. אין דער פּאָלעמיק האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפּאַנצערטן ריטער און זיינס אַ קעגנער האָט זיך געמוזט גוט־גוט אונטערגאַרטלען. זיין שרייבערישער נוסח איז געווען אי פאָלקסטימלעך און אי לומדיש. עס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן אים צו לייענען.

פונדעסטוועגן. דעם פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט פאַרשווייגן. אַפילו נאָכדעם ווי כמורנער האָט זיך אינגאַנצן געהאַט אַסימילירט מיטן אוממיטלבאַרן היסטאָרישן פּראָצעס פון „בונד" און איז געוואָרן פון די געטרייסטע בונדיסטן, האָט אים פאָרט געפעלט די חסידישע אמונה, אַז מען דאַרף נישט צופיל ציטערן פאַר אַן „אויסגליטש". אַז די היסטאָרישע אינטואיציע פון בונדישער טאַט איז די בעסטע מאָס און די בעסטע גאַראַנטיע אַז דער „בונד" וועט בלייבן ביי זיין כאַראַקטער און ביי זיין שליחות אין דער יידישער רעוואָלוציע.

ווי מיר ווייסן, איז נישט אַלצדינג אויף דער וועלט זיך אַזוי קלאָר. אין סך־הכל באַשטייען מיר פון סתירות און ווידערשפּרוכן. פון אָט די אינערלעכע סתירות אין יעדער זאַך האָבן די פילאָזאָפישע דיאַלעקטיקער

געוואָלט אויפשטעלן די לייטער פון דער וועלט־אַנטוויקלונג. דער „בונד״ —ווי איך האָב שוין געזאָגט — איז נישט געווען קיין אויסגעטראַכטע טעאָריע, נייערט אַן אינערלעכער דיאַלעקטישער פּראָצעס פון דער יידישער געשיכטע. עס האָט געהערט צו דעם נאָרמאַלן גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג, אַז ער זאָל אויך האָבן אינערלעכע סתירות און ווידער־שפּרוכן.

און — עס וועט זיין נישט אמת צו זאָגן, אַז רק די יעניקע וואָס זענען געקומען צום „בונד״ נאָך לאַנגער טעאָרעטישער איבערלייגעניש, האָבן אין אים אַריינגעברענגט דעם מתנגדישן ראַציאָנאַליזם און דעם חומר־הדין. די וועגן פון די פּראָצעסן פון דער געשיכטע זענען קאָמפּליצירט. עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין „בונד״ און זיך געהאָדעוועט אויף זיין מוטערלעכער שויס, דאָך האָבן זיי פאַרגעסן די אינטואיטיווע בונדישע אמונה. אויך זיי האָבן געציטערט און גע־פלאַטערט, אַז דער „בונד״ זאָל זיך חלילה נישט אויסגליטשן.

פון אָט־אָ־די „מתנגדים״ זענען אַנטשטאַנען די מינדערהייטן אין „בונד״. די מינדערהייטן זענען געווען די דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן וואָס, ווי אַן אָפּאָזיציע, האָבן זיי זיכער מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג פונם בונדישן פּראָצעס. זיי האָבן זיך געזאַמלט אַרום יוסף כמורנערן ווי אַרום דעם טעאָרעטיקער און דעם פירער. דעם קאַמף פאַרן חומר־הדין אינם בונדישן וועג האָט יוסף כמורנער געפירט מיט פיל קלוג־שאַפט און טאַקט — אָבער פאַרט שאַרף און בייסיק. אַ פּען האָט ער געהאַט אַ גלענצנדיקע און אַ פאַלעמישע.

די בונדישע „מתנגדים״ האָבן טאַקע געהאַט שאַרפע קעפּ. זייערע איינווענדענישן און אַרגומענטן — ווי קלוג און שכלדיק זיי זאָלן נישט האָבן געווען — האָבן פאַרט נישט געקענט גובר זיין די מויער פון טיפער בונדישער אינטואיציע. אַן אינטואיציע וואָס איז געקומען פון די עלעמענ־טאַרע קוואַלן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אָט די אינטואיציע האָט תמיד געוויזן דעם „בונד״ דעם וועג וואוהין ער דאַרף גיין.

די אָפּאָזיציע בראש מיט יוסף כמורנערן — אין זיין קאַמף מיט אָט־אָ־דער אינטואיציע — האָבן גראָד מיטגעהאָלפן זי צו פאַרטיפערן וואָס שייך היסטאָרישער באַנעמונג.

קאַפּיטל דרייסיק

ביינוש מיכאַלעוויטש.

אָנצורופן ביים נאָמען די אמתן וואָס ביינוש מיכאַלעוויטש האָט פאַרנומען אין דער „פאָלקס־צייטונג" און אין אַנדערע בונדישע אינ־סטאַנצן וואָלט ווייניק דערציילט פון דער געשטאַלט מיכאַלעוויטש. אַוועק־צוזעצן מיכאַלעוויטשן אויף אַ בענקל און זאָגן אויף אים: אָט דאָס איז ער און אָט דאָס טוט ער — וואָלט געווען כמעט ווי אין ווידערשפּרוך מיט דעם, וואָס מיכאַלעוויטש האָט באמת מיט זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט געהאַט אין זיך דאָס טיפע בונדישע געוויסן ווי העכריק ערליך. אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס מען דאַרף זאָגן וועגן מיכאַלעוויטשן איז — ער איז געווען דאָס געשטאַלט פון „בונד" אין דער געשטאַלט פון אַ בונדישער פּערזענלעכקייט. אויף אים האָט זיך ווירקלעך געפּאַסט דאָס שפּריכוואָרט: ווילסט דער־קענען דעם „בונד" — דערקען ביינוש מיכאַלעוויטשן.

דער נאָמען „ביינוש מיכאַלעוויטש" איז נאָר געווען אַ פּאַרטיי־פּסעוו־דאָנים פון די אַלטע העראָאישע בונדישע צייטן. דאָס איז כמעט ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך. עס וואָלט זיך אַנדערש גאָר נישט געווען פאַרצושטעלן. די פּערזאָן וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם גאַנצן „בונד" האָט אויך אין איר פּריוואַטן נאָמען געמוזט אויסדריקן דעם סימבאָל פון איר פּערזענלעכער געשיכטע אין „בונד" — דעם אַנאָנימען קלאַנג הינטער וועלכן זי האָט פאַרן „בונד" געקעמפט.

אויך וואָס שייך זיין פיזיאָנאָמישער אויסערלעכקייט האָט ביינוש מי־כאַלעוויטש אויף זיך געטראָגן דעם „בונד" און זיין העראָאישע פאַרגאַנ־גענהייט.

ווען איך האָב מיך באַקענט מיט מיכאַלעוויטשן איז ער סך־הכל אַלט געווען עטלעכע און פערציק יאָר. געשטאָרבן איז ער צו איין און פופציק צי צו צוויי און פופציק יאָר. אָבער ער האָט אויסגעקוקט ווי אַן אַלטער מאַן. גראָ ווי אַ טויב און מיט אַ שטאַרק איינגעבויגענער פּלייצע.

די וואָס האָבן געקאָנט די געשיכטע פון „בונד" האָבן געוואוסט פונוואַנען עס נעמט זיך דער ווייסער ווינטער אויף דעם דאַזיקן פאַר־העלטניסמעסיק נאָך יינגן מענטש און פונוואַנען ער האָט די איינגעבויגענע פּלייצע. עס איז געווען די טיראַנישע סאַטראַפּישע צאַרישע רשעות קעגן וועלכער דער „בונד" האָט אַזוי העראָאיש געקעמפט. זי האָט אויף ביינוש מיכאַלעוויטשן אויסגעגאָסן איר גאַנצן צאָרן און אים געשלעפּט אין תּפיסות און איבער די ווייטע וועגן פון סיביר. דאָרט האָט ער געהערט אי דאָס וואָיען פון וועלף און אי די לידער פון קאַטאָרזשניקעס און פאַר־שיקטע רעוואָלוציאָנערן — לידער פון פרייהייט און אומעט, וואָס ווערן באַגלייט מיט דעם קלינגען פון קייטן און מיט דעם רופן פון צאַרישע סאָלדאַטן. ביינוש מיכאַלעוויטש האָט מיטגעמאַכט אָט דעם גאַנצן צאַרישן גיהנם וואָס האָט געהייסן קאַמף קעגן סאָציאַליזם און קאַמף קעגן זשידאָווסקן „בונד". זיינע אָנגעשריבענע „זכרונות" זענען אַן אויסדרוק פון דעם גע־ראַנגל פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אָבער די גע־שיכטע האָט זי אויך אָנגעשריבן אין דעם ווינטער אויף זיין קאָפּ און אויף זיין איינגעבויגענער פּלייצע. די העראָאישע געשיכטע פון „בונד" האָט געמוזט איבערלאָזן איר רושם אויף דער געשטאַלט וואָס האָט מיט זיך סימ־באָליזירט דעם „בונד" — ביינוש מיכאַלעוויטש.

מהאי טעמא איז אויך פאַרשטענדלעך, וואָס אין די שווערע קאַמף־צייטן ווען אַלצדינג האָט געמוזט געטאָן ווערן אונטער דער ערד און אין שטרענגער קאָנספּיראַציע, האָט מיכאַלעוויטשעס פּאַרטייאישער פּסעוו־דאָנים אים כמעט ווי נישט געשיצט. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויס־באַהאַלטן מיטן „בונד". דער „בונד" — ד. ה. די יידישע רעוואָלוציע — האָט פון אים אַראָפּגעשריען. פאַר די צאַרישע אַגענטן איז עס געווען אַ שפּילכל צו כאַפּן מיכאַלעוויטשן און זיך אין אים נוקם זיין פאַר אַלע ווידערשפּעניקייטן פון די יידישע אַרבעטער.

ווען מיכאַלעוויטש האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט מען ערשט

געקאָנט זען די ליכטיקע און זאַפטיקע יוגנטלעכקייט אין דעם דאָזיקן אַלטן קעמפער. זיי זענען באמת געווען די געעפנטע פענצטער צו זיין נשמה. אַזעלכע ליכטיקע אויגן וואָס דערציילן אַלצדינג האָב איך נאָר געזען ביי י. ל. פרצן.

לויט זיין אמתן נאָמען האָט ביינוש מיכאַלעוויטש געהייסן יוסף איזביצקי. ער איז געווען דער איינציקער פון די אַמאָליקע בונדישע אַנאָנימען, וואָס הגם זיין פסעוודאָנים האָט צווישן די יידישע מאַסן גע־קלונגען ווי אַ שם טוב, פונדעסטוועגן האָבן כמעט אַלע געוואוסט ווי ער הייסט אויף זיין אמתן נאָמען. ביינוש מיכאַלעוויטש האָט זיך מיט גאָרנישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן.

געשטאַמט האָט ער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און פון דער יידישער אָרעמקייט. אויב איך האָב קיין טעות נישט איז זיין פאָטער געווען אַ שלאָ־סער אין דער שטאָט בריסק. ער אַליין, ביינוש מיכאַלעוויטש, האָט זיך יינגלווייז געלערנט די מלאָכה. לעבן ווילנע איז בריסק אויך געווען אַ ירושלים דליטאָ. זי איז באַרימט געווען ווי אַ גרויס מקום־תורה און באַרימט געווען מיט אירע צדיקים און גאונים. און ביינוש מיכאַלעוויטש איז אויך געווען אַ ישיבה־בחור. תורה ומלאָכה במקום אחד.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער בונדישער אַרבעט האָט ער זיך אין איר אָנגעצונדן ווי אַ פלאַם. ער האָט זיך געפילט אינמיטן און אַ טייל פון דער יידישער מאַסע וואָס איז אויפגעשטאַנען פון איר שפלות אין דער יידישער געשיכטע. אַ מאַסע וואָס האָט זיך פאַרנומען זיך אויפצוהייבן ווי אַ פירערין פון יידישן וועג אין דער וועלט.

די איינהייט פון מאַסע און גייסט, די איינהייט פון אויבן און אונטן, די איינהייט פון יידישער ווירקלעכקייט און יידישער געשיכטע — דאָס איז אין עצם געווען דער היסטאָרישער מהות פון „בונד״. דער „בונד״ האָט עס גאָרנישט באַדאַרפט אַזויפיל פּראָגראַמאַטיש צו זאָגן. דער דאָזיקער פּראָגראַם האָט נאַטירלעך אַרויסגעשיינט פון דער גאַנצער קייט פון זיינע האַמעטנע מעשים. ביי ביינוש מיכאַלעוויטשן איז אָט די סינטעטישע איינ־הייט ממש געווען די איבערחזרונג פון דער היסטאָרישער געשטאַלט פון „בונד״ אין דער אינדיווידועלער געשטאַלט פון אַ געלייטערטער בונדישער פערזענלעכקייט. אין מיכאַלעוויטשן האָט מען בפירוש געזען ווי די גע־

שיכטע פון אַ יחיד רעקאַפּיטולירט די געשיכטע פון אַ קאָלעקטיוו, און אַז די געשיכטע פון אַ קאָלעקטיוו איז דורכאויס די געשטאַלט פון אַ היסטאָרישער אידייע. ער איז געווען אי מאַסע אי גייסט, אי פּשטות אי געלייטערטקייט, איווירקלעכקייט אי שוואונג, אי דער ברויזנדיקער שטורעם פון קאַמף און אי די שטילע רואיקייט פון אַ וועלט־גוטסקייט. אין מיכאַלעוויטשן איז עס נישט געווען קיין סתירה. ער האָט געגרעדט אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען ווי איינער פון זיי, אַ יידישער מאַסן־מענטש. ער האָט אַרויסגערעדט פון זייער האַרץ און האָט זיך נאָר באַמיט צו ווייזן, אַז ער, ביינוש מיכאַלעוויטש, איז אויף אַ האָר נישט קליגער און שטייט אויף אַ האָר נישט העכער פון דעם ניוואָ פון זייער געמיט. דערפאַר זענען יידישע אַרבעטער געווען צו אים צוגעבונדן און אים ליב געהאַט מיט אמתער אַהבת־נפש. פון דער אַנדערער זייט — האָט ביינוש מיכאַלעוויטש האָלד געהאַט די ראַפינירטקייטן פון ליטעראַטור און קונסט. ער האָט ליב געהאַט צו לייענען דאָס גוטע בוך, צו גיין אין עקספּערימענטאַלן טעאַטער און צו זען דאָס שפּילן פון די גרעסטע שוישפּילער.

אין דער „פאָלקס־צייטונג" האָט מיכאַלעוויטש געשריבן אויף אַלערליי געזעלשאַפטלעכע טעמעס. ער האָט אויך געשריבן וועגן ליטעראַרישע ווערק. ווען עס איז דערשינען מיין בוך „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור" האָט ער אין דער „פאָלקס־צייטונג" פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ווערק. נאָכדעם ווי ער רימט עס, וואַרפט ער מיר פאָר, אַז מיין צוגאַנג איז אין סתירה צו דעם, וואָס אַלע סאָציאַליסטן האָבן געזאָגט וועגן מאַרקסן, נעמלעך: אַז מאַרקס האָט אַוועקגעשטעלט העגלען אויף די פיס. לויט מיר קומט אויס, אַז מען דאַרף דעם סאָציאַליזם צוריק אַוועקשטעלן אויפן קאָפּ און אים צוריקפירן צו העגלען. מצדי האַלט איך עס גראָד נישט פאַר קיין חסרון. ווען מאַרקס וואָלט די עקאָנאָמישע דיאַלעקטיק נישט צופיל אָפּגעריסן פון העגלס „וועלט־גייסט", און ווען זיגמונד פרויד וואָלט געבוירן געוואָרן מיט אַ הונדערט יאָר פריער און קאַרל מאַרקס וואָלט זיך — דורך פרוידן — באַקענט מיט די אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק און זיי אויסגענוצט פאַרן סאָציאַליזם — וואָלטן מיר, די שפּעטערע סאָציאַליסטישע דורות, פאַרשפּאָרט אַ סך ביטערע אַנטוישונגען.

איך וועל ברענגען אַ פֿאַקט וואָס וועט כאַראַקטעריזירן אי מיכאַ־לעוויטשן גופֿא און אי די באַציאונג צו אים פֿון דער יידישער מאַסע אין פוילן.

ווען ביינוש מיכאַלעוויטש איז אַלט געוואָרן פֿופֿציק יאָר האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון פוילישן „בונד" באַשלאָסן אים צו מאַכן אַ יובי־לעאום. נישט פֿאַראַן געווען אויף דער וועלט קיין קלענערער בעלן אַז עס זאָלן געמאַכט ווערן עפֿנטלעכע פֿאַראַדן אַרום זיין נאָמען און פּערזאָן ווי ביינוש מיכאַלעוויטש. עס איז געווען דערווידער זיין גאַנצער טבע — און נישט חס־ושלום מחמת איבערגעטריבענער עניוות. מיכאַלעוויטש איז גאָרנישט געווען אַזאַ עניו. נאָר עס איז נישט געלעגן אין דער טבע פֿון „בונד" צו מאַכן מיט עמיצן פֿאַראַדן. עס איז נישט געשטאַנען געשריבן אין דער בונדישער גמרא. און די טבע פֿון מיכאַלעוויטשן האָט אויף דער האָר זיך געגליכן צו דער טבע פֿון „בונד".

איך ווייס נישט פֿאַרוואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעמאָלט געוואָלט גיין קעגן אַלע בונדישע טראַדיציעס און דווקא מאַכן גרויסע עפֿנטלעכע פֿאַראַדן אַרום מיכאַלעוויטשן.

נישט געקוקט דערויף וואָס מיכאַלעוויטש איז געווען אַ דיסציפּלינירטער בונדיסט האָט ער ביי זיך נישט געקאָנט פֿועלן אין דעם דאָזיקן פֿרט צו פֿאָלגן דעם צענטראַל־קאָמיטעט און צו דערלויבן אַז אַרום אַ בונדישן מענטש זאָלן זיך פֿאַנאַנדערבלאָזן די פֿאַנפֿאַרן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך דערווייל נישט געקימערט פֿון אַלע שאַרפֿע פּראָטעסטן פֿון ביינוש מיכאַלעוויטשן און פֿון זיינע איינווענדע־נישן, אַז לא יעשה כן במקומנו, מען טוט נישט אַזעלכעס אין „בונד". דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו פּראַווען דעם מיכאַלעוויטש־יום־טוב מיט דער גרעסטער פֿייערלעכקייט. די ידיעה פֿון מיכאַלעוויטשעס יובילעאום איז מיט פֿיל פֿרייד אויפֿגענומען געוואָרן אין די בונדישע מאַסן סיי אין וואַרשע און סיי אין אַלע שטעטלעך פֿון פוילן. די יידישע מאַסן האָבן געקוקט אויף דעם כבוד פֿאַר מיכאַלעוויטשן ווי אויף זייער אייגענעם כבוד און דעם כבוד פֿון דעם קעמפֿערישן יידישן אַרבעטער־קלאַס. דאָס האָט נאָך מער דערמוטיקט דעם צענטראַל־קאָמיטעט נישט צו

נעמען אין אַכט אַלע פּראָטעסטן פון בעל־היובל און פייערן מיכאַלעוויטשן טאַקע מיטן פולן גלאַנץ.

דורכצופירן דעם מיכאַלעוויטש־יובל האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אָפּגעדונגען איינעם פון די גרעסטע וואַרשעווער זאַלן, אין וועלכן עס האָבן געקאָנט אַריינגיין טויזנטער מענטשן. ווערדליך ווי דער עולם האָט זיך גע־גרייט סיי אין וואַרשע און סיי אויף דער פּראָווינץ האָט מען געוואוסט, אַז דער זאַל וועט זיין צו קליין.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דעם מיכאַלעוויטש־יום־טוב. דאָ איז פּלוצעם דער צענטראַל־קאָמיטעט געוואויר געוואָרן, אַז דער בעל־היובל האָט געמאַכט אַ ויברח און ער באַהאַלט זיך אויס פאַר די קומענדיקע פּאַראַדן.

אויב ביינוש מיכאַלעוויטש איז שטענדיק געווען אַזאַ שלעכטער קאָנ־ספּיראַטאָר און האָט זיך נישט באַוויזן אויסצובאַהאַלטן פאַרן רוסישן צאַר, פאַרשטייט זיך, אַז די „קאָנספּיראַציע" קעגן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פּוילן איז אים ווייניקער געראָטן. באַלד איז אַרויסגעקומען דער בראָדער סוד, אַז מיכאַלעוויטש באַהאַלט זיך אויס אין לאָדזש.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַרויסגעשיקט צוויי שליחים — איינער פון זיי איז געווען ישראל ליכטנשטיין — אַז מען זאָל ביינושן מיט גוטן צי מיט בייזן צוריקברענגען „פּאַ עטאַפּו" קיין וואַרשע. מיט גוטן הייסט: ביינוש וועט וועלן קומען קיין וואַרשע און נישט אָנטאָן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" קיין פאַרדרוס. מיט בייזן הייסט: אַזוי ווי דער יום־טוב איז צושטאַנד געקומען דורך אַ באַשלוס פון צע־קאַ — וועט מען מיכאַלעוויטשעס „אויסבאַהאַלטן זיך" באַטראַכטן ווי אַ דיסציפּלין־ברוך.

אַז ער, ביינוש מיכאַלעוויטש, זאָל באַגיין אַ דיסציפּלין־ברוך קעגן צע־קאַ פון „בונד" און נישט פאָלגן וואָס מען הייסט — דאָס איז שוין אַריבערגעשטיגן אַלע השגות וואָס מיכאַלעוויטש האָט געהאַט וועגן זיך אַליין.

ווען די בונדישע שליחים האָבן אַרויפגעברענגט מיכאַלעוויטשן אויף דער בינע — איז שוין אָט דער גראַנדיעזער זאַל פול געווען ביזן אויג מיט יידישע מאַסן. נישט קיין שפּילקע אַריינצוואַרפן. עס האָט געראַיעט ווי אין אַ געוואַלטיקן בינשטאָק. דער זאַל האָט זיך געבאָדן אין אַ וואַלד

פון רויטע פענער. דאָס רויט פון די בונדישע פענער און די ריזיקע מאַסן אויף די באַלקאָנען און אין זאַל האָט אין זיך געהאַט אַזוי פיל אימפּאָזאַנטעס און פייערלעכעס — ממש נישט צום פאַרגעסן. ווען ביינוש מיכאַלעוויטש האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע איז דער גרויסער זאַל פאַרהילכט געוואָרן פון אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן. דערנאָך האָט די גאַנצע מענטשן־מענגע געזונגען די בונדישע „שבועה". מיכאַלעוויטש איז געשטאַנען צווישן אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט אַ שעמעוודיקער און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. ס'האָבן גערעדט די פירער פון „בונד" אין פוילן. סיי דאָס אָרט אינמיטן צווישן טויזנטער באַגייסטערטע יידישע אַרבעטער, און סיי די טעמע — מיכאַלעוויטש — האָבן ביי די רעדנער אויפגעשלאָסן די הערצער און אויפגעבונדן די צינגער. עס איז געווען דער בעסטער אופן אויסצודריקן ליבשאַפט און טריישאַפט צו די יידישע מאַסן, צום „בונד" און צו דער פּערזאָן פון ביינוש מיכאַלעוויטש. די שטימונג איז געוואָרן געהויבענער און פייערלעכער פון מינוט צו מינוט.

נאָך אַלע רעדעס האָט מיכאַלעוויטש גענומען דאָס וואָרט.

דאָ האָט ביינוש מיכאַלעוויטש אָפּגעטאָן דעם צענטראַל־קאָמיטעט אַ שפּיצל און אָנגעהויבן זיין רעדע מיט דער פאָלגנדיקער מעשה. אינמיטן אַ מאַסע פון טויזנטער מיטגעריסענע צוהערערס האָט מיכאַלעוויטשעס לייבן־שטימע אָפּגעקלונגען באַזונדערס איינדרוקספול.

— אַן אָרעם מלמדל ערגעץ אין אַ שטעטל — האָט מיכאַלעוויטש אָנגעהויבן זיין רעדע — איז געפאָרן מיט דער באַן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין זוכן אַ קנעלונג. ער האָט קוים צוזאַמענגעשלעפּט הוצאות אויף אַ באַן־בילעט און איז נעבעך מיט עניוות און נידערגעשלאָגנקייט געזעסן אויף אַ שפּיץ באַנק אין וואַגאָן דריטע קלאַס. אין דעם זעלביקן צוג און אין אַ באַזונדערן קופּע ערשטע קלאַס איז אין דער זעלביקער שטאָט געפאָרן אַ גרויסער גענעראַל אויף אַ „סמאָטר". דאָס מלמדל האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן עס פאָרט מיט אים אין איין און דעם זעלביקן צוג. ווי דער צוג איז נאָר געהאַט אַריינגעפאָרן אויף די וואָקזאַל־שינעס פון דער גרויסער שטאָט האָט דאָס קליינשטעטלדיקע מלמדל פּלוצעם דערהערט ווי אינדרויסן פאַרן אָנקומענדיקן צוג שפּילט שאַרף־אויף אַ גרויסע קאַ־

פעליע. עס פייפן פּליטן. עס שאַלן טרומייטן. עס קלאַפּן פּויקן און טאַצן.

דאָס מלמדל שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון פענצטער און זעט ווי אינדרויסן אויפן פּראַן שטייט אַ גרויסע מיליטערישע קאַפּעליע און שפּילט און שאַלט אויף אַלע קעסל־כלים.

— באמת — האָט דאָס מלמדל צו זיך געזאָגט און געסמאַטשקעט מיט די ליפּן — אַז אין דער גרויסער שטאָט זאָל מען מיך מקבל־פּנים זיין מיט אַזוי פיל פּאַראַדן — אויף דעם האָב איך מיך נישט גערעכט.

— איך אָבער — האָט מיכאַלעוויטש געזאָגט — בין נישט אַזוי נאַאיוו ווי דאָס קליינשטעטלדיקע מלמדל און מיין נישט, אַז צוליב מיר האָבן זיך טויזנטער יידישע אַרבעטער צונויפגעזאַמלט אין יום־טובדיקער דער־הויבנקייט. וואָס איז איין ביינוש מיכאַלעוויטש? עס איז דער גרויסער גענעראַל, דער „בונד״, וועמען יידישע מאַסן דריקן דאָ אויס זייער טריי־שאַפט, זייער התלהבות און זייער באַגייסטערונג.

דאָ האָט מיכאַלעוויטש לאַנג גערעדט וועגן „בונד״.

דאַן האָט ער זיך געוואַנדן צו די באַלקאָנען וואו די בונדישע יוגנט, דער „יוגנט־בונד צוקונפט״, איז געזעסן אין אַ וואַלד פון רויטע שטורעם־פענער, און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— ווען מיר, די אַלטע בונדיסטן, וועלן מיד ווערן און אונזערע הענט וועלן שוואַך זיין צו טראָגן די פענער פון יידישן סאָציאַליזם — נעמט איר זיי פון אונז איבער, די פענער פון יידישן קאַמף און יידישער רעוואָלוציע. טראָגט זיי ווייטער פון דור צו דור — ביז די יידישע מאַסן וועלן צוקומען צו די שפּיצן פון דער יידישער געשיכטע אין דער וועלט.

דער גאַנצער אָנגעפּולטער אַמפּיטעאַטער האָט געענטפערט מיכאַלע־וויטשן. דער גראַנדיעזער רוים מיט מענטשן האָט זיך פאַנאַנדערגעשאַלט אין אַ געזאַנג.

מען האָט געזונגען די „שבועה״ — דאָס ליד פון טריישאַפט צום „בונד״ ביזן טויט.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

עמנואל נאָוואָגרודסקי.

אין לעצטן צימער פון דער רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג" איז געווען דער סעקרעטאַריאַט פון „בונד". ביי איין טיש זענען דאָרט געזעסן און געאַרבעט דער פאָרזיצער פונם צענטראַל־קאָמיטעט נח פּאָרטנאָי און דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי עמנואל נאָוואָגרודזקי.

זיי זענען אויך געווען די פאָרשטייער פון צוויי בונדישע דורות. דאָס עלטערע און דאָס יינגערע דור פון „בונד".

איך וועל אָנהייבן מיין שילדערונג מיט עמנואל נאָוואָגרודזקי.

עמנואל נאָוואָגרודזקי האָט באַלאַנגט צו די נאָך־צאַרישע בונדיסטן. מען האָט שוין מער נישט באַדאַרפט זיין פאַרקאָנספּירירט און נישט טראָגן קיין פּסעוודאָנים כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר בייזע בליקן. עמנואל האָט געלעבט און געווירקט אין אַ לעגאַלן „בונד" — פונדעסטוועגן האָט ער אויך געהאַט אַ פּאַרטייאישן פּסעוודאָנים. עס האָט זיך גערופן און געשריבן „ראובן". די געשיכטע ווייסט אָבער נישט פון קיין קונצן. זי האָט נישט האָלד קיין אומנויטיקע זאַכן. האָבן טאַקע נאָר זעלטענע יחידי־סגולה גע־וואוסט פון עמנואל נאָוואָגרודזקיס פּאַרטיי־פּסעוודאָנים. די יידישע מאַסן און אַלע בונדיסטן אין פּוילן האָבן נאָר געוואוסט פון „חבר עמנואל".

ווי אַ סך בונדישע פירער פון דעם נייעם דור איז שוין עמנואל נאָוואָ־גרודזקי נישט געהאַט געקומען פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער שטוב. ער איז נישט דערצויגן געוואָרן אויף די שויסן פון דער גמרא. פאַרקערט: חבר עמנואל קומט גאָר פון אַ סאָציאַליסטישער היים. כמעט, קאָן מען זאָגן, ער קומט פון אַ טראַדיציאָנעלער סאָציאַליסטישער היים. די דאָזיקע

היים האָב איך גראַד פּערזענלעך גוט געקענט — מחמת ה. ל. זשיטניצקי איז דאָרט געווען אַן אײדעם. זשיטניצקי האָט אַמאָל דאָרט געוואוינט און איך פלעג צו אים אַרויפקומען. אונטער דעם דאַך פון דער דאָזיקער שטוב זענען געבוירן געוואָרן אַ סך אַרבעטער־פירער. סײ בונדישע און סײ קאָ־מוניסטישע. דעריבער איז נישט קיין חידוש, וואָס תמיד פלעגט עמעצער פון דאָרט זיצן אין תפיסה. לעבן די געווײנטלעכע מיטאָגן פלעגט זיך אויך דאָרט תמיד קאָכן אַ טעפּל וועלכעס מען האָט געדאַרפט אַוועקשיקן אַהין הינטער די אײַזערנע גראַטעס.

עס איז געווען אַ יידיש־סאָציאַליסטישע שטוב מיט אַלע פּיטשעווקעס. אי מאָדערן־רעוואָלוציאָנער ביז גאָר און אי יידישלעך ביז גאָר. די פעטערס פון דער דאָזיקער שטוב — און איך וויל דערמאָנען אײנעם אַ באַרימטן רעוואָלוציאָנער ליפּע נאָוואָגרודזקי — זענען טאַקע געווען סאָציאַליסטישע פעטערס — אָבער פאַרט פעטערס יידישלעכע ווי די אַמאָליקע תלמיד־חכמשע פעטערס פון שײנע יידישע משפחות. בײ די נאָוואָגרודזקיס אין שטוב האָבן זיך נאָר געביטן די דעות. דער מהות און דער תוך איז פאַרבליבן דער אײגענער ווי אין די אַמאָליקע יידישלעכע היימען. עס איז געווען אַ סינטעטישער המשך פון דעם פאַרגאַנגענעם צו דעם קומענדיקן.

אויך עמנואלס מוטער איז געווען די אַמאָליקע חשובע און קלוגע עקרת־הבית. אַ יידישע גוטע מאַמע און אַ גוטע באַלעבאָסטע פונקט אויף דער האָר ווי איר מאַמע און אירע באָבעס. נישט מער וואָס אויך בײ איר האָבן זיך געביטן די דעות. אָנשטאָט אין ישיבות האָט זי אירע קינדער אַוועקגעשיקט אין די סאָציאַליסטישע פאַרטײען. אויך זי האָט געהאַט פון זײ דעם אַלטן יידישן קינדער־נחת — נאָר אויף אַ מאָדערנעם שטײגער.

ווי אַ געטרײַע יידישע מאַמע און ווי אַ געטרײַע יידישע סאָציאַליסטקע האָט זי זיך נישט געמישט צווישן די קאַמפן פון „בונד" און קאָמוניזם אין איר שטוב. זי האָט געוואָלט בלײַבן די סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטײאישע מאַמע און אַלע אירע קינדער האַלטן אונטער איר מוטערלעך פאַרטעך.

אין דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער שטוב איז דער אײדעם ה. ל. זשיטניצקי געווען עפּעס ווי אַ פרעמד געוויקס. ער האָט זיך דאָרט אַרום־געדרײט ווי אַ הון צווישן צעסיקעטע גענז. ער איז נישט געווען קײן געזעלשאַפטלעכער „אײנרײַסער" נײַערט באַלאַבעסלדיק־אומפּאַרטײאיש

און מיט היפשע בירגערלעך־ציוניסטישע סימפּאַטיעס. צווישן די נאָוואָ־גרודזקיס האָט ער טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ ייד אַ בטלן וואָס איז געקומען פון די רויטע יידעלעך און רעדט נייערט לשון־קודש און תרגום־לשון. אַ נס וואָס זשיטניצקיס ווייב, עדזשע, איז געווען אַ פייערדיקע קאָמוניסטקע. דאָס האָט אים אַ קאָפּעטשקע געראַטעוועט די מערכה.

פון אַזאַ היים און סביבה איז עמנואל נאָוואָגרודזקי אַריינגעקומען אין „בונד". ער האָט זיך דאָרט באַלד אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון דער פירונג. ווען איך האָב אים דערקענט איז ער געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

סיידן ווער עס איז געווען אין פּוילן און האָט געזען די ראָלע און די השפעות פון „בונד" — נאָר דער האָט געקאָנט וויסן וואָס עס הייסט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

וואָס שייך זיין אָרגאַניזאַציע איז דער „בונד" ממש געווען אַ יידיש־סאָציאַליסטישע מלוכה אויף דער פּוילישער ערד: אַ גרויסע אָרגאַניזירטע מאַשין וואָס האָט געאַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן פון יידישן לעבן, סיי סאָציאַלע, סיי פּאָליטישע און סיי קולטורעלע. אין דער דאָזיקער מאַשין האָט געמוזט קלאַפּן יעדעס רעדעלע און יעדעס שרייפעלע.

עמנואל נאָוואָגרודזקי האָט דיריגירט מיט דער גאַנצער פאַרצווייגטער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַלע פעדים פון דער פּאַרטיי. ער האָט געוואוסט דעם מינדסטן דעטאַיל פון בונדישער טעטיקייט אין דער קלענסטער אָרגאַניזאַציע אינם פאַרוואָרפנסטן שטעטל אין פּוילן. און נישט בלויז וואָס ער האָט עס געוואוסט. ער האָט דאָרט געזאָגט די דעה וואָס שייך דעם מינדסטן פּרט. די בונדישע השפעות און די בונדישע פּאָליטיק האָבן געמוזט זיין קאָאָרדינירט און ציל־באַוואוסט. דער צענטראַל־קאָמיטעט אויף נאָוואָליפּיע איז טאַקע געווען דער בונדישער אָלימפּ, אָבער דאָרט זענען די בונדישע מעשים אָנגעצייכנט געוואָרן בלויז אין אַלגעמיינע און אין אַבסטראַקטע שטריכן. דער חבר עמנואל, אין זיינע פונקציעס, איז געוואָרן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די בונדישע טאַטן בפועל, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בונדישער האַמעטנער אַלטעג־לעכקייט.

פון אַלע עקן פּוילן זענען געקומען בונדישע שליחים קיין וואַרשע כדי

זיך צו באַראַטן מיטן חבר עמנואל וועגן זייערע היימישע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים און צו נעמען פון אים אינסטרוקציעס. די שליחים, וואָס אין דער היים אין זייערע אָרגאַניזאַציעס זענען זיי געווען די אויבערשטע פון שטייסל, האָבן דאָ, אויף נאָוואָליפּיע זיבן, געמוזט וואַרטן אין דער ריי אָנגעּ נומען צו ווערן פון חבר עמנואל. פאַרשטייט זיך, אַז ביי דער ברענענדיקער און פאַרשידנאַרטיקער אַרבעט האָט דער חבר עמנואל נישט געהאַט קיין צייט מיט יעדן שליח באַזונדער צו פירן לאַנגע געשפּרעכן. די געשפּרעכן האָבן געמוזט זיין קורצע און עיקרדיקע און נאָר באַרירן דעם תוך פון דער פראַגע. די פּראָווינצער בונדיסטן האָבן באַוואונדערט ווי דער חבר עמנואל איז באַהאַוונט אין יעדן פּיצעלע פון זייער אָרגאַניזאַציע. פונּ דעסטוועגן — ווען זיי זענען אַהיימגעקומען האָבן זיי דערציילט, אַז דער חבר עמנואל איז אַ שטרענגער. ער האָט נייערט ליב צו באַפעלן און לאָזט מיט זיך נישט מאַכן קיין לאַנגע מחזקות. ער ווייסט אַלצדינג און וויל אַז אַלצדינג זאָל געטאָן ווערן גוט און שאַרף און אין קאָאָרדינאַציע מיט דער בונדישער ליניע אין לאַנד און אין דער יידישער געזעלשאַפט.

קיין סך צו טענהן מיטן חבר עמנואל איז נישט געווען מעגלעך. דרינגען אין די שטובן פון דער רעדאַקציע וואַרטן שוין שליחים פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך. זיי באַדאַרפן אויך אויפגענומען צו ווערן פון גענעראַל־סעקרעטאַר און זיך מיט אים צו באַראַטן און צו באַקומען פון אים אינסטרוקציעס.

וואַרשעווער בונדיסטן האָבן גיכער געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַמאָל דעם חבר עמנואל ווי אַזוי ער קוקט אויס — אַזוי צו זאָגן — „אין די פּאַנטאָפל״. זיי האָבן געהאַט די געלעגנהייט מיט אים צו פאַרקערן אויך דעמאָלט, ווען ער איז נישט געזעסן אויפן בענקל פון גענעראַל־סעקרעטאַר און געקירעוועט מיטן „בונד״ אין פּוילן.

איך האָב אויך געהערט צו די פּריוואַטע פריינט פון חבר עמנואל און האָב מיט אים אָפט פאַרברענגט. עס איז דעמאָלט פאַר מיר געזעסן אַ מענטש, וואָס אינטערעסירט זיך מיט ליטעראַטור און פילאָזאָפיע און האָט גראָד דאָס ברייטסטע פאַרשטענדעניש פאַר אַלע מחשבות וועגן מענטשן און וועגן וועלט. אין יענע פּריוואַטע שמועסן האָט דער חבר עמנואל אַרויס־

געוויזן דעם גרעסטן ליבעראַליזם פאַר די אַלערליי פאָרמען און פאַרשידנ־קייטן פון דער מענטשלעכער מחשבה. ער האָט געוואוסט אַלצדינג ווי גע־העריק אָפּצושאַצן און האָט געהאַט איינזעעניש אַפּילו פאַר געדאַנקען מיט וועלכע ער האָט נישט מסכים געווען — געדאַנקען וואָס זענען געווען פרעמד זיין וועלט־אַנשויאונג, ווי רעליגיעזע און מיסטישע מחשבות און באַטראַכטענישן.

אָבער דער חבר עמנואל האָט געוואוסט — איך זאָג דאָס צו זיין גרעסטן לויב — אַז די ברייטסטע האָריזאָנטן פון דער מחשבה מוזן זיך דורכאויס פאַרשמעלערן ווען עס קומט צו היסטאָרישער טאָט: דאָס הייסט, צו היסטאָרישער ציל־באַוואוסטקייט. די ברייטע האָריזאָנטן קאָנען דעמאָלט פאַרפירן קיין בויבעריק. ווען מען וויל גיין אויף אַלע וועגן פאַרלירט מען דעם וועג און מען בלאָנדזשעט אַרום איבער דעם גרויסן אָקעאַן פון דער געשיכטע ווי אַ פאַנטאַסטישער עובר־בטל. דער כלל „צייכענען הייסט אַרויסלאָזן" איז נישט בלויז אַ כלל אין דער קונסט. ער גילט אויך ווי אַ כלל אין אונזער לעבן אויף דער וועלט. וועגן זענען פאַראַן אַ סך. דער עיקר איז אָבער, אַז מען דאַרף קומען ווייטער אין דער געשיכטע. מען מוז זיך דעצידירן. מען מוז פון אַלע וועגן אויסקלייבן איין וועג און אויף אים גיין. מען קאָן נישט תמיד בלייבן אויפן גאָלדענעם שייד־וועג און זיך איינרעדן, אַז דערמיט איז מען דער קלוגער שטערן־קוקער. מען בלייבט אַזוי אַרום שטיין אויפן אָרט און אַרום און אַרום גייען דערוויל אונטער אַלע זונען. אַלצדינג פליסט. אַלצדינג גייט ווייטער אין די פּראָוועניש פון דער צייט. דער מענטש מוז אויך נעמען זיין חלק אין דער גרויסער טאָט פון דער וועלט — און די טאָט פון דעם מענטש איז דורכאויס די טאָט פון איבעראַנדערשונג. די טאָט פון פאָרמירן און געשטאַלטיקן. די טאָט פונם מענטש איז די טאָט פון אַ גאָטהייט. און די גאָטהייט האָט באַשאַפן די וועלט אויך נאָר דערמיט וואָס זי האָט זיך מצמצם געווען אויף די פליינען פון אומענדלעכן.

ווייל עמנואל נאָוואָגרודזקי האָט געוואוסט ווי ברייט און רחבותדיק און ווי גרענעצלאָז עס זענען די טיפקייטן פון דער מחשבה — ווייל ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער דאָזיקער וואונדערלעך־רייכער וועלט

פון מענטשלעכע טראַכטענישן — דעריבער טאַקע האָט ער ריכטיק פאַר־שטאַנען וואָס מען דאַרף טאָן. ווען עס קומט צו קאָנסעקווענטער היסטאָרי־שער ציל־באַוואוסטקייט — ווי עס איז געווען דער וועג פון „בונד" אין דער יידישער געשיכטע — דעמאָלט מוז מען צומאַכן די אויגן פאַר אַלע ברייטע האָריזאָנטן. עקשנותדיק און גראָדליניק מוז מען לענקען די טריט אויף דעם וועג וואוהין מען איז באַרופן צו גיין.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

נח.

אין די צאַרישע צייטן איז דער נאָמען „נח" פאַר די אַמאָליקע בונ־דיסטן געווען איינגעהילט אין פיל לעגענדעס און געהיימנישפולקייטן. פאַר אַ טייל איז גאָר אויסגעקומען, אַז אַזאַ געהיימנישפולע פיגור עקזיסטירט באמת נישט ווי אַ רעאַליטעט. זי איז נישט מער ווי די אימאַגינאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַנטאַזיע פון די בונדישע מאַסן. עס טרעפט זיך אָפט ווען די מאַסן באַשאַפן אַליין פיגורן אין וועלכע זיי דריקן אויס אַלע ציטערן פון זייער געמיט און אַלע אוממעגלעכקייטן וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע וואָלט געוואָלט אַז זיי זאָלן זיין מעגלעך און רעאַל.

צו אַזאַ אימאַגינאַציע פון דער בונדישער פאַנטאַזיע האָט געהערט דער נאָמען „נח".

מען האָט גערעדט פון אים אין געפליסטער ווי מען וואָלט מורא געהאַט צו אַנטפּלעקן זיין שאָטן אין דעם גרויסן סוד פון בונדישער רעוואָ־לוציאָנערער טעטיקייט. מען האָט דערציילט, אַז דער צאַר ניקאָלאַי קאָן נישט רואיק שלאָפן אויף זיין גאָלדן בעט כל־זמן נח לעבט אויף דער פריי און פירט אָן מיט דער רעוואָלוציע. די גאַנצע רוסישע געהיים־פּאָליציי איז אויף די פיס כדי אים צו כאַפּן. די פיפיקסטע אַגענטן פאַרשטעלן זיך פאַר אַלטע ווייבער און וואולקילאַקעס כדי אויסצושמעקן וואו עס געפינט זיך נח. פּראָוואָקאַטאָרן ווערן אָפּגעוואויגן מיט גאָלד כדי אים אַרויסצוגעבן פון זיינע באַהעלטענישן. אַלצדינג איז אומזיסט. נח איז נישט בלויז איינער פון די בונדישע אַנאָנימען. ער איז אַליין דער אַנאָנימער „בונד", וואָס האָט זיך פּערזאָניפיצירט אין אַ געשטאַלט. עס איז נישט מעגלעך צו ליק־

ווידירן נחן פונקט ווי עס איז נישט מעגלעך צו ליקווידירן דעם „בונד״. נח איז דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־קלאַס וואָס איז העראָאיש אויפגעשטאַנען פון אַלע שפלותן און גייט פאַרטיליקן די טיראַניע פון דער וועלט.

אַזוי האָט די פאַנטאַזיע פון די בונדיסטן באַשאַפן דאָס געשטאַלט „נח״ און עס אַרומגענומען מיט אַלע מיסטעריעס פון דער יידישער רעוואָלוציע. ער איז אומעטום און אין ערגעץ נישט. אַ מין בונדישער אליהו־הנביא וואָס אָט איז ער אין די וואָלקנס און אָט קומט ער אַריין דורך אַלע שפּעלטעלעך. און אָט מיינט מען, אַז נח איז גאָר פאַרשיקט אין סיביר. ערגעץ אין פאַרקאָנספּירירטע שטובן זיצן בונדישע קאָמיטעטן אין גרויסן בסוד. אויף אַלע גאַסן שטייען אויסגעשטעלט פיקעטן כדי באַצייטנס צו מעלדן טאָמער קומען פּאָליצייאישע אַגענטן. די בונדישע טוער זיצן מיט שטעקענעס אין די הענט ווי די יוצאי־מצרים גרייט צו פאַרשווינדן דורך פענצטער און זייטיקע טירן ווען די פיקעטן אויף דער גאַס וועלן דורך געהיימנישפולע אָפּגערעדטע צייכנס צו וויסן געבן, אַז „מען גייט״. מען זיצט און מען באַטראַכט ווייטערע פּלענער און טאַקטיקן ווי אַזוי צו זאַמלען און אָרגאַניזירן די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין נח. ווי אַזוי ווייסן אַלע אַז עס איז נח ווען סך־הכל האָט אים נאָך קיינער נישט געזען אויף די אויגן און מען דערציילט וועגן אים בלויז לעגענדעס? נאָר ווי שייך פאַר בונדיסטן נישט צו דערקענען דעם העראָאיש־פאַרקאָנספּירירטן „בונד״ און דאָס בונדישע מענטשן־וואונדער? אַלע ווייסן אינסטינקטיוו, אַז דאָס איז נח. מען הערט זיך צו אים צו און ער גיט אינסטרוקציעס און באַפעלן. און איידער מען קוקט זיך אַרום איז ער ווידער נישטאָ.

דער אליהו־הנביא פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אין ערגעץ איז ער נישטאָ און איז פאַרט דאָ אומעטום און פירט דאָס רעדל.

מען האָט דערציילט, אַז צווישן זיין משפחה אין ווילנע האָט עס געהייסן, אַז נח איז שוין געשטאָרבן פון כמה וכמה יאָרן. ער איז געשטאָרבן ערגעץ אין אַ תפיסה. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט מיט גרויס געשיקטקייט פאַרשפּרייט די דאָזיקע ידיעה. אַזוי אַרום האָט מען געוואָלט פירן

אין באַד אַריין דעם צאַר מיט זיין פּאָליציי־מאַשין און זיי מאַכן גלויבן, אַז דער געפערלעכער אַנאָנים פון זשידאָווסקן „בונד" האָט שוין פאַרלאָזן די ערד און מען דאַרף זיך נאָך אים מער נישט אַרומיאָגן. נחס טאַטן אין ווילנע האָט מען צוגעשטעלט אַן אָפיציעלן טויט־צעטל, אַז דער געהיי־מנישפולער זון איז געשטאָרבן. מען האָט געוואוסט: די דערשראָקענע „אָכראַנע" וועט באַלד געוואויר ווערן פון דער גרויסער בשורה און זי וועט לייכטער אויפאָטעמען און לאָזן דערוויַל נחן צורו. ווי אַ פרומער ייד האָט זיך דער טאַטע טאַקע באַלד געזעצט שבעה נאָך נחן און אַ גאַנץ יאָר געזאָגט נאָך אים קדיש. מער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" נישט געוואָלט. ביי דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע איבער גאַנץ רוסלאַנד איז געווען שמחת־תורה. אַ קלייניקייט! — פּטור געוואָרן פון נחן!

מאַכט זיך אַ מעשה —

נחס אַ ייִנגערע שוועסטער גייט אַמאָל איבער אַ ווילנער גאַס. ס'איז געווען ווינטער. עס קומט איר אַנטקעגן צו גיין אַ הויכער רוסישער באַרין, מיט אַ לאַנגער געלער באָרד, אין אַ טייערן פעלץ און מיט אַ הויך פוטערן היטל אויפן קאָפּ. אַ שוועסטער־האַרץ קאָן נישט שווייגן. זי קוקט דעם באַרין אין די אויגן אַריין. עס קומט איר אויס, אַז עס איז נח, איר ברודער, וואָס מען איז שוין מיט יאָרן צוריק נאָך אים אָפּגעזעסן שבעה און דער טאַטע האָט געזאָגט קדיש און וואָס אַלע יאָר צינדט מען אָן אַ יאָר־צייט־ליכט פאַר זיין נשמה וועגן.

אויך נח האָט דערקענט זיין שוועסטער. אויך זיין האַרץ האָט נישט געערוט פון ברודערלעכער בענקשאַפט. ער וויל זיך פרעגן אויף זיין היים און אויף זיין טאַטע. נאָר מען טאָר נישט. דער „בונד" דערלויבט נישט. דער „בונד" הייסט זיין אַ געשטאָרבענער פאַר דער היים און פאַרן רוסישן צאַר. ער האָט שטרענג צוריקגעקוקט. ווי אַ רציחהדיקער גוי האָט ער געוואָרפן בליקן אויף דער זשידאָווקע וואָס האָט די העזה אויף אים צו קוקן. ער איז ווייטער אַוועק און זיך באַלד פאַרקירעוועט אין אַ זייטן־געסל כדי צו פאַרשווינדן פון דער שוועסטערס בליקן — טאָמער לאָזט דאָס האַרץ זי נישט רוען און זי גייט אים נאָך.

די שוועסטער האָט עס דערציילט אינדערהיים. אַלע האָבן זי אויס־געלאַכט. דער אַלטער טאַטע האָט געזיפצט. נעכט דערנאָך איז נח איר

געקומען צו חלום אין אַלערליי געשטאַלטן. זי האָט געוואוסט, אַז צו חלום קומען נאָר געשטאָרבענע און איז דעריבער נאָך זיכערער געווען אַז נח איז שוין טויט.

*****

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די לעגענדע „נח" אַרויס־געוויקלט פון די פאַנטאַסטישע נעפּלען. נח איז געוואָרן אַ רעאַלע גע־שטאַלט. אַלע האָבן נחן געקאָנט זען און ער איז געוואָרן אויס סוד. ער איז געזעסן אין דער לעצטער שטוב פון דער רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג" פונקט אַקעגנאיבער עמנואל נאָוואָגרודזקין און איז געווען דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". אַלע האָבן געוואוסט, אַז די שלאַנקע אַריסטאָקראַטישע געשטאַלט מיט די שליאַכעצקע גראָע וואָנצעס — דאָס איז דער באַרימטער נח. דער וואונדערלעכער אַנאָנים פון אַמאָליקן „בונד".

אַמאָל האָט ער געלעבט און געווירקט אין די שאָטנס. אָבער אַפילו איצט נאָך זיין התגלות ליגט נאָך אויף אים אַ סך פון דעם אַמאָליקן נח, דער שווייגנדיקער און אומבאַקאַנטער נסתר פונם „בונד". נח גייט אַ שטאָלצער, אין זיך אַ פאַרשלאָסענער, אַ טיף־שווייגנדיקער. עס שפּילט קוים אַ שטיל און קאַלט שמייכעלע אויף זיין פאַרשטיינערט פּנים. דער „בונד" איז איצט אין פּוילן לעגאַל. קיינער האָט זיך נישט וואָס צו היטן. אָבער מען זעט אין נחס שטרענגן שווייגן אַז ער טראָגט נאָך מיט זיך אַרום אַ סוד. דעם לעצטן סוד פון „בונד" וואָס ער האָט נאָך נישט אויסגעזאָגט און וויל אים נישט אויסזאָגן. דער סוד פון „בונד" וואָס דאַרף נאָך בלייבן באַהאַלטן און אַנאָנים ביי אַלע לעגאַליטעטן.

אַלצדינג איז געווען אָפן. נחן האָבן שוין איצטער אַלע געזען און געקענט. פאָרט איז ער געווען דער איינציקער בונדישער פירער — ווערליק דער היעראַרכיע איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פון „בונד" — וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט אויף קלאָר נחס פּאַקטישע ראָל אין אָט דער פאַר־צוויגטער יידישער מלוכה. ער איז ווייטער פאַרבליבן דער גרויסער שאָטן וואָס שטייט הינטער דער גאַנצער פּאַרטייאישער מאַשין און פירט מיט איר און באַפעלט אַלעמען כמקדם — פונקט ווי אַמאָל אין די צאַרישע צייטן.

אַלע געהיימנישפולע נעפּלען זענען צעשוואומען איבערן „בונד" און זיינע מעשים. וואָס שייך צו נחן איז ווייטער פאַרבליבן די ערפורכטיקייט פאַר דעם אומבאַקאַנטן, פאַר דעם מיסטעריעזן שתקן אין די גרויסע מעשים.

זעלטן־ווען האָט מען נחן געזען אַרויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט. מען האָט אים אַרויפגעברענגט אויף דער בינע פאַרן עולם סיידן ביי גרויסע פאַרטייאישע פייערלעכקייטן אָדער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין זאַכן פון ברומו של עולם. דעמאָלט האָט מען געזען אויף דער בינע די חשובסטע מיטגלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט בראש מיט דעם אַלטן פוילישן שליאַכטשיץ, דעם שלאַנקן שוויגנדיקן מאַן מיט די גראָע וואָנסעס. ס'איז נח! האָט עס געפּליסטערט צווישן די צושויער־מאַסן. די אַלטע בונדיסטן וואָס האָבן נאָך געטראָגן אין די ביינער דעם אַמאָליקן יראת־הכבוד פאַר אים און געדענקען זיין ראָל ווען אַלצדינג איז נאָך געטאָן געוואָרן אונטער דער ערד — זיי האָבן רוישיק און טיף־גערירט אַפּלאָדירט זעענדיק נחן אין דער התגלות. פאַר זיי איז עס געווען דער סימבאָל פון זיג פונם „בונד". זיי האָבן מיטגעריסן מיט זיך דאָס יינגערע בונדישע דור וואָס האָבן געוואוסט פון נחס ראָל בלויז פון הערן דערציילן.

ווי טיף די פאַרערונג פאַר נחן איז געלעגן אין די הערצער פון די אַלטע בונדיסטן וואָס האָבן נאָך מיט אים מיטגעאַרבעט אין די באַהעלטע־נישן און האָבן נאָך געהאַט געהערט די פליגלען פון אָט דעם גרויסן שאָטן הינטער די ווענט פון אַלע אינדרויסנס — זאָלן דינען די עטלעכע פאַקטן וואָס איך וועל ברענגען אין די פאָלגנדיקע שורות.

ווי איך האָב שוין דערציילט אין זעקסטן בוך פון דעם דאָזיקן ווערק בין איך געווען זייער נאָענט מיטן בונדישן פירער אין לאָדזש, ישראל ליכטנשטיין. איך פלעג אָפט צו אים אַרויפקומען און מיר האָבן אַ סך פאַר־ברענגט אין אַלערליי געשפּרעכן. אַמאָל האָבן מיר גערעדט וועגן נחן. ליכטנשטיינען איז אויסגעקומען, אַז איך האָב געזאָגט אַ וויץ וואָס האָט כלומרשט אָנגערירט נחס ווירדע.

ליכטנשטיינס פּנים איז געוואָרן רויט פון צאָרן. ער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ מוראדיקער פוריע. דאָס מויל האָט אים געשפּריצט מיט שוים און ער איז מיך באַפאַלן מיט זלזולים. איך האָב די זלזולים נישט

געהערט — מחמת איך בין געשטאַנען און באַוואונדערט דעם כח פון נחן אין דעם געמיט פון די אַלטע בונדיסטן.

פראַנץ קורסקי האָט באַלאַנגט צו דעם גאָר ערשטן דור בונדיסטן. ער איז זייער פרי אַוועק אין דער עמיגראַציע און האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן דעם בונדישן אַרכיוו, דאָס הייסט, דער געשריבענער בונדישער געשיכטע. ער האָט געוואָלט באַהאַלטן פאַר די קומענדיקע דורות דעם „בונד" שבכתב. איטלעכעס פאַפירל וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום „בונד" האָט ער אַרויסגעפונען פון אַלע שטויבן. נישט צו רעדן פון אַנדערע דאָקומענטן. דער עיקר האָט ער געזאַמלט די באַרימטע בונדישע פראָקלאַמאַציעס פון וועלכע עס האָט אַרויסגערעדט דער געהויבענער שטאָלץ פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער מאַסע.

פראַנץ קורסקי האָט עס געהאַלטן פאַר זיין לעבנס-חוב צו וואַכן ווי אַ געטרייער וועכטער איבער אָט דעם געשריבענעם „בונד".

עס איז נישט געווען אויף דער וועלט דער כוח וואָס זאָל אים אַוועקרייסן פון זיין וועכטער-טורעם איבער דער געשיכטע פון „בונד". ווען עס איז געוואָרן פינצטער און ער האָט ענדלעך געמוזט אַהיימגיין שלאָפן — האָט ער געהאַט די אומרואיקסטע נעכט. כסדר האָט זיך אים געחלומט, אַז גנבים, צי „בונד"-פיינטלעכע אַגענטן, האָבן אויפגעהאַקט די פאַרשלאָסענע טירן פון אַרכיוו און זיי שטעלן דאָרט דעם „בונד" בדלות. יעדע נאַכט אין זיין לעבן האָט ער אויסגעקוקט דעם קומענדיקן מאָרגן ווען ער וועט ווידער קאָנען צוריקגיין אין אַרכיוו און וואַכן און זיין זיכער קעגן שלעכטע הענט.

קורסקי איז געווען אַ קראַנקער מענטש און פאָרט באַדאַרפט אין הייסן זומער אַוועקפאָרן אויף אַ צוויי וואָכן וואַקאַציע און זיך אָפּרוען. עס רעדט זיך נאָר אַזוי! אַוועקפאָרן אויף צוויי וואָכן און איבערלאָזן דעם אַרכיוו אויף הפקר! ווען די נעכט געדויערן אים צו לאַנג — ווי-זשע קאָן גאָר עמעצן איינפאַלן די מעגלעכקייט, אַז פראַנץ קורסקי זאָל פאַרלאָזן דעם אַרכיוו אויף צוויי לאַנגע וואָכן?

— שליסט צו דעם אַרכיוו, חבר פראַנץ, — האָט מען מיט אים געטענהט.

— עס רעדט זיך לייכט, צושליסן—האָט פראַנץ קורסקי געענטפערט

אַן אויפגערעגטער — און וואָס וועט זיין אויב עמעצער וואָס וועט פון דאָרט וועלן אַרויסבאַקומען אַ פּאַפּירל וועט אויפהאַקן די שלעסער ?

פראַנץ קורסקי איז געוואָרן עלטער און קראַנקער. גוטע פריינט און חברים האָבן זיך באַמיט ביי אים צו פועלן אפשר וועט ער פאָרט נעמען אַ קורצן אורלויב נאָך אַזוי פיל לאַנגע יאָרן מיזאַמער אַרבעט ?

פראַנץ קורסקי האָט זיי אָנגעקוקט ווי פאַלנע משוגעים. סטייטש ? ווי איז עס מעגלעך ?

ווען העגריק ערליך פלעגט אַמאָל קומען קיין בערלין וואו עס האָט זיך געפונען דער בונדישער אַרכיוו, האָט ער אויך איינגעטענהט מיט פראַנץ קורסקין, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט צווישן שמות און שטויב זאָל ער כאָטשבי אַוועקפאָרן אויף צוויי וואָכן אָפּרו.

רעד צו דער וואַנט ! מען קאָן נישט איבערלאָזן דעם אַרכיוו אויף הפקר.

דאָ האָט מען אָנגענומען דאָס לעצטע מיטל.

נח האָט פון וואַרשע געשריבן אַ קליין קורץ בריוועלע צו פראַנץ קורסקין קיין בערלין. אין בריוועלע איז מער נישט געשטאַנען ווי עטלעכע לאַקאָנישע ווערטער : „ח׳ פראַנץ, פאָרט אַוועק אויף צוויי וואָכן אורלויב. נח.״

דאָס בריוועלע איז אָנגעקומען צו פראַנץ קורסקין צען אַ זייגער אינ־דערפרי. דער צוג אויף אַוועקצופאָרן איז ערשט אָפּגעגאַנגען אַ זייגער צוועלף. ס׳זענען אים איבערגעבליבן צום צוג נישט מער ווי צוויי שעה. קודם־כל האָט ער פאַרשלאָסן דעם אַרכיוו אויף אַזוי פיל שלעסער ווי ער האָט נאָר געקאָנט. קיין סך חפצים מיטצונעמען אויף דער נסיעה האָט ער נישט געהאַט. ער האָט פאַרברענגט די צוויי שעה אין ציטערניש און פלאָ־טערניש און אַלעמאָל געקוקט אויפן זייגער. ער האָט מורא געהאַט טאָמער — מען איז דאָך נישט מער ווי אַ בשר־ודם — געשיט מיט אים עפּעס, און ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט נישט האָבנדיק אויסגעפירט נחס אַ באַפעל.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן אויפן פּשעיאַזד.
דער ערשטער מאַי. דאָס „אַרבעטער־ווינקל".

דער „פּשעיאַזד" אין וואַרשע איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ און האָט זיך געפונען אינמיטן פון דער יידישער געדיכטעניש. ער האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון אַ מאַרק אין אַ פּראָווינצער פּוילישער שטאָט. אַרום דעם דאָזיקן פּלאַץ האָבן זיך אַזוי ווי געגרענעצט פאַרשידענע וועלטן, וועלטן וואָס זענען אַקעגנאַנאַנדער געשטאַנען אין קאַמף און אין שאַרפסטן ווי־דערשפּרוך.

עס איז דאָ געווען די גרויסע תפיסה וואָס איז נאָך באַקאַנט געווען אין די צאַרישע צייטן מיט אירע גרויזאַמקייטן קעגן פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן. דאָרט האָט מען דעמאָלט אויך אויסגעפירט טויט־שטראָפן דורך תליות. אין די נייע פּוילישע צייטן האָט מען די פּאָליטישע אויך דאָרט נישט געבאַקן קיין לעקעכלעך. אויפן פּשעיאַזד איז אויך געשטאַנען אַ גרויסע מיליטערישע קאַזאַרמע מיט דעם באַרימטן (צאַרישן) וואָלינער פּולק וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט שלאָגן יידן און בונטאָווטשיקעס. ווען עס איז אויפגעקומען די פּוילישע מלוכה זענען אין יענער קאַזאַרמע געשטאַנען די „האַלערטשיקעס". זיי האָבן זיך אויך געלאָזט וואוילגיין אויף יידישע פּלייצעס און געריסן יידישע בערד.

פון דער צווייטער זייט פּשעיאַזד איז געווען טלאָמאַצקע דרייצן, דער געטער־באַרג פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישער פּרעסע. נישט ווייט פון פּשעיאַזד איז אויך געווען די רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג" און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד".

הכלל די תקופות פון דער געשיכטע האָבן זיך דאָ געוויזן די ציינער. פילאָזאָפן וואָלטן באַשיימפּערלעך געזען ווי די דיאַלעקטיק וואַלגערט זיך דאָ ממש אויף דער גאַס.

דעם טאָג פון ערשטן מאַי, ווען די בונדישע מחנות האָבן זיך פאַר־זאַמלט אויפן פּשעיאַזד נאָך דער מאַי־דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון דער יידישער אָרעמקייט, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די טויזנטער און טויזנטער יידישע אַרבעטער אונטער אַ ים פון רויטע פענער האָבן ענד־גילטיק פאַרנומען דעם פּשעיאַזד און דאָרט פייערלעך פּראָקלאַמירט די געדעכטע סאָציאַליסטישע וועלט. די גאַסן פון דער יידישער אָרעמקייט וואו דער בונדישער מאַי־צוג האָט דורכמאַרשירט האָבן זיך אויך געפילט האָפעדיק אין דעם דאָזיקן טאָג און ווי די הויפּט־מחותנים אויף אַ חתונה. אַ סך פון יענע אָרעמע יידן האָבן נאָך געדענקט די העראָאישע יאָרן פון 1905־1906. טייל פון זיי האָבן אַליין אָנטייל גענומען אין אָט דעם אַקטיוון גרויסן חלום וואָס איז געגאַנגען ווי אַ וואולקאַן אונטער די ערדן פון יידישן לעבן. איצטער זענען זיי געוואָרן עלטער און מידער. אָבער אין טאָג פון ערשטן מאַי בליען מיטאַמאָל אויף די אַמאָליקע שיינע יאָרן. אין די פענ־צטער, אויף די באַלקאָנען, און אויף די טראָטואַרן זענען געשטאַנען די האָרעפּאַשנע אָרעמע יידן און ווייבער. זיי האָבן געוואַרט.

פּלוצעם הערט מען פונדערווייטנס דאָס באַקאַנטע שאַליקע געזאַנג פון דער בונדישער „שבועה”. טויזנטער זינגען עס. עס ווייזן זיך די שפּיצן פון די צעפלאַטערטע רויטע פענער. עס קומט דער בונדישער מאַי־צוג צו דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט. יידן און ווייבער שמייכלען. טייל ווייבער הייבן אויף די פּיצלעך קינדער, כדי זיי צו ווייזן דעם „בונד” וואָס קומט אָן. טייל פאָכען מיט רויטע פענדלעך.

דער בונדישער צוג פון טויזנטער דערנעענטערט זיך מיט געזאַנג. גאָר אין דער שפּיץ פון דעם צוג גייט דער חבר בערנאַרד. ער איז דער ליבלינג פון דער יידישער אָרעמקייט. ער פירט אָן מיט דער בונדישער מיליץ און היט דעם צוג פון אָנפאַלן מצד אַנטיסעמיטישע באַנדעס. באַלד דערנאָך גייט דער צענטראַל־קאָמיטעט. אַמאָל איז ער געווען די וואונדער־לעכע לעגענדע פון רעוואָלוציאָנערן יידישן קאַמף. היינט מאַרשירט ער אָפן צווישן יידישע מאַסן. מען פּליסטערט און מען ווייזט מיט די פינגער.

מען קען זיי. אַט איז דער חבר ערליך, אַט איז דער חבר אַלטער און אַט איז דער חבר ביינוש מיכאַלעוויטש. און גאָר אין דער שפּיץ גייט אַ האַרטער און אַ שטאַלצער דער פּריץ מיט די גראָע וואָנצעס. אַלע ווייסן ווער עס איז. עס איז דער באַרימטער נח.

אויפן פּשעיאַזד האָבן זיך אָפּגעשטעלט די דעמאָנסטרירנדיקע מאַסן. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די רויטע פענער וואָס האָבן זיך צעפלאַטערטע געטראָגן איבער טויזנטער אַנטבלויזטע קעפּ. עס איז אַנטשוויגן געוואָרן דאָס געזאַנג.

איבער דעם ים פון קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן די פירער פון „בונד" און זיי האָבן גערעדט צו די טויזנטער און טויזנטער וועגן דעם קאַמף פאַר אַ גערעכטער וועלט.

די זעלנער אין דער קאַזאַרמע אויפן פּשעיאַזד האָבן אין דער דאָזיקער שעה אויסגעקוקט ווי באַזיגטע פון „בונד". די דלוגער תפיסה האָט אויך עפּעס אויסגעקוקט ווי נעבעכדיק און אָפּגעלעבט. אַט אַט — האָט זיך אויסגעדוכט — פאַלן איין אירע גראָע שטומע מויערן און עס רייסט זיך אויף דאָס אומעטיקע פאַרשלאָסענע טויער אירס.

נאָר איין שורה פענצטער טיילט זיך איצט אויס אויפן פּשעיאַזד. אַ שורה פענצטער אין אַן אַלט אָרעם הויז. פענצטער וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר געשוויגן און האָבן זיך גאָרנישט אָנגעזען אַרום דער מיליטערישער קאַזאַרמע און דער דלוגער תפיסה. אַט די פענצטער הייבן אָן צו רעדן אינם טאָג פון ערשטן מאַי — און איבערהויפּט אין דער שעה ווען די בונ־דישע דעמאָנסטראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּשעיאַזד. איצטער האָבן יענע אָרעמע פענצטער גאָר אויסגעקוקט ווי די מלוכה־פּאַלאַצן פון בונדישן פּשעיאַזד. פון זיי האָבן אַראָפּגעפלאַטערט רויטע פענער. זייערע שויבן זענען באַקלעפּט געווען מיט די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. עס איז געווען דער זיגרייכער פּאַלאַץ פון אַ חלום וואָס איז געוואָרן וואָר אויף עטלעכע שעה אינם טאָג פון ערשטן מאַי.

דאָס איז געווען דאָס „אַרבעטער־ווינקל".

דאָס בונדישע „אַרבעטער־ווינקל" אויפן פּשעיאַזד — די בונדישע מאַסן האָבן עס סתם גערופן „דאָס ווינקל" — איז געווען דער קעגנזאַץ צו נאַוואָליפּיע זיבן. אויף נאַוואָליפּיע זיבן איז געזעסן דער אויבנאַן

און די מזרח־וואַנט פון „בונד" — די „פאָלקס־צייטונג" און דער צענטראַל־קאָמיטעט. אין „ווינקל" אויפן פשעיאַזד איז געווען דער בונדישער „אונטנאָן" — די נאָמענלאָזע בונדישע אָרעמקייט. אויף נאַוואָליפּיע זענען געזעסן און געפירט די פירער. אויפן פשעיאַזד איז געווען דאָס אָרט פון דער מאַסע.

עס איז טאַקע דאָרט געווען אַן אייביקער געווימל פון מענטשן. פרעמדע און היימישע. צווישן די היימישע תושבים האָבן זיך געפונען ספּע־ציעלע טיפּן פון „ווינקל". ווי אין אַלע אונטערשטקייטן פון דער וועלט האָבן דאָרט אויך נישט געפעלט יענע שטילע צדיקים — די זעקס און דרייסיק אין וועמענס זכות עס שטייט די וועלט בכלל — די באַקאַנטע אומבאַקאַנטע למד־וואָוו.

מיט דעם אויפקום פון דער יידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט זענען אויך אויפגעקומען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דאָס איז געווען דער כוח און די פויסט מיט וועלכער די יידישע פאַך־אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַר זייערע אינטערעסן. די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן געהאַט זייערע אייגענע לאָקאַלן. דאָס רחבות פונם לאָקאַל האָט זיך געוואַנדן אין די פאַרדינסטן און אין דעם לעבנס־ניוואָ פון די פאַראיינס־מיטגלידער.

אָבער אומעטום, און אַפילו ביי די וואָס לעבן פון זייער אַרבעט און וויסן זיך צו שיצן, זענען פאַראַנען מענטשן וואָס קאָנען זיך עפּעס נישט אַרויפכאַפּן אויפן וואָגן און מוזן אומעטום לעבן אויף די ראַנדן. צי עס גייט זיי סתם אַלצדינג מיט דער פוטער אַראָפּ? צי זענען זיי נעבעך נישט קיין געהויבענע באַלמעלאָכעס? צי זענען זיי שלימיאַלס וואָס צו שאַפן זיך די שווערסטע און ערגסטע אַרבעט קומט זיי אָן מיט קריעת־ים־סוף? צי די נויט און דער הונגער וויל זיך מיט זיי נישט שיידן אַפילו אויף אַ רגע? ווער קאָן וויסן די שיקזאַלן פון מענטשן? די שיקזאַלן זענען געהיימנישפול און אומדערקענבאַר ווי די שטערן אויפן הימל.

אָט־אָ־די אַרבעטער האָבן געהאַט זייער וואַרעמע היים אינם „ווינקל" אויפן פשעיאַזד. דאָ זענען זיי געווען די מיוחסים. דאָ האָט מען פאַר זיי געזאָרגט וועגן אַרבעט און וועגן חיונה. אויפדערנאַכט זענען דאָרט

פאַרגעקומען פאַרטיי־גרופּעס. מען האָט געלערנט סאָציאַליזם און אַנדערע גייסטיקע ענינים.

דאָ האָט אויך דער חבר בערנאַרד געפירט די פאַרטיי־גרופּע פון דער בונדישער מיליץ. על פּי רוב זענען עס געווען האָראָפּאַשנע טרעגער. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי געשטאַנען מיט שטריק פאַרן „אייזערנעם טויער" און געוואַרט אויף אַ פאַרדינסט. גאָר פּראָסטע יידן וואָס האָבן ליב געהאַט דעם חבר בערנאַרד אַהבת־נפש און זענען גרייט געווען אַוועקצוגעבן זייער לעבן פאַרן „בונד" און פאַר יידן בכלל ווען מען גייט זיי טאָן אַ קריוודע. ווען עס זענען געקומען די ביטערע צייטן אויף יידן אין פּוילן און מצד די שונאי־ישראל און פאַשיסטן זענען געמאַכט געוואָרן בלוטיקע אָנפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע — דעמאָלט פלעגט דער חבר בער־נאַרד מיט זיינע טרעגערס זיך באַווייזן אויף דער גאַס (זייער גענעראַל־שטאַב איז געווען דער „ווינקל"). נישט איינמאָל האָבן זיך די כוליגאַנעס בלוטיק איבערגעצייגט אַז יידן זענען נישט הפקר.

די פענער פון „בונד" — איבערהויפּט די פאָן פונם צענטראַל־קאָמיטעט וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס נאָר ביי גרויסע פייערלעכקייטן — ווי אויך די רעשטלעך פון די אַמאָליקע בונדישע פענער וואָס מען האָט אויפגעהויבן ביי אומלעגאַלע דעמאָנסטראַציעס אין קאַמף מיטן צאַר — אָט די סימבאָלן פון „בונד" זענען נישט געלעגן אויף נאָ־וואַליפּיע זיבן נייערט אין „ווינקל" אויפן פּשעיאַזד. דאָ האָט, זעט זיך אויס, אויך נאָוואָליפּיע זיבן מודה געווען, אַז דער תוך פון אַלע בונדישע תוכות ליגט צווישן דער אָרעמקייט אויפן פּשעיאַזד.

אין דעם דאָזיקן אַרבעטער־ווינקל וואו דאָס קאָלעקטיווע מיטן אינ־דיווידועלן זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט, האָבן זיך אויסגעפאָרעמט פאַרשידענע טיפּן און פערזענלעכקייטן. מען וואָלט געקאָנט וועגן זיי שרייבן גאַנצע ביכער. איך וויל נאָר דערציילן פון איינעם פון די תושבים פון אַרבעטער־ווינקל און דאָס איז געווען קלמן קאַמאַשנמאַכער.

ווען די קעגנער פון „בונד" האָבן אין זייער פּרעסע געוואָלט נידעריק מאַכן דעם „בונד" אין די אויגן פון דער יידישער געזעלשאַפט און ווייזן זיין שפלות, האָט מען אים גערופן „די פאַרטיי פון קלמן קאַמאַשנמאַכער". די דאָזיקע האַנטשערקע מיט וועלכער מען האָט געוואָלט טרעפן דעם

„בונד" אין קאָפּ, האָט ער, דער „בונד", אויפגענומען מיט גרויס שטאָלץ. ער האָט עס באַטראַכט ווי מען וואָלט אים אָנגעטאָן די שענסטע קרוין ווען מען אידענטיפיצירט אים אַלס היסטאָרישע באַוועגונג מיט דער פּערזאָן פון קלמן קאַמאַשנמאַכער.

קלמן קאַמאַשנמאַכער איז געווען אַ ווינציק דאַר פאַרשווינדל מיט אַ היפּשן הויקער אויף די פּלייצעס. ער האָט געהאַט אַ שפּיציקן קאָפּ־שאַרבן פון אַ פילאָזאָף און אַ פּאָר גוטע ברענענדיקע אויגן. דערצו איז ער געווען שווינדזיכטיק. מן־הסתם איז ער אַמאָל געווען אַ שוסטער. אָבער אַ שוסטער וואָס האָט נישט געקאָנט עולה־לגדולה זיין אין דער מלאָכה און צומאָל נישט באַוויזן צו דערגרייכן צו אַ פּראָפעסיאָנעלן פּאַראייק. ער איז געבליבן אויף די ראַנדן פון דער שוסטעריי און האָט דעריבער געהערט צום „ווינקל".

ער איז בטבע פאַרבליבן מער פילאָזאָף ווי שוסטער. דערצו האָט אויך צוגעפּאַסט זיין גאַנצע פיזיאָנאָמיע — דער הויקער, דאָס ווינציקע שווינדזיכטיקע גופל, דער אינטעלעקטועלער שפּיציקער קאָפּ־שאַרבן און די גרויסע ברענענדיקע אויגן. זיי האָבן געברענט אי פון שווינדזוכט און אי פון גייסט. ער האָט זיך אַרויסגעזען אין „ווינקל" און איז געווען זייער אַ מאָראַלישער איינס אין דער פּאַרטיי. די בונדישע קעגנער האָבן באמת געטראָפן אין פּינטל ווען זיי האָבן דעם „בונד" אידענטיפיצירט מיט די קלמן קאַמאַשנמאַכערס. זיי האָבן עס געזאָגט בלשון רבים — קלמן קאַ־מאַשנמאַכערס. דאָס הייסט: זעט, פון וועמען עס באַשטייען די בונדישע מאַסן! מיט דעם האָט מען פאַר אַלעמען געוואָלט ווייזן די שפלותדיקע מדריגה פון „בונד".

איך האָב קלמן קאַמאַשנמאַכער בעסער געקענט פּערזענלעך ווי די אַנדערע קלמן קאַמאַשנמאַכערס פון „ווינקל" אויפן פּשעיאַזד, מחמת ער פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

איך וויל נאָך צוגעבן — און דאָס וועט נאָך בעסער כאַראַקטעריזירן דאָס גייסטיק־אַריסטאָקראַטישע פון אַט דעם תושב פון בונדישן „ווינקל": ביי זיין גאַנצער אָרעמקייט איז קלמן קאַמאַשנמאַכער תמיד געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פראַק. דער פראַק איז געווען זייער אַלט און אָפּגע־טראָגן אָבער דאָך זויבער און בכבוד. ער איז געגאַנגען אין דעם פראַק

סיי אין שבת סיי אינדערוואָכן. מן־הסתם איז עס געווען זיין אײנציקער בגד.

קלמן קאַמאַשנמאַכער אין פּראַק — דאָס האָט אַ סך וועגן אים גע־זאָגט, און געזאָגט פון אַ סך גייסטיקע אייגנשאַפטן וואָס זענען אין אים געקומען צו סינטעזע.

זיין צווייטע היים, אַחוץ דעם „ווינקל״, איז געווען טלאָמאַצקע דרייצן. דאָרט האָט ער ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט יידישע שריפט־שטעלער און צו פירן מיט זיי געשפּרעכן. ער האָט אויך נישט פאַרפעלט די פאָרלעזונגען אויף אַלערליי ליטעראַרישע טעמעס וואָס פלעגן דאָרט פאָרקומען. די איינציקע אינטערעסן אין זיין לעבן זענען געווען דער „בונד״ און די יידישע ליטעראַטור.

ענדלעך האָט די שווינדזוכט אויפגעגעסן דעם ווינציקן הויקערדיקן גוף אין דעם שוואַרצן אַריסטאָקראַטישן פּראַק. קלמן קאַמאַשנמאַכער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

זיין שם־טוב ביים „בונד״ איז געגאַנגען ביז צו דעם חורבן פּוילן.

***

דער פירער און דער טאַטע פון „ווינקל״ איז געווען דער חבר אַבראַם. מען האָט אים גערופן אויך „אַבראַם פון ווינקל״. אָפיציעל איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד״. עס האָט געדויערט יאָרן ביז איך בין געוואויר געוואָרן פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס איז זיין לעבנס־געשיכטע. איך האָב אים געהאַלטן אויך פאַר איינעם וואָס קומט פון די ראַנדן.

ער האָט געהאַט אַ פּאָר שיינע ליכטיקע אויגן און האָט גערעדט אַ לייכטן אוקראַאינישן יידיש און גערעדט מיט אַ ביסל אַ קורצן אָטעם. ער האָט זיך מיט אַלעמען וואַרעם אינטערעסירט. איז ער דאָך געווען דער טאַטע פון ווינקל!

פיזיאָגנאָמיש איז אויף אים געלעגן די גאַנצע אָרעמקייט פון אַ ווינקל־תושב. נאָר ער האָט אויסגעקוקט ווי זייער אַ בכבודיקער אָרעמאַן, גוטמוטיק און פריילעך ווי אַ הוליע־קבצן. איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט דער

חברטע ליבע (זי איז געווען אַ לערערין אין די ציש"אָ שולן) האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע היים ווי דעם „ווינקל". ביינאַכט איז ער דאָרט געשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק מיט דער פויסט אונטערן קאָפּ און צוגע־דעקט מיט אַ לייכטן צעדריפּעטן פּאַלטן. עפּעס טאָקע ווי אַן אַמאָליקער אָרעמער ישיבה־בחור.

שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אָט דער בונדישער באַהעמיען איז גאָר אַ מענטש מיט אַקאַדעמישער בילדונג און שטאַמט פון יידן גבירים און גוטבאַזיצער. אויף פּראָסט יידיש הייסט עס: חבר אַבראַם איז געווען אַ גביריש בנאָקל. ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט און האָט נישט געוואוסט פון קיין קונצן. אויב די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז אַן אומיושרדיקע און רויבערישע — טאָר מען נישט עסן פון איר גזלנישן טאָפּ. חבר אַבראַם האָט זיך אַרויסגעשיילט פון אַלע זיינע אַמאָליקע גבירישקייטן ווי אַ פּרוכט וואָס שיילט זיך אַרויס פון אירע שאָלן. אויב די אָרעמקייט און דער פּראָ־לעטאַריאַט זענען דער קלאַס וואָס גייט אויפבויען די בעסערע וועלט — איז נישטאָ וואָס אַ סך צו טראַכטן פאַר אַ סאָציאַליסט. ער מוז פולשטענדיק אַראָפּגיין צו די מאַסן.

די דאָזיקע ירידה וואָס איז אייגנטלעך די עליה צו דעם חלום פון אַ יושרדיקער וועלט האָט דער חבר אַבראַם מקיים געווען ווי אַ פרומער ייד. אויך דאָ האָט ער זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן אויף נאַוואָליפּיע זיבן. דאָרט איז פאַר אים געווען נאָר די שיינע קרעטשמע אויפן וועג צו דער בעסערער וועלט. אויף נאַוואָליפּיע זיבן איז נאָך אַלץ פאַראַן געווען דער אויבנאָן, און דער סאָציאַליזם הייבט זיך אָן גאָר אונטן שבאונטן. דעם פּראָ־טאָטיפּ פון דער שיינער בעסערער וועלט וואו אַלע מענטשן זענען ברידער און אַלע זענען גלייך שבגלייך האָט ער געפונען אויפן פּשעיאַזד. און ער איז מיט אַלע רמ"ח איברים אַריין אין דער אַטמאָספערע פון „אָרבעטער ווינקל".

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

דער יידישער פּען־קלוב אין פּוילן. איך האָב
אַ קאָנפליקט מיטן חבר עמנואל.

אַ דריי יאָר פאַרן חורבן בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן.

איך בין געווען טיף איבערצייגט — אַז אַ ליטעראַטור איז נייערט די סובלימאַציע פון די פּראָצעסן פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע. ליטע־ראַטור איז די צעבליטע בלום פון דער אינערלעכער שיינקייט פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך — און די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז דאָס סובלימירטע געמיט און געשטאַלט פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע.

שפּראַך און ליטעראַטור זענען נאָר די סך־הכלען פון אַ נאַציאָנאַלער געשיכטע.

אַ שריפטשטעלערישער יחיד, ווי אָריגינעל און סוביעקטיוו ער זאָל נישט זיין, איז ער בלויז דער אינדיווידועלער געשטאַלטיקער אין אַ שאַ־פונגס־פּראָצעס פון אַ היסטאָרישן קאָלעקטיוו.

דאָס גילט אויך פאַרן קאָלעקטיוו פון יידישע שריפטשטעלער און פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון שרייבערישע יידישע יחידים.

איך האָב געהאַלטן, אַז דער יידישער פּען־קלוב קאָן נישט זיין עפּעס אַ געשפּענסט אין די וואָלקנס. ער מוז זיך דורכאויס אָנשפּאַרן אויף אַ געזעל־שאַפטלעכער באַזע אין יידישן לעבן.

דער יידישער סאָציאַליזם — אַזוי ווי עס באַנעמט אים דער „בונד" — איז דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער כוח ביי יידן, וואָס האַלט אַז יידיש און יידישע ליטעראַטור זענען נישט עפּעס ווי שיינע צופאַלן און געלונגענע

קאַפּריזין אין דער יידישער געשיכטע. דער „בונד" האַלט, אַז יידיש און יידישע ליטעראַטור זענען רק דער קאָנדענסירטער המשך פון דער דיאַ־לעקטיש־שאַפנדיקער יידישער געשיכטע, און אַז אויף דער יידישער קעגנ־וואַרטיקייט דאַרף מען בויען די יידישע צוקונפט. אַט דעם אויפבויענדיקן געזעלשאַפטלעכן כוח דאַרף מען אויסנוצן ווי אַ באַזע פאַר דעם קאָלעקטיוו פון יידישע שריפטשטעלער.

דער „בונד" אין פוילן איז נישט געבליבן גלייכגילטיק צו די בולטע טענדענצן פון דער פירונג פון פען־קלוב. אויף די שפאַלטן פון דער „פאָלקס־צייטונג" — און איר השפעה אין פוילן איז געווען אומ־געווײנטלעך גרויס — האָט מען אָנגעהויבן פּאָפּולער צו מאַכן צווישן די יידישע מאַסן די אינסטיטוציע פון יידישע שריפטשטעלער. מען האָט זי פאַרגעשטעלט ווי אַ וויכטיקן מאָראַלישן כוח. עס האָט אויסערגעוויינטלעך מיטגעווירקט אויפצוהייבן דעם באַטייט פון פען־קלוב און פון די יידישע שריפטשטעלער ווי אַן אויפבויענדיקער כוח.

אָבער נישט בלויז מיט ווערטער און קאָמפּלימענטן האָט דער „בונד" אויסגעדריקט זיין חשיבות־געפיל צום יידישן פען־קלוב אין פוילן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר, די פאַרוואַלטונג פון פען־קלוב, האָבן זיך פאַרוויקלט אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט שלום אַש.

די מעשה איז געווען די פאָלגנדיקע:

זייענדיק אין ארץ־ישראל האָט זיך שלום אַש עפנטלעך אויסגעדריקט זייער גרינגשעציק קעגן דער יידישער שפּראַך. שלום אַש איז דעמאָלט געווען דער ערן־פּאָרזיצער פון יידישן פען־קלוב. מיר, די פאַרוואַלטונג, האָבן עס געהאַלטן פאַר נישט־דערלאָזבאַר, אַז דער ערן־פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע שריפטשטעלער זאָל עפנטלעך רעדן מיט ביטול קעגן יידיש. מיר האָבן אָנגעשריבן אַ קאָמוניקאַט אין וועלכן מיר זענען אַראָפּ שלום אַשן פון ערן־פאָרזיצער־אַמט. אונזער טאַט האָבן מיר דערקלערט מיט די געהעריקע מאָטיוון. דעם קאָמוניקאַט האָבן מיר אָפּגע־דרוקט אין דער „פאָלקס־צייטונג".

שלום אַש האָט דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין „היינט". די ציוניסטן האָבן געפונען פאַר נייטיק איינצולייגן וועלטן פאַר דער קריוודע וואָס מען האָט געטאָן אַשן. זיי האָבן אָנגעהויבן אויפצוהייבן אַ „פאָלקס־צאָרן" קעגן

יידישן פען־קלוב אין פוילן וואָס ווערט אָנגעפירט פון בונדיסטן. מען האָט דערוועגן געשריבן אַרטיקלען און לייט־אַרטיקלען. דער עיקר האָט מען סיי אין וואַרשע און סיי אין דער פּראָווינץ אָנגעהויבן צונויפצורופן מאַסן־פאַרזאַמלונגען כדי צו פּראָטעסטירן קעגן די מעשים־תעתועים פון פען־קלוב בנוגע שלום אַשן.

אין דער „פאָלקס־ציימונג" איז באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ לייט־אַרטיקל געשריבן פון שלמה מענדלסאָן: דער „בונד" שטעלט זיך אינגאַנצן אויף דער זייט פון פען־קלוב וואָס שייך דער האַנדלונג אין ענין שלום אַש. אומעטום אויף אַלע מאַסן־פאַרזאַמלונגען זענען אויפגעטרעטן בונדיסטן און האָבן שאַרף פאַרטיידיקט דעם פען־קלוב. דער סוף פון גרויסן „פאָלקס־צאָרן" איז געווען, אַז אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז די אַלטע פאַרוואַלטונג אויסגעקליבן געוואָרן מיט נאָך אַ גרעסערער צאָל שטימען, און דער בונדישער פאַרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן איינשטימיק.

אין אַ צייט שפּעטער זענען מיר ווידער אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט דער פּוילישער עפנטלעכער מיינונג. ד"ר י. מ. שטיינבערג איז געווען דער דעלעגאַט פון יידישן פען־קלוב אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס אין פּאַריז. דאָרטן האָט ער געהאַלטן אַ רעדע און האָט אויך גערעדט וועגן דער לאַגע פון יידן אין פוילן. אין דער פּוילישער פּרעסע האָט מען עס אויפגעפּאַסט ווי אַן אָנפאַל אויף דער פּוילישער מלוכהשער זעלבסט־שטענדיקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע העצע קעגן יידן און קעגן אונזער פען־קלוב. עס איז שוין געווען היטלערס באַרג־אַרויף און דער אַנטי־סעמיטיזם אין פוילן איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. הענריק ערליך האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אינסטאַנצן פון פּ.פּ.ס. אין „ראָבאָטניק" (פּאַרטיי־אָרגאַן פון דער פּ.פּ.ס.) איז באַלד דערשינען אַן אַרטיקל וואָס האָט זיך באַמיט צו נעמען אין שוץ דעם יידישן פען־קלוב.

נישט לאַנג דערנאָך האָט זיך דער גאַנצער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פוילן געגרייט צוזאַמענצורופן אַן אַרבעטער־קאָנגרעס קעגן וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם. אין די הכנות צו דעם וויכטיקן קאָנגרעס פון יידישן אַר־בעטער־קלאַס האָבן זיך געגרייט אַלע יידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: דער „בונד", די קאָמוניסטן, די רעכטע און לינקע פּועלי־ציון. דער „בונד" האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל דעם יידישן פען־קלוב אין פוילן געבן צוויי

דעלעגאַטן אויפֿן אַרבעטער־קאָנגרעס. קיינער איז נישט געווען דערקעגן. אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען האָבן עס געהאַלטן פֿאַר ריכטיק, אַז די פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער ליטעראַטור דאַרפֿן זיין אָפֿיציעל פֿאַרטרעטן ביי אַזאַ גרויסער דעמאָנסטראַציע קעגן שנאת־ישראל. מיר האָבן טאַקע באַקומען צוויי דעלעגאַטן.

פֿון קאָנגרעס איז גאָרנישט געוואָרן. די פּוילישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט צולאָזן אַזאַ וואָגיקע און אימפּאָזאַנטע דעמאָנסטראַציע פֿון קעמ־פֿערישן יידישן אַרבעטער־קלאַס.

בטבע בין איך אַ קאַבינעט־מענטש און האָב נישט ליב קיין „בענק־לעך". דערצו האָט דער אַמט פֿון פֿאָרזיצער מיר צוגענומען אַ סך צייט און מיר געשטערט אין מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן. נאָכדעם ווי דאָס קיילעכדיקע יאָר האָט זיך איבערגעדרייט האָב איך געהאַט בדעה אַראָפּ־צוגיין פֿון בענקל. די אַרבעט פֿון פּען־קלוב איז שוין געווען גוט איינגע־פֿעדימט און מען וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן מיר. כ׳האָב נישט געמאַכט קיין סוד דערפֿון, אַז איך וועל מער נישט אַרויסשטעלן מיין קאַנדידאַטור.

נאָענט פֿאַר דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג האָט מיך הענריק ערליך גערופֿן צו זיך און מיר געזאָגט, אַז לטובה דעם „בונד" דאַרף איך בלייבן פֿאָרזיצער לכל הפּחות נאָך אויף אַ יאָר צייט.

אין „בונד" האָט מען מיך געלערנט צו פֿאָלגן — און איך בין געבליבן ביי דער אַרבעט.

דאָס קיילעכדיקע יאָר האָט זיך ווידער איבערגעדרייט און עס האָט ווידער געהאַלטן ביי וואַלן. די השפּעות פֿון „בונד" אויף די יידישע מאַסן זענען זיך אויסערגעוויינטלעך פֿאַנאַנדערגעוואַקסן, און מחמת דעם האָט דער פּען־קלוב נאָך קאָנסעקווענטער געפֿירט זיין ליניע. איך האָב געזען, אַז טאָמער חלילה באַקום איך ווידער אַ באַפֿעל צו בלייבן פֿאָרזיצער — דעמאָלט איז אויס מיט דער קאַפּאָטע. איך וועל שוין זיין פֿאָרזיצער ביז אין גראָען צאָפּ אַריין. האָב איך מיך געטאָן טאָן קליגן און מיך געמאַכט פֿאַר אַ נעבעכל און מיך אויסגעהיט צו דערציילן אַז עס האַלט ביי אַן אַל־געמיינער פֿאַרזאַמלונג און ביי וואַלן — כלומרשט האָב איך אַ שלעכטן זכרון און האָב די גאַנצע מעשה פֿאַרגעסן.

צום רעכטן מאָמענט האָב איך נישט געוואָלט אַרויסשטעלן מיין קאַנ־דידאַטור און בין נישט אויסגעקליבן געוואָרן.

צומאָרגנס נאָך די וואַלן איז אין דער פרעסע געווען אָפּגעדרוקט אַ ליסטע מיט די נעמען פון דער נייער פען־פאַרוואַלטונג. מיין נאָמען האָט געפעלט. אין צענטראַלן קאָמיטעט איז מען באַלד געוואויר געוואָרן, אַז איך האָב נישט געוואָלט אַרויסשטעלן מיין קאַנדידאַטור. דער חבר עמנואל האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז תיכף ומיד זאָל איך צו אים אַרויפ־קומען.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין פאַרטיי־סעקרעטאַריאַט האָב איך באַלד געזען דעם שטורעם. דער חבר עמנואל איז געזעסן אָן אויפגע־קאָכטער. דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פון צאָרן. ער האָט פאַרגעסן די גאַנצע גוטפריינטשאַפט מיט מיר ווי אויך די שיינע פילאָזאָפישע געשפּרעכן וואָס מיר פירן וועגן אייביקייט און פאַרגענגלעכקייט. פאַר אים איז גע־שטאַנען אַ בונדיסט וואָס האָט נישט געטאָן זיין חוב.

ער האָט געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אַריין און אויף מיר אָנגעשריען:

— ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו פאַרטאַכליעווען אַ בונדישע פּאָזיציע ?

איך בין נישט געווען אַזוי נאַאיוו צו שפּילן פאַרן חבר עמנואל דאָס אומשולדיקע לעמעלע און אַז כלומרשט האָב איך נישט געוואוסט אַז איך באַדאַרף ווייטער בלייבן פאָרזיצער פון פען־קלוב. במשך זיין פאַרטיי־אַרבעט האָט דער חבר עמנואל געהאַט צו טאָן מיט פּיפיקערע דיפּלאָמאַטן ווי איך בין עס געווען. און זיי האָבן אים אויך נישט אָפּגענאַרט. על כן האָב איך געטאָן דאָס פאַרנופטיקסטע וואָס עס איז געווען צו טאָן אין אַזאַ סיטואַציע: איך האָב געשוויגן.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

מלכות ביאַלע. די רבישע מאַרקיזן. אַלע זענען קרוינפרינצן. די גאָלדענע שליסלען פון שפּע ליגן אין די הענט פון דער ביאַלער דינאַסטיע. אין זיידנ־צייג און אין סאַמעט.

אינם פינפטן בוך פון דעם דאָזיקן ווערק האָב איך דערציילט פון אַ ראָמעאָ־און־יוליאַ־ליבע וואָס איז פאָרגעקומען צווישן צוויי גבירישע משפחות אין לאָדזש. די דאָזיקע ליבע האָט אַ סך געוויזן פון דעם קאָלאָריט און די שטימונגען פון דער צייט־תקופה. די איצטיקע ראָמעאָ־און־יוליאַ־געשיכטע איז פאָרגעקומען צווישן צוויי רבישע הויפן אין די יאָרן 1905־1906. זי דערציילט אויך אַ סך פון דער צייט־תקופה.

דער ביאַלער רבישער הויף האָט נישט געהאַט קיין גרויסן עולם חסידים. אין פּרט פון רבישן יחוס איז ער אָבער געווען פון די שענסטע אין פּוילן. אינם בלוט פון אָט־אָ־דער קליינער דינאַסטיע האָבן זיך צוזאַמענ־געטראָפן כמעט די גרעסטע רבישע נעמען פון פּוילן און וואָלין. אויסצו־רעכענען די זיידעס פון ביאַלער הויף וואָלט מיר אויסגעקומען צו שרייבן די גאַנצע געשיכטע פון חסידות. געוויינלעך איז צו דערמאָנען — און דאָס האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָליע צווישן חסידים אין פּוילן — דער ביאַלער הויף איז אַרויסגעקומען — בן אחר בן — פון „ייד הקדוש פון פּשיסכע". און דאָ הייבט זיך עס ערשט אָן. וואָלינער חסידים וואָלטן געהאַט צו דער־ציילן פון די גרעסטע וואָלינער רבישע דינאַסטיעס וואָס האָבן זיך צוזאַמענ־געטראָפן אין ביאַלער בלוט.

הגם ביאַלע איז טאַקע געווען פון די קלענסטע רבישע מלוכות אין

פוילן, אָבער שטאָט האָט מען דאָרט געפירט נישט לויט דער צאָל חסידים נאָר ווערליק דעם גרויסן יחוס. מען האָט זיך געפירט פירשטלעך ווי אין ריזשין און סאַדיגורע. עס האָט געהערט צום ביאַלער חסידות, אַז דער רבישער הויף זאָל זיך נוהג זיין פירשטלעך. עס האָט געהייסן ביי ביאַלער חסידים: אַז ווען מען עפנט די בייטלען פאַר די הצטרכותן פון רבין, ליגט דאָרט דער רבונו של עולם צוריק דאָס הונדערט־פאַכיקע. מן־הסתם איז עס טאַקע אַזוי געווען — וואָרים שטענדיק איז דאָרט געפלאָסן דאָס חסידישע געלט. און ביאַלער חסידים האָבן געשמט פאַר גבירים. עס זענען דאָרט פאַראַנען געווען אויך אַ שפּאָר ביסעלע קבצנים. אָבער זיי, די קבצנים הייסט עס, האָט מען פון הימל באַשאַפן בלויז כדי אַז אין ביאַלער הויף זאָלן אויך זיין טיש־זיצערס און צדקה־נעמערס. גבירים וואָלטן זיך דאָך נישט אַוועקגעזעצט אין ביאַלע ווי בטלנישע „יושבים״ און כסדר געגעסן פון רבינס טאָפּ. ווי עס קוקט טאַקע אויס, פירט זיך דאָס רעדעלע פון דער וועלט מיט אַן אויסגערעכנטן חשבון.

די ביאַלער רעביצן — די באָבע פון העלד וועלכן מיר גייען איצט באַשרייבן — האָט געשמט אין פוילן ווי אַ רבישע מאַרקיזע. זי אַליין האָט אויף אירע פּלייצעס געשלעפּט אַ היפּש פּעקל מיט יחוס. עס וואָלט געדויערט אַ שעה ווען מען זאָל באַדאַרפן גיין און אויסרעכענען די גרויסע זיידעס וואָס זענען געשטאַנען הינטער דער ביאַלער רעביצן. דערצו איז זי געווען אַ גרויסע יפת־תואר און אַ פאַרפיעשטשעטע בת־יחידקע אין אַ הויף פון אַ גרויסער רבישער דינאַסטיע אין וואָלין. טעמפּעראַמענט, מוט און געשמאַק האָט זי געהאַט, די ביאַלער רעביצן. דערצו האָט זי געהאַט אַן איינרעדעניש, אַז עס קומען איר באַזונדערע רעכט אויף דער וועלט. נישט בלויז זי אַליין האָט זיך עס איינגערעדט. מען האָט עס איר איינגעזונגען ביים וויגל און מען האָט עס איר אויף אַ רגע נישט אַרויסגעלאָזט פון די אויערן. חסידים און חסידותטעס האָבן איר כסדר געגרויכערט ווירוך און נאָר איר דערציילט פון איר יחוס און פון אירע זיידעס. די ביאַלער רעביצן האָט טאַקע ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז סיי וואָס שייך איר רבּיש בלוט און סיי וואָס שייך איר שיין געשטאַלט (אַ רעביצן מעג דאָך אַריינקוקן אין אַ שפּיגל און זען די שיינקייטן און חנען פון אַ ווייבערישער אָסאָבע) וואָלט עס געווען אַ הימל־שרייענדיקע עוולה ווען די שענסטע און מיוחסדיקסטע

רעביצין פון פוילן זאָל זיך נישט נייען אירע קליידער אין וואַרשע — און טאַקע ביי די זעלבע שניידערינס וואו עס נייען זיך זייערע טואַלעטן די גרעסטע און רייכסטע פירשטינס פון אַלטן פוילישן יחוס. ביאַלער חסידים האָבן פאַרשטאַנען, אַז די רעביצן איז כשר געדעכט און עס קומט איר טאַקע מן־השמים. זיי האָבן געעפנט די בייטלען און געשיט מיט גאָלד. דער ביאַלער רעביצנס שטאַט האָט געהאַט אַ שם איבער פוילן און נישט בלויז צווישן יידן. אין די פּאַלאַצן פון די גרעסטע פּוילישע אַריסטאָקראַטן האָבן די פירשטינס צווישן זיך געשמועסט, אַז די ביאַלער רעביצין איז איינע פון די שענסטע און עלעגאַנטסטע דאַמען אין פוילן. די פּאָפּולערסטע שניידערינס אין וואַרשע האָבן זיך גערימט מיט דעם דאָזיקן רבישן קונד.

נישט בלויז די ביאַלער רעביצן — ווי איך האָב שוין געזאָגט — נאָר דער ביאַלער הויף בכלל איז געפירט געוואָרן אויפן אופן פון רבישער פירשטלעכקייט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען דאָרט געווען אַ היפּש רעשטל זין. אָבער קיין אייגנטלעכער קרוינפּרינץ איז נישט געווען. אַלע ביאַלער זין זענען געווען קרוינפּרינצן. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַרום זיך אַ סוויטע פון מקורבים, גבירים, וואָס האָבן שוין געקוקט אויף אים ווי אויף דעם, וואָס וועט „פירן" איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר — און האָבן באַצייטנס געהאַלטן אָפענע בייטלען כדי צו זיין די ערשטע ביי דער שפע וואָס וועט זיך גיסן אין רבינס זכות. הינטער די גבירים זענען, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען מקורבים־קבצנים, וואָס דער אויבערשטער האָט שוין באַצייטנס צוגעגרייט פאַר טיש־זיצערס און „יושבים". יעדער ביאַלער זון האָט באַצייטנס געפירט רביסטווע און יעדע ביאַלער שנור איז שוין געווען אַ קליינע ביאַלער רעביצן.

סיי דער ביאַלער רבי, סיי זיינע קרוינפּרינצן און סיי די ביאַלער חסידים זענען זיכער געווען ווי דער טאָג, אַז דאָס מלכות ביאַלע וועט זיך ציען ביז משיח וועט קומען. אַפילו ווען עס וועט אַ בלאָז טאָן דער שופר של משיח און מען וועט מוזן פאַרלאָזן פוילן און זיך אַריבערפּעקלען קיין ירושלים, וועט אויך דער ביאַלער הויף נישט אויפהערן. דערימאַך האָט מען באַצייטנס צוגעגרייט צוקונפטיקע פּרינצלעך וואָס דאַרפן און וועלן, אם ירצה השם, פירן די ביאַלער רביסטווע. נאָך אין די וויגן האָט מען זיי

דערצויגן ווי ביאַלער רביים. ווען מען האָט זיי געשיקט אין חדר אַריין, האָט איטלעכער ביאַלער פּרינץ געהאַט זיין אייגענעם באַזונדערן משמש. אַ משמש וואָס איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן און אים באַדינט. קיין אַנדער מלבוש אַחוץ פון זיידנצייג און סאַמעט האָט זיך קיינמאָל נישט צוגערירט צום אויס־געאיידלטן יחוסדיקן גוף פון אַ ביאַלער אייניקל.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

ביאַלער ותיקין כאַפּן אַ קוק אויפן ינוקא אין וויגל. מען ברענגט אַ כלה פון סאָכאַטשאָוו. די כלה דאַבריש און די פּועלי־ציון. די שיינע קליידלעך וועלן דאַברישן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם רוסישן קייסער. ווייס איך וואָס! גיי און האָב חתונה מיט אַ בור־זשוק!

יהושעלע — דער העלד פון וועלכן איך וויל איצט דערציילן — איז געווען איינער פון די רבישע פּרינצן אין ביאַלער הויף. ער איז געווען דער עלטסטער זון פון רבינס בכור. און דאָס האָט געהייסן: ער איז פון די קונפטיקע עומדים ראשונה במלכות ביאַלע. ווען יהושעלע איז נאָך געלעגן אין וויגל, איז עס פּאָר חסידים געווען אַ זכיה צו כאַפּן אויף אים אַ קוק. גאָר שטאַרקע ביאַלער ותיקין האָבן נישט געקאָנט וואַרטן אויף שפּעטער און זיך פּאַרן ינוקא אין וויגל מזכיר געווען מיט דער מאַמעס נאָמען און געבעטן ביי אים שפע און פּרנסה. ווי איך האָב שוין דערציילט: ביי ביאַלער חסידים איז עס געווען איינגעגלויבט, אַז דער רבונו של עולם האָט די גאָלדענע שליסלען פון שפע אָוועקגעלייגט אין די הענט פון דער ביאַלער דינאַסטיע.

ווען יהושעלע האָט נאָר אָנגעהויבן צו גיין האָט מען אים געקליידט אין סאַמעט און אין זיידנציייג. אויף זיין קינדעריש קעפּעלע האָט ער גע־טראָגן אַ גאָלדן יאַרמעלקעלע ווי אַ כתר־מלכות. מען האָט פּאָר זיינעטוועגן באַשטימט אַ באַזונדערן לייב־משמש וואָס זאָל אים נאָכגיין טריט ביי טריט, קוקן אים אין מיילעכל אַריין און אים באַדינען. דער ייד האָט פון דעם אַליין געהאַט פּרנסה בריוות.

אַזוי איז יהושעלע אויפגעוואַקסן ביז ער האָט דערגרייכט חתן־צייט. ער איז געווען אַ שלאַנק אײדל בחורל, אַ בלאַסער מיט שיינע תמימותדיקע אויגן. אין די לאַנגע געקרייזלטע פּיאות און אין סאַמעט און זיידנצייג האָט ער באמת אויסגעקוקט ווי אַ רבישער בן־מלך. די דורות פון די גרויסע באַרימטע זיידעס זענען געלעגן אויף דער בלאַסער איידלקייט פון זיין פּנים. ביאַלער חסידים האָבן זיך אין אים געשפּיגלט און געזען באַשיים־פּערלעך ווי די קייט פון ביאַלע הייבט זיך ערשט אָן פאַנאַנדערצו־וויקלען. מען איז אים נאָכגעלאָפן און זיך ביי אים מזכיר געווען.

ס׳האָט געהאַלטן ביי יהושעלען מיט אַ שידוך. שדכנים האָבן גע־ברענגט אַ כלה פון סאָכאַטשאָווער הויף. אין ביאַלע האָט מען געטראַכט, אַז רבישן יחוס האָט מען גענוג אין דער משפּחה. מען דאַרף אין דער די־נאַסטיע אַריינברענגען אַ נייעם וואַלאַר — און דאָס איז די גאונות פון דער תורה. אין דעם דאַזיקן פּרט איז עס אין ביאַלע געווען אַביסל קנאַפּלעך.

ר׳ אַברהמלע סאָכאַטשאָווער האָט דעמאָלט נאָך געלעבט. סאָכאַטשאָוו האָט זיך דערייבער גערעכנט פאַר דעם צענטער פון תורה נישט בלויז וואָס שייך פּוילן נאָר אויך אין די גאַנצע תפוצות ישראל.

די כלה איז געווען ר׳ אַברהמלעס אַן אייניקל און אַ טאָכטער פון ר׳ שמואלן, ר׳ אַברהמלעס באַרימטן בן־יחיד. ר׳ שמואל איז געווען כמעט ווי ר׳ אַברהמלעס ממלא־מקום. וואָס שייך ברייטקייט און פאַרנעם האָט ער פאַרקלונגען פּוילן. אין די ערשטע ביכער פון דעם דאַזיקן ווערק האָב איך אַ סך וועגן אים געשריבן. אין סאָכאַטשאָוו האָט מען אַפילו געהאַט ווינציק איינזעעניש פאַר בלויז יחוס מיט קנאַפּלעך תורה. דערצו האָט מען דאַרט נישט גורס געווען רבישע הייף אין וועלכע עס רעגנט אַריין פון געעפנטע חסידישע טייסטערס — און דאָס זאָל זיין אַ דרך החסידות? די סאָכאַ־טשאָווער רעביצן צינע — דעם קאָצקערס טאָכטער — ווען זי האָט גע־הערט, אַז די רעביצנס אין ביאַלע גייען אָנגעטאָן ווי די פּוילישע גראַ־פינעס, האָט זי, די רעביצין צינע, תחילת געזאָגט אַ שאַרף קאָצקער ביטול־וואָרט אויף די ביאַלער ווייבער. זי האָט תחילת נישט געוואָלט הערן פון שידוך. אין איר יחוס־קייט האָט אָבער ביאַלע פאַרמאָגט אַ זיידע, וואָס אויף דער וואָג־שאָל האָט ער אַ סך געוואויגן קעגן סאָכאַטשאָווער תורה

און קעגן קאָצקער שאַרפקייט — און דאָס איז געווען דער ייד הקדוש פון פשיסכע.

אין קאָצק האָט מען פאַר דעם ייד הקדוש געהאַט די געוואַלדיקסטע פיעטעט. וואָס עס איז געווען אַ פיעטעט אין קאָצק איז אויך געווען אַ פיעטעט פאַרן גאון ר׳ אַברהמלע און פאַר דער קאָצקער טאָכטער, די רעביצן צינע — און ממילאָ אויך פאַר ר׳ שמואלן. מען האָט צוגעמאַכט די אויגן פאַר אַלע הנהגות פון ביאַלע, — הנהגות וואָס זענען לויט סאָכאַטשאָוו אויסגעקומען זייער פּריקרע און גאָר נישט געשמעקט מיט קאָצקער נוסח און מיט גמרא. אָבער דעם ייד הקדוש אַן אייניקל אין דער סאָכאַטשאָווער משפּחה וועגט אַלצדינג אַריבער.

דאָס איז געווען אַרום 1905, אין די יאָרן פון דער גרויסער רעוואָ־לוציע. אויך די יאָרן פון דער גרויסער יידישער רעוואָלוציע. די נייע תקופה האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. זי האָט נישט געשוינט קיין רבישע הייף און קיין יחוס. אין סאָכאַטשאָוו, דער רעזידענץ פון תורה, האָט אויך געברויזט די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָבריש, ר׳ שמואלס טאָכטער, וואָס האָט געזאָלט ווערן די כלה פון דעם זיידענעם ביאַלער אייניקל, האָט געירשנט די ראַדיקאַלע אומברחמנות־דיקע קאָנסעקווענץ פון קאָצק און פון איר באָבע צינע. זי איז אַרונטער־געפאַלן אונטער די איינפלוסן פון דער פועלי־ציוניסטישער פאַרטיי אין סאָכאַטשאָוו. אַזאַ שאַרפע, ראַדיקאַלע נאַטור ווי דאָבריש האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויפן מיטוועג. זי האָט אַריינגעבראַכט דעם סאָציאַליזם אין ר׳ שמואלס שטוב. דער סאָכאַטשאָווער הויף וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין גאונות האָט זיך געהאַט ספּעציאַליזירט דווקא אין הלכות־שבת. ר׳ אַברהמלעס ספר „אגלי־טל״ וועגן די ל״ט מלאכות האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קלאַסיש תלמודיש ווערק. אָט דאָס ספּעציעלע געביט פון סאָכאַ־טשאָוו האָט דאָבריש מיט איין שטריך פון דער פעדער מבטל געווען. זי איז געווען אַן אַפּיקורוסטע, אַ להכעיסניצע, און האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער מצווה דווקא ביי ר׳ שמואלן איינדערהיים צו שרייבן אין שבת.

דערציילן וואָס אַ סאָכאַטשאָווער אייניקל טוט און אַז זי האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט מיט די סאָכאַטשאָווער פועלי־ציון, האָט מען

נישט געקאָנט. פּוילן וואָלט אויפגעציטערט געוואָרן צו הערן וואוהין די רעוואָלוציע און דאָס אַפּיקורסות האָבן שוין אָנגעשפּאַרט. מען האָט זיך געמוזט אויסהיטן און דאַברישן נישט מאַכן קיין עפנטלעכע סקאַנדאַלן. ר׳ שמואל אַליין איז געוואוינט געווען גאָרנישט צו פאַרשווייגן און בטבע האָט ער יעדע זאַך באַקעמפט ביד רמה. דאָ האָט ער נעבעך געמוזט מאַכן אַ שווייג. מען האָט נישט געטאָרט געוואויר ווערן וואָס עס טוט זיך אין גרעסטן צענטער פון תורה אין פּוילן. עס וואָלט געווען אַ חילול־השם און אַ חרפּה פאַר מענטשן. גראָד האָט עס געמוזט טרעפן סאָכאַטשאָוו! אין אַנדערע רבישע הייף איז דערוויל געווען שטיל. דעם גערער הויף האָט סאָכאַטשאָוו באַטראַכט ווי אַן אייביקן קאָנקורענט און ווי אַן אוזורפּאַטאָר. גער האָט צוגענומען די קאָצקער מאַכט וואָס אייגנטלעך באַלאַנגט זי קיין סאָכאַטשאָוו. אין גערער הויף איז, פאַרקערט, אַלצדינג געוואָרן גאָר האָפערדיקער אין חסידישער שאַרפקייט.

מען האָט אין סאָכאַטשאָוו געהאַלטן פון דעם אַלטן מיטל: ווען מען וועט דאַברישן חתונה מאַכן, וועט זי אַלצדינג פאַרגעסן און האָבן אַנדערע דאגות אויפן קאָפּ, ווי צו קעמפן צוזאַמען מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון קעגן רוסישן קייסער און קעגן יידישקייט.

דאַבריש איז געווען אין מיינע יאָרן. צווישן אַלע פאַרשידענע כלות וועלכע לאַנד־שדכנים האָבן פאַר מיר געברענגט פון אַלע עקן פּוילן, האָט מען אויך געברענגט דאַברישן. דער זיידע ברוך האָט דווקא געוואָלט זיך משדך זיין מיטן סאָכאַטשאָווער הויף. אַ גביר — האָט ער געזאָגט — איז ער אַליין און ער באַדאַרף נישט צום יחוס אַנדערע גבירים. מיט זיין איינציקער טאָכטער האָט ער זיך משדך געווען מיט ר׳ יהושעלע קוטנער. מיטן איינציקן אייניקל האָט ער זיך געוואָלט משדך זיין מיט ר׳ אברהמלע סאָכאַטשאָווער.

ר׳ שמואל האָט געוואוסט, אַז מיט דאַברישן צו טאָן אַ שידוך און ביי איר נישט צו פרעגן קיין דעה איז אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך.

ר׳ שמואל האָט דאַברישן געפרעגט צי זי וויל מיך פאַר אַ חתן.

זי האָט שאַרף אויפן קאָצקער נוסח געענטפערט:

— מוחל. איך באַדאַרף נישט קיין גבירישע זינדלעך.

האָט מען געזען, אַז מיט פרעגן ביי דאָברישן אַ דעה וועט מען נישט דערפירן צו קיין טאָלק.

דערווייל האָט מען פון אַלע זייטן צוגעטראָגן ר׳ שמואלן, אַז דאָבריש גייט אויף די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון די סאָכאַטשאָווער פועלי־ציון. ער האָט דעריבער זיך גענומען צוויילן מיטן ביאַלער שידוך. ביי דאָברישן קיין דעה האָט ער מער נישט געפרעגט. זאָל זי נאָר חתונה האָבן — האָט ער געטראַכט — און אַוועק פון סאָכאַטשאָוו קיין ביאַלע, וועלן איר שוין אַרויספליען די פייגעלעך פון קאָפּ.

אַלע חסרונות פון די פּריצישע ווייבערישע מאָדעס ביי די ביאַלער שנורן, האָבן איצט, וואָס שייך דאָברישן, זיך פאַר ר׳ שמואלן אויסגעלאָזט אין גרויסע מעלות. די שיינע קליידלעך וועלן איר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פועלי־ציון און דעם רוסישן קייסער.

אין ביאַלע האָט מען נישט געהאַט קיין אַנונג וואָסער געפערלעך מיידעלע עס איז די סאָכאַטשאָווער כלה. שדכנים האָבן געוואוסט אַלצדינג אויסצוהיטן אין גרעסטן בסוד. פון סאָכאַטשאָוו ביז ביאַלע איז געווען אַ צו ווייטער מהלך כדי די ווינטן און בייזע צינגער זאָלן עס ברענגען צו טראָגן.

מען האָט ווייטער נישט געפרעגט ביי דאָברישן קיין דעה און גע־מאַכט אין סאָכאַטשאָוו די ברייטע תנאים. דער ביאַלער הויף האָט זיך באַוויזן אין זיין מלכותדיקער שפע. דעם קאָצקער רבינס טאָכטער, די רעביצין צינע, האָט אַ קוק געטאָן אויף די ביאַלער רעביצינס ווי זיי זענען איינגעטונקט אין זיידנציַיג און אין סאַמעט און באַהאָנגען מיט פערל און ברילייאַנטן און געהערט דאָס רוישן פון זייערע פּריצישע שלעפּעס, האָט זי, די רעביצין צינע, געצויגן מיט די פּלייצעס און געזאָגט אַ שאַרף קאָצקער וואָרט פון ביטול. נאָר זי האָט עס געזאָגט צו זיך אַליין און נישט בקול רם כדרכה, ווי מען איז געוואוינט געווען אין קאָצק צו זאָגן מיט דער צונג דאָס וואָס מען האָט אויף דער לונג. ראשית, זענען עס דעם ייד הקדוש אייניקלעך און מען שפּילט זיך מיט פייער. צווייטנס, טאָר מען נישט באַלאַמוטשען און דאָברישן מאַכן פאַר אַ כלה.

דער חתן יהושעלע האָט צווישן אַלע ביאַלער רבישע פּרינצן אויס־געקוקט דער שטילסטער און דער איידלסטער. מיט אַ בלאַס פּנימל, מיט

לאַנגע פּיאות, אין זיידנצייג און אין סאַמעט האָט ער אויסגעזען ווי אמתער יחוס. ר׳ אברהמלע סאָכאַטשאָווער אַליין, הגם ער האָט דער עיקר געקוקט אויף תורה — און דער ביאַלער הויף האָט נישט געשמט מיט קיין איבעריקער לומדות — האָט אָנגעקוקט דאָברישעס חתן און געזאָגט צו ר׳ שמואלן:

— מען זעט בפּירוש דעם יידס אַן אייניקל.

ביי דאָברישן איז די גאַנצע מעשה געווען אַ לוסטיקער ספּעקטאַקל. זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ שישקע פּולווער, און האָט זיך געוויצלט דעריבער מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון. זי האָט אין האַרצן געלאַכט: זאָלן זיי זיך שפּילן! סיי ווי וועט זי נישט חתונה האָבן מיט אַזאַ בורזשוק און רבישן בלוט־זויגער.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

נאָר גאָט אַליין איז אַ יודע־לבבות. בונדישער בסוד. מען זוכט און מען געפינט. פּוילן גייט אויף רעדלעך און פון סאָכאַטשאָוו שיקט מען צוריק די תנאים. דאָברישעס בריוועלע צום חתן. דאָס דיאַ־לעקטישע שפּיל פון רעוואָלוציע און המשך.

נאָר גאָט אַליין איז אַ יודע לבבות. קיינער זעט נישט דאָס ווערימל וואָס טאָטשעט אינעווייניק אין שענסטן עפּעלע. גרויסע היסטאָרישע תקופות האָבן זייערע איבעראַשונגען. ווען עס הייבט אָן רעדן די געשיכטע שווייגט די לאָגיק פון אַלע טראַדיציעס.

ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אָט דאָס בלאַסע איידעלע יהושעלע וואָס טראָגט זיך כסדר אין סאַמעט און זיידנצייג, האָט זיין אייגענעם משמש, און חסידים לויפן אים שוין באַצייטנס נאָך און זענען זיך פאַר אים מזכיר — אַז אָט דאָס רבישע פּרינצל איז גאָר אַ מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע? ווען ער הייסט דעם משמש פאַרמאַכן די טיר און חסידים גלויבן, אַז יהושעלע נעמט זיך עוסק צו זיין אין נסתר און האָט אפשר גילוי־אליהו — גראָד דעמאָלט זיצט ער און לייענט מאַרקסן מיט גרויס עיון?

דאָס וואָס אַ מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע איז פאַרבליבן ביי אַלע זיינע רבישע התנהגותן, האָט געטראָגן זיידענע שלאָף־רעק און לאַנגע פּאות, געגאַנגען מיט משמשים און געהערט הזכרות פון פרומע גלויביקע חסידים, דאָס איז פשוט געטאָן געוואָרן — ווי מערקוויר־דיק גראָטעסק! — לויטן באַפעל פון דער ביאַלער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אין „בונד״ איז מען געוואוינט געווען צו פאָלגן — און יהושעלע האָט געפאָלגט.

די סיבה איז געווען די פאָלגנדיקע:

אין ביאַלע איז געשטאַנען אַ גרויסער גאַרניזאָן פון רוסיש מיליטער, און דווקא קאָזאַקן און טשערקעסן. דער „בונד״ האָט דאָרט געפירט צווישן מיליטער אַ פאַרצווייגטע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. צווישן די קאָזאַקן און טשערקעסן זענען געגרינדעט געוואָרן רעוואָלוציאָנערע קעמערלעך. די אַרבעט איז געווען זייער אַ געפערלעכע. פּשוט אַ שפּיל מיט פייער צווישן פעסער פולווער. קאָנספּיראַציע אַליין איז געווען ווייניק. ס׳האָט געמוזט זיין קאָנספּיראַציע שבקאָנספּיראַציע. די ביאַלער בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז דער ביאַלער רבישער הויף איז דאָס בעסטע און זיכערסטע אָרט וואו מען קאָן באַהאַלטן די שטעמפּלען פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע ווי אויך פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. וואו וואו, — נאָר אין ביאַלער הויף וועט דעם פּיפּיקסטן אַגענט נישט איינפאַלן צו זוכן די נעסט פון דער רעוואָלוציע. מען האָט דאָרט אַן אייגענעם מענטש, יהושעלען. דעריבער האָט ער געקריגן אַ פּאַרטייאישן באַפעל חלילה נישט משנה צו זיין אויף אַ האָר פון זיינע אַלטע רבישע פּירעכצן.

יהושעלען האָט דער ביאַלער „בונד״ געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און אים נישט דערלויבט צו קומען אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. בלויז אַ צוויי דריי חברים האָבן געוואוסט, אַז אָט דאָס זיידענע רבילע איז אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַלט אויף אים אַ שטויבעלע פון מינדסטן חשד. די באַציאונגען מיט אים זענען געהאַלטן געוואָרן אין שטרענגסטער קאָנספּיראַציע — און אַלץ איז געגאַנגען אויפן בעסטן אופן. די זשאַנדערמעריע און די געניטסטע אָכראַנע־אַגענטן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ צו געפינען דעם צענטער פון דער ביאַלער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע.

די גרעסטע פאַנטאַזיע וואָלט זיי נישט געקאָנט אַריינפירן אין מלכות־דיקן ביאַלער רבישן הויף.

אַ היפּשע צייט איז פאַרגאַנגען אין בעסטן כשורה.

האָט זיך אָבער געפונען אַ פּראָוואָקאַטאָר וואָס האָט געבישטערט און געבישטערט און געפאַלן אויף אַ שפּור. ער האָט אָנגעוויזן דער רוסישער

זשאַנדערמעריע וואו מען זאָל זוכן דעם שטאַב פון דער געהיימער רעוואָ־לוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעוויזן אויפן בלאָסן בחורל מיט די לאַנגע פאות און אין שאַרכנדיקן זיידנציייג וואָס איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אָן אַ משמש. זה הוא! — האָט געזאָגט דער פּראָוואָקאַטאָר — דאָס איז דאָס ריכטיקע פייגעלע וואָס מען זוכט. דער זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק אין ביאַלע האָט אויפגעריסן די אויגן און געזאָגט צום פּראָוואָקאַטאָר:

— סיידן דו ביסט משוגע געוואָרן, אָדער דער „בונד" וויל דיך פירן אין באָד אַריין.

דער פּראָוואָקאַטאָר איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. די ביאַ־לער זשאַנדאַרמעריע האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה ווי צו קומען אין באַרימטן רבישן הויף אַריין און דאָרט זוכן דעם „בונד" און דעם געפערלעכן שונא פון צאַר.

מען האָט מיט פיל העפלעכקייט אָנגעקלאַפּט ביי די פּאַרמאַכטע רבישע טירן.

אַלע רעביצנס און משמשים זענען געוואָרן בלאָס ווי די וואַנט און האָבן נישט געוואוסט וואָס דאָס האָט צו באַטייטן.

די זשאַנדאַרן און אַגענטן האָבן באַרואיקט מיט זיסע ריידעלעך און פאַרזיכערט, אַז עס האַנדלט זיך מן־הסתם אין אַ פּשוט מיספאַרשטענדעניש. פאַרפאַלן, זיי מוזן מאַכן אַ רעוויזיע. אין סאַמע פּעטערבורג האָבן שאַלק־האַפטיקע מענטשן צוגעטראָגן אַ מסירה. עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל עפעס צו זוכן אין רבישן הויף. מן־הסתם וועט דער אמת באַלד אַרויפקומען ווי בוימל אויפן וואַסער און אין פּעטערבורג וועט מען זיך איבערצייגן אין דעם שקר פונם בלבול.

די רעביצנס האָבן זיך טאַקע באַרואיקט. דעם רבין אין זיין חדר־מיוחד האָט מען דערוייל נישט געוואָלט דערציילן דאָס עלילת־דם אויפן ביאַלער הויף. מען האָט אים נישט געוואָלט מבלבל זיין אינמיטן דאַווענען.

די זשאַנדאַרן און אַגענטן האָבן גענומען זוכן. זוכן האָבן זיי געקאָנט. מען איז אַריינגעגאַנגען אין יהושעלעס חדר־מיוחד. מען האָט דאָרט נישט לאַנג געזוכט. דער בוימל איז טאַקע אַרויפגעקומען אויפן וואַסער.

די זשאַנדאַרן האָבן אַליין נישט געגלויבט זייערע אויגן ווען זיי האָבן

געפונען די באַהאַלטענע סטעמפּלען פון דער רעוואָלוציאָנערער מיליטערי־שער אָרגאַניזאַציע און גאַנצע פּעק מיט סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור וואָס האָט געזאָלט פאַרשפּרייט ווערן צווישן די קאָזאַקן און טשערקעסן פון ביאַלער גאַרניזאָן.

וואָס עס האָט זיך געטאָן אין ביאַלער הויף קאָן מען זיך פאָרשטעלן. מען האָט פּאָרט דעם רבין געמוזט מבלבל זיין אינמיטן דאַווענען און אים דערציילן דאָס פינצטערע אומגליק.

די איבערראַשטע זשאַנדאַרן זענען ווייטער געבליבן זייער העפלעך קעגן די דערשראָקענע און צעשמעטערטע רעביצנס. אויך צו יהושעלען איז מען געווען העפלעך ביז גאָר, נאָר מען האָט אים מיטגענומען מיט זיך. דער פאַרברעכער איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז מען האָט אים מורא געהאַט צו האַלטן אין ביאַלער תפיסה. אונטער אַ באַוואָפנטער שמירה האָט מען אים באַלד אַוועקגעשיקט אין באַרימטן צענטן פּאַוויליאָן פון וואַרשעווער ציטאַדעל.

***

צווישן חסידים אין פּוילן האָט די אויסטערלישע ידיעה פון ביאַלע געטראָפן ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג. אויב אין ביאַלע, אינמיטן פון דעם עלטסטן און גרעסטן רבישן יחוס אין פּוילן, האָט זיך שוין אַריינ־געכאַפּט די אַרבעטער־רעוואָלוציע — איז דאָך טאַקע אויס וועלט. קיינער קאָן באמת מער נישט זיכער זיין מיט זיינע קינדער. דאָס ערד־ציטערניש אין יידישן לעבן האָט געטאָן דעם הילכיקסטן קלאַפּ.

אין סאָכאַטשאָוו האָט מען געזען: נישט בלויז וואָס מען האָט מיטן ביאַלער שידוך נישט געראַטעוועט דאָבּרישן פון די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון, נייערט מען האָט זי בידים אַריינגעפירט צום סאַמע ראָדנעם סמך־מם. דעם ייד הקדושס אייניקל פון ביאַלער הויף, דאָס בלאַסע יחוסדיקע בחורל אין זיידנצייג און מיט לאַנגע פּאות, האָט זיך גאָר — ווי איז מיר — אָפּגעגעבן מיט רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צווישן קאָזאַקן און טשער־קעסן. יידן שמועסן, אַז מען וועט דאָס תכשיטל אַוועקשיקן קיין סיביר אויף אייביקער קאַטאָרגע. האָט מען טאַקע אין סאָכאַטשאָוו נישט געקוקט

אויף דער גרויסער פיעטעט פאַרן פשיסכער ייד און תיכף ומיד צוריק־געשיקט די תנאים קיין ביאַלע. אויס שידוך!

ביי די ביאַלער חסידים איז עס געווען קלאָר ווי דער טאָג: ווען מען וועט איצט ברייט עפענען די בייטלען און מקיים זיין די מצווה פון פדיון־שבוים צוליב אַ ביאַלער אייניקל, וועלן זיך פון אַלע הימלען אַ גאָס טאָן נייע קוואַלן פון דער גרעסטער שפע. מען דאַרף כאַפּן באַצייטנס און נישט קאַרגן קיין טויזנטער און קיין צען טויזנטער. פאַר איטלעכן טויזנטער וועלן דער רבונו של עולם און די הייליקע זיידעס צוריקצאָלן דאָס צען־פאַכיקע און דאָס הונדערט־פאַכיקע, האָט מען טאַקע פון אַלע זייטן גע־עפנט די בייטלען און אָנגעהויבן אונטערצוקויפן אויף רעכטס און אויף לינקס. קודם־כל האָט מען זיך גענומען צו דער ביאַלער זשאַנדאַרמעריע. מען האָט דאָרט אָנגעהויבן צו שמירן פון אויבן און פון אונטן. די ביאַלער „אַכראַנע" איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און איז אינגאַנצן געווען אין די הענט פון ביאַלער חסידים. מען האָט דאָרט פאַרניכטעט אַלע דאָ־קומענטן וואָס האָבן געקאָנט אויסגענוצט ווערן ווי אַ באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן יהושעלען. די אַגענטן און זשאַנדאַרן וואָס האָבן געמאַכט די רעוויזיע אין ביאַלער הויף האָבן געשוואוירן, ביי אַלע הייליקע, אַז זיי זענען פשוט אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות און ביי דער רעוויזיע האָבן זיי נישט געפונען כי הוא זה. יהושעלע איז גאָט די נשמה שולדיק. גלייכצייטיק האָבן זיך די ביאַלער חסידים גענומען צו וואַרשע. אויך דאָרט האָבן די היטער פון דער צאַרישער אָרדענונג נישט געקאָנט עומד בנסיון זיין.

ביי אַזאַ לאַגע האָט מען יהושעלען באַפרייט פון צענטן פּאַוויליאָן און ער איז בכבוד גדול צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע.

צי האָט זיך שפּעטער טאַקע געעפנט די שפע פאַר ביאַלער חסידים און די צענדליקער טויזנטער וואָס זיי האָבן אַוועקגעגעבן צו באַפרייען יהושעלען האָבן זיי צוריקבאַקומען מיט אַ סך בכפלי־כפלימס? ביאַלער חסידים האָבן געזאָגט אַז יאָ. מן־הסתם האָבן זיי געוואוסט וואָס זיי זאָגן.

די רעוואָלוציאָנערע און העראָאישע מעשה מיט יהושעלען האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דערגרייכט צו די אויערן פון דאַברישן אין סאָ־כאַטשאָוו.

דער שידוך איז געווען אָפּגעלאָזט.

דאָבריש האָט גענומען און אָנגעשריבן אַ בריוו קיין ביאַלע צו איר געוועזענעם חתן, צו אָט דעם בלאַסן באַפּיאותטן בחורל אין זיידנצייג, וואָס ביי די תנאים האָט ער ביי איר אויסגעקוקט נייערט ווי אַ רבישע פּיאַווקע, און זי, דאָבריש, וואָלט זיך בעסער געלאָזט אָפּשניידן דעם קאָפּ איידער מיט דעם דאָזיקן כניאָק חתונה צו האָבן.

— אייגנטלעך, — האָט דאָבריש געשריבן קיין ביאַלע צו יהושעלען — זענען מיר חתן־כלה. אויף וואָסער אופן מיר זענען געוואָרן חתן־כלה שפּילט נישט קיין ראָל. איצט האָט מען ווייטער ביי אונז נישט געפרעגט און אָפּגעלאָזט דעם שידוך. און עס שפּילט אויך נישט קיין ראָל. אויב דו ווילסט מיך, חבר לעבן, בין איך גרייט מיט דיר חתונה צו האָבן.

יהושעלען איז געפעלן געוואָרן אָט די שאַרפע רבישע רעוואָלוציאָנערקע און ער האָט איר געענטפערט: יאָ, ער איז גרייט.

זיי האָבן זיך נאָך עטלעכע מאָל אינקאָגניטאָ געטראָפן אין וואַרשע. נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז געווען אַ פּועלי־ציוניסטקע און ער אַ בונדיסט זענען זיי זיך געפעלן געוואָרן.

אין די רבישע הייף פון ביאַלע און סאָכאַטשאָוו האָבן שדכנים און שיינע יידן אָפּגעהאַקט די שוועלן און געבראָנגט שידוכים אי פאַר יהושעלען און אי פאַר דאָברישן.

דאָסמאָל האָט עס דאָבריש געמאַכט אויפן שאַרפן קאָצקער נוסח פון איר באָבע ציבע. זי האָט געזאָגט צו ר׳ שמואלן:

— מאַלע וואָס מען האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיטן ביאַלער הויף. זי גיט אים, ר׳ שמואלן, דריי וואָכן צייט. אויב מען וועט איר נישט צוריקגעבן דעם ביאַלער חתן האָט זי מיט אים חתונה אָן חופּה וקידושין.

פאַר ר׳ שמואלן איז עס געווען אַ קלאַפּ פון לויטערן הימל. ער האָט געקענט זיין טאָכטער דאָבריש און האָט געוואוסט, אַז זי האָט נישט ליב צו רעדן סתם אויפן ווינט. קאָצקער בלוט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן זייער איידעלע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען צווישן סאָכאַטשאָוו און ביאַלע. ס׳איז צוריק געוואָרן פון די תנאים. מיט דער חתונה האָט מען זיך שטאַרק צוגעאײלט. אָבער מען האָט זי געמאַכט אָן רעש און אָן דער גרויסער פּאָמפּע ווי עס וואָלט געווען געפּאַסט

ווען סאָכאַטשאָוו איז זיך משדך מיט ביאַלע. די חתונה איז געווען אַ שטילע און זי איז פאָרגעקומען ערגעץ־וואו אין וואַרשע. די גלאָקן האָבן געשוויגן. זעלטן־ווער אין פוילן — סיידן די נאָענטסטע מקורבים — האָבן געוואוסט פון דעם יום־החתונה, וואָס ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלט ער געווען פון די גרעסטע געשעענישן אין חסידישן לעבן אין פוילן.

***

יהושע ראַבינאָוויטש (דער ייד הקדוש פון פשיסכע האָט געהייסן ראַבינאָוויטש) האָט צום ערשטן געוואוינט אין לאָדזש און שפּעטער אין וואַרשע. מיר זענען געווען זייער באַפריינדעט. יהושע מיט דאָברישן פלעגן אַרויפקומען צו מיר און איך בין געקומען צו זיי מיט מיין פרוי חנה.

אין יהושען האָט מען באַשיימפערלעך געזען ווי דער יחוסדיקער אַדל פון כאַראַקטער איז אין פולשטענדיקן סינטעז מיט בונדישער געזינונג און טיפער טריישאַפט צום יידישן סאָציאַליזם. דעם ייד הקדושס אַן אייניקל און דער „בונד" זענען חלילה נישט קיין סתירה. זיי זענען נאָר פאַרשידענע טראַנספאָרמאַציעס פון דער אייגענער היסטאָרישער יידישער מחשבה: דאָס וואונדערלעכע דיאַלעקטישע שפּיל פון רעוואָלוציע און המשך.

יהושע איז פאַרבליבן אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט. מיך האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מעטאַפיזיקער און אידעאַליסט. אין דעם דאָזיקן פרט האָבן מיר געהאַט וויכוחים. מאַכט נישט אויס. מיר זענעןביידע געווען גוטע בונדיסטן.

אין דער וואַרשעווער געטאָ פאַרן חורבן פוילן איז יהושע געווען טע־טיק אין דעם אונטערערדישן „בונד". ער איז אומגעקומען אין די דייטשע קאַלך־אויוונס. דאָברישן מיט איר יינגסטער טאָכטער צינע — די טאָכטער וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דער אַלטער סאָכאַטשאָווער רעביצן — האָבן די דייטשן דערשאָסן אינמיטן גאַס. זיי האָבן עס געטאָן לויטן דייטשן נוסח. צום ערשטן האָבן זיי פאַר דער מוטערס אויגן דערשאָסן די טאָכטער. שפּעטער, ווען דער דייטש האָט אויפגעהויבן זיין רעוואָלווער אויף דאָברישן איז איר שוין נישט געווען קיין נפקא־מינה. מן־הסתם האָט זי געשלאָסן אירע טויטע אויגן מיט דער גרעסטער רואיקייט ענדלעך צו קאָנען אַוועק־גיין פון דער וועלט.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

ביי דער פאַמיליע פוקס.

אין די לעצטע צוויי יאָר פאַרן חורבן פּוילן האָב איך געוואוינט אין אַ קליין פּאַלאַצל כמעט ווי הינטער וואַרשע. אַמאָל וואָלט מען געווען גע־זאָגט אַז איך וואוין שוין הינטער די ראָגאַטקעס. עס איז דאָרט געווען האַלב־שטאָט האַלב־הינטער־שטאָט. די פענצטער פונם פּאַלאַצל זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן באַרימטן לאַזשענקער־פּאַרק מיט דער געדיכטעניש פון זיינע אַלטע ביימער. פרילינג האָט פאַרריסן דאָס בליעכץ. זומער האָט מען ביי מיר אין שטוב געהערט ווי עס רוישן די בלעטער און די ווינטן צווישן די אַלטע ביימער. ווינטער האָט אַלצדינג געגלאַנצט אין טיפן ווייסן שניי. אינם באַרימטן פּוילישן האַרבסט האָבן זיך די לאַזשענקעס פאַר־וואַנדלט אין אַן אומעטיקער וועלט פון אַלט גאָלד און קופּער.

דאָס פּאַלאַצל גופא איז אויך געשטאַנען אין אַ קליין גערטנדל. עס האָבן דאָרט געוואַקסן אַגרעס און מאַלינעס, ווי אויך קאַרשן, עפּל, באַרנעס און בלויע טויאיקע פלוימען.

די באַלעבאַטים פון דעם דאָזיקן פּאַלאַצל הינטער די וואַרשעווער ראָגאַטקעס — ווי אויך מיינע זייער פריינטלעכע ליבהאַרציקע שכנים — זענען געווען די פאַמיליע פוקס.

עס איז געווען אַ קליינע פאַמיליע. בלויז אַ מאַן מיט אַ פרוי. אין זיי האָט מען געקאָנט זען — ווען עס וואָלט נישט געווען געקומען דער חורבן — וואָסער סימפּאַטישע מאָדערנע יידישע אינטעליגענץ עס האָט אָנגע־הויבן צו וואַקסן צווישן פּוילישע יידן נאָך אַ תקופה פון ווידעראַנאַנדן און ווידערשפּרוכן. זענען דאָך ווידערשפּרוכן אומבאַדינגט נייטיק ביי אַיעדער

פּראָכטבאַרער אַנטוויקלונג! דאָס גוטע אַלטע יידישקייט אין פּוילן האָט באַוויזן זיך המשכדיק צו טראַנספאָרמירן אין נייע לעבנס־פאָרמען. דערמיט האָט ווידער געקאָנט קומען אַ טעזע און מעגלעך מאַכן אַ פּאָזיטיווע באַנייאונג פון יידישן לעבן.

אין דער שטוב פון דער פאַמיליע פוקס אינם פּאַלאַצל הינטער די ראַגאַטקעס האָט מען אויסערגעוויינטלעך ליב געהאַט תורה און תלמידי־חכמים, יידישע ליטעראַטור און יידישע שריפטשטעלער. אין אַ געוויסן פּרט איז עס געווען אַ היים פאַר יידישע שרייבער און מאָלער.

נאָך אַ מעלה וויל איך דערציילן פון דער משפּחה פוקס — מען האָט דאָרט ליב געהאַט הינט.

דער באַלעבאָס, הער פוקס, איז געווען אַ שטילער איידעלער ייד און האָט אַממייניסטן האָלד געהאַט צוויי זאַכן: צו לייענען גוטע ביכער און עוסק צו זיין אין זיין גערטנדל. ער האָט דאָס פאַרפלאַנצט די גוטע אַגרעס און מאַלינעס און האָט געהאַט די אַמביציע, אַז זיינע פלוימענביימער זאָלן טראָגן אויף זיך די שענסטע און זאַפטיקסטע פלוימען.

די מאַדאַם פוקס איז געווען איינע פון די מערקווירדיקסטע יידישע פרויען וואָס איך האָב געטראָפן.

עס האָט געהייסן, אַז זי טראָגט אויף זיך אַ גאונישן סוחרישן קאָפּ. זי איז געווען דירעקטאָרשע אין איינער פון די גרעסטע לעדער־גאַרבאַר־ניעס אין פוילן. יידן האָבן דערציילט פון איר חידושים. די פיפיקסטע סוחרים האָבן זיך געמוזט גוט אונטערגאַרטלען בעת זיי זענען געגאַנגען מאַכן מסחר מיט דער מאַדאַם פוקס. עס איז נישט געווען צו שפּאַסן מיט אָט דער שטילער און זייער טאַקטפולער יידענע. די קליגסטע סוחרים האָבן זי באַוואונדערט און זי גערופן אויף מאַמע־לשון: דבורהלע. מען האָט געזאָגט, אַז אין פּוילישן „מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע" פלעגט מען זיך מיט איר באַראַטן וואָס שייך דער פּראָדוקציע פון לעדער. אין די יאָרן ווען איך האָב געוואוינט ביי די פוקסעס האָט מען געשיקט נאָך איר פון מאָסקווע כדי צו מאַכן מיט איר געשעפטן. פאַר אַ פּוילישן בירגער צו פאָרן קיין מאָסקווע איז דעמאָלט נישט געווען פון די גרינגע פייגעלעך. זי איז אַהין געפאָרן מיט דער הסכמה און צו דער גרויסער

צופרידנקייט פון פוילישן האַנדלס־מיניסטעריום. אין מאָסקווע האָט זי געהאַט קאָנפערענצן מיט די שפּיצן פון סאָוועטישן האַנדל.

די וועלט פלעגט אָפט דערציילן פון אַ אַזעלכע שאַרפע מאַנסבילישע ווייבער. אשת־חילס וואָס האָבן געפירט געשעפטן ביד רמה, מצליח געווען און געוויזן אַלע מאַנסבילן ווער עס איז עלטער. אָט אַ די עקזאָטישע יידענעס האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט ווי שיינע לומדישע יידן וואָס טראָגן — על פי טעות — אַ ספּודניצע און זענען — על פי טעות — פטור צו לייגן תפילין און צו זיצן אין סוכה. אַחוץ דעם זענען זיי מאַנסבילן לכל דבריהם. זיי איז גאָרנישט אָנגעשטאַנען זיך צו חברן מיט ווייבער, זיי האָבן גע־שמועסט מיט קלוגע יידן ווי מיט זייערס גלייכן און אויף אַלע ווייבערשע עולם־הזהס האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ שמעק־טאַבאַק. עפּעס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער מלאך פּימפּער האָט אַמאָל געמוזט כאַפּן אַ דרעמל און דערביי אַרויפגעזעצט אויף אַ נאַרישן ווייבערישן גוף אַ פייערדיקן קאָפּ פון אַ מיושבדיקן ייד. האָבן טאַקע ס׳רוב אשת־חילס געהאַט מאַנסבילישע שטימען און אַלע תנועות און העויות פון אַ ייד אַ סוחר. ווען מען האָט מיט זיי גערעדט האָט מען געמוזט האַלטן קאָפּ, אַז מען האָט פאַר זיך זיצן אַ יידענע. פרומע חסידים האָבן זיך אַמאָל פאַרגעסן און געקוקט אַזעלכע נשים גלייך אין פּנים אַריין. און דער יצר הרע? ער איז נעבעך געלעגן איינגע־לייגט ווי אַ לעמעלע און געשוויגן. דער בעל־דבר — ווייל זיי זענען אַזוי זעלטן — ווייסט נישט ווי מען איז זיך נוהג ביי גאונישע ווייבער.

ווען איך וואָלט נישט געווען געהערט דערציילן די וואונדערלעכע חידושים וועגן דבורהלע פוקס, און וואָלט זי נישט געזען אַלע אינדערפרי אַוועקפאָרן אויף אַן אויטאָמאָביל אין דער פאַבריק אַריין, וואָלט איך זי מיר פאָרגעשטעלט ווי דאָס שטילסטע און צערטלעכסטע פּרויענווען. עפּעס ווי אַ מין „גרעטכען״. אַזוי האָב איך זי געזען אין איר היים אין אָוונט ווען זי איז געקומען צוריק צו פאָרן אויף איר אויטאָמאָביל נאָך אַ טאָג אַרבעט. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן שיין און עלעגאַנט און זייער ווייבלעך. מיט שיינע בלאָנדע צעפּ פאַרפלאָכטענע איבערן קאָפּ. זי האָט זיך געמישט אין דער שטוב־באַלעבאַטישקייט און אָפּטמאָל אויפגענומען געסט. אירע געסט זענען געווען יידישע שריפטשטעלער און מאָלער און בכלל יידישע אינטע־

ליגענץ. איר אינטימסטע פריינדין איז געווען די דיכטערין קאַדיע מאָלאָ־דאָווסקי.

איך פלעג אויך אָפט זיין ביי איר צוגאַסט. זיצנדיק ביים טיש און צוהערנדיק די אַלערליי שמועסן וועגן ליטעראַטור און קונסט האָב איך נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער דאָזיקער צאַרטער און מערקווירדיקער פרוי. הזאת נעמי? איז זי דאָס די יעניקע וואָס אַ גאַנצן טאָג דרייט זי אַ רעדל אין וואַרשע און די פּיפּיקסטע סחורים אויף נאַלעווקעס און גענשע קוקן איר אין מויל אַריין און מוזן זיך גוט אונטערגאַרטלען ווען זיי מאַכן מיט איר מסחר און אין די פּוילישע מיניסטעריומס פרעגט מען זיך ביי איר עצות און מען פאַרבעט זי קיין מאָסקווע כדי צו האָבן מיט איר קאָנ־פערענצן? איז אָט דער שיינער מיידלשער קאָפּ פול מיט די גאונישקייטן פון מסחר? איך האָב עס געוואָלט אַראָפּלייענען פון איר פּנים און פון אירע ליפּן. אומזיסט! על פּי רוב איז זי געווען אַ שווייגנדיקע, צוגעהערט די גייסטיקע שמועסן און עוסק געווען אין כיבוד. ווען זי האָט אַמאָל עפּעס געזאָגט איז עס געווען קלוג און טאַקטפול און מיט זייער פיל איידעלן הומאָר. איך האָב אָפטמאָל געטראַכט, אַז אָט די גאַנצע שאַרפע פּראַקטיש־קייט פון דער דאָזיקער שטילער און באַחנטער פרוי איז ביי איר נישט מער ווי אַ געמיטפול שפּיל פון הומאָר און איראָניע.

די אייגנטלעכע מיוחסת אין הויז ביי די פוקסעס איז געווען אַ קליין הינטל. איך אַליין בין אַ בן־יחיד און מיר איז אויך אויסגעקומען צו זען פאַרפּיעשטשעטע בני־יחידים און בת־יחידקעס. נאָר אָט דאָס הינטישע נקיבהלע מיטן נאָמען „טשאַראַ" האָט באמת געשלאָגן אַלע רעקאָרדן וואָס שייך צעבאַלעוועטער איינרעדעניש. האָט עס געטאָן אויף עמעצן אַ ביל — איז עס זיכער געווען אַז יענער מעג זיך דערפן פילן גליקלעך, און מעג זיך די זכיה פאַרשרייבן הינטערן אויער. מיט צערטלעכקייט איז עס געווען גאָר קאַרג און שפּאָרעוודיק. עס האָט דערמיט געוואָרט אַ גאַנצן טאָג ביז די מאַדאַם פוקס איז אַהיים געקומען אין אָוונט צו פאָרן מיטן אויטאָמאָביל. דעמאָלט האָט טשאַראַ שוין קיינעם נישט געזען און קיינעם נישט געוואָלט מזכה זיין מיט דעם מינדסטן ביל. זי האָט מיוחסדיק געדרייט מיט איר קורצן אָפּגעהאַקטן ווידעלע און נישט אָפּגעטרעטן פון דער מאַדאַם פוקס ווי אַ געטרייער שאָטן. אין יענע שעהן האָט די גאַנצע וועלט אויסגעקוקט

ביי טשאַראַן ווי אַ שישקע פּולווער. קיינער עקזיסטירט נישט מער. אויף דעם עולם־הדמיון דרייען זיך אַרום נישט מער ווי צוויי חשובע נפשות — דאָס הינטל טשאַראַ און די מאַדאַם פּוקס.

עס איז נישט צו פאַרלייקענען: מאַדאַם פּוקס האָט טאַקע טשאַראַן פאַרצערטלט. הינט קוקן אויף זייערע באַלעבאַטים ווי אויף די העכסטע גאָטהייטן און ווי אויף די איינציקע מושלים איבער דער וועלט. איז נישט קיין וואונדער וואָס טשאַראַ האָט זיך געזען פאַרצערטלט פון די העכסטע קאָסמישע אינסטאַנצן. אויב די גאָטהייטן ווילן אַזוי, איז טאַקע מן־הסתם דאָס הינטל טשאַראַ דאָס אויבערשטע פון דעם וועלט־שטייסל.

מיטאַמאָל מאַכט זיך אַ מעשה: מען זעט אַז ביי טשאַראַן הייבט אָן צו וואַקסן דאָס בייכל. באַלד איז געוואָרן אַ סוד פּאַר בראָד, אַז אָט די מיוחסטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אַנדערע הינט. און טשאַראַ איז פאַר־נומען אין טראָגן. ווער איז דער גליקלעכער טאַטע? אויף דעם האָבן מיר זיך אַלע געבראָכן די קעפּ אינם פּאַלאַצל פון דער פאַמיליע פּוקס. ס'הייסט? אָט די איינגערעדטע און פאַרפּיעשטשעטע בעל־גאַווהניצע האָט זיך דאָך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן מיט אַנדערע הינט? ס'איז דאָך, דוכט זיך, נישט געווען דער הונט אויף דער וועלט וואָס זאָל טשאַראַן אָנשטיין צום יחוס? טראַכט אַהין און טראַכט אַהער — ווען די וועגן פון יצר־הרע זענען באמת וואונדערלעך און כיטרע. ער געפינט שוין, דער בעל־דבר, אַן עצה ווי אַזוי צוצוקומען צו אַזאַ הויכגעשטעלט כלבל ווי די קליינע טשאַראַ.

מיר האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן צוצוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז טשאַראַ ריכט זיך אין קימפּעט אַריין און מען דאַרף האָפן אַז זי וועט עס אַריבער־קומען בשלום. די מאַדאַם פּוקס האָט דאָס מעוברתדיקע הינטל נאָך מער אָנגעהויבן צו פאַרפּיעשטשען.

דאָס בייכעלע איז ביי טשאַראַן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. איר אָטעם איז געוואָרן שווער און קורץ פון דער גרויסער משא. טשאַראַן איז שווער אָנגעקומען דאָס גיין און זי האָט נאָר געוואָלט אַז מען זאָל זי אַרומטראָגן. די מיוחסניצע האָט זיך אָנגעהויבן צו האַלטן פאַר אַ טראַגישער פערזענ־לעכקייט און זי האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די זון שיינט נאָך און פאַרוואָס אַלע אין שטוב עסן און טרינקען און טאָן אַנדערע זאַכן, בעת איר.

טשאַראַן, איז אַזוי שווער אויפן לייב און זי שלעפּט זיך קוים אויף די פיר פיסלעך ?

ווען די מאַדאַם פוקס האָט יעדן אינדערפרי באַדאַרפט אַוועקפאָרן אין פאַבריק און דרייען דאָרט דאָס גרויסע רעדל אין וואַרשעווער מסחר האָט זי זיך מיט טשאַראַן האַרציק געזעגנט. דאָס הינטל האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע טרויעריקע אויגן ווי אַלע וועלטן וואָלטן באַדאַרפט איצט נעמען און אונטערגיין — סטייטש ? — האָבן אויסגעקוקט צו מאָנען טשאַראַס אויגן — ווי קאָן מען אַוועקפאָרן און מאַכן געשעפטן מיט לעדער, ווען מיר איז אַזוי ביטער אויפן האַרצן און איך קאָן מיך קוים האַלטן אויף מיינע פיר פיסלעך ?

די מאַדאַם פוקס האָט עס טאַקע געדענקט און אינמיטן די ברענענ־דיקסטע מסחרים פלעגט זי אַלע צוויי שעה אַהיים טעלעפאָנירן און מיט אַ פאַרזאָרגט קול פרעגן וואָס עס מאַכט די חשובע מעוברתטע.

ענדלעך זענען אָנגעקומען די גרויסע טעג. טשאַראַ איז געקומען אויף דער צייט און זי האָט באַדאַרפט געלעגן ווערן.

צוויי אַ זייגער בייטאָג, ווען איך בין געזעסן ביי מיר אין צימער און געאַרבעט, האָט מען אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר. אַ דערשראָקענע קומט אַריין צו מיר די דינסט פון די פוקסעס און זאָגט, אַז עס „הייבט זיך אָן ביי טשאַראַן". די מאַדאַם פוקס איז נישט אינדערהיים. קיינער אונטן ביי די פוקסעס ווייסט נישט וואָס מען באַדאַרף טאָן ווען טשאַראַ „גייט צו הינט־לעך". איך האָב געהאַט אַ שם פאַר אַ שטיקל מומחה אויף הינט. בעט מען מיך זייער, אַז איך זאָל תיכף ומיד אַראָפּקומען און זיין דער גליקלעכער אַקושער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך בין איך באַלד אַראָפּגעגאַנגען צו די פוקסעס צוזאַמען מיט חנהן. די חשובע קימפּעטאָרין איז געלעגן אויף אַ קישן אויף דער ערד און שוואַך געזיפצט. אַ קליין בלינד הינטיש קעפּעלע האָט שוין געהאַט אַרויסגעשטעקט פון טשאַראַס מוטער־טראַכט. די פאַרפּיעשטשעטע מיוחסת האָט דאָס מינדסטע נישט געוואָלט טאָן כדי לייכטער צו מאַכן און צוצוהעלפן צו דער געבורט. זי איז געלעגן און געזיפצט און געקוקט מיט רחמנות־אויגן אויף דער וועלט און געזוכט די מאַדאַם פוקס.

ס'איז נישט געווען קיין צייט צו באַלאַמוטשען. דאָס ערשטע הינטעלע

וועט דערשטיקט ווערן צוליב דער פאַרצערטלטקייט פון דער יולדת. איך האָב צוזאַמענגענומען אַלע מיינע טעאָרעטישע מעדיצינישע קענטענישן, האָב פאַרשאַרצט די אַרבל און מיך גענומען צו דער מלאָכה פון אַקושעריע.

חנה האָט מיר אַסיסטירט ווי אַ געהילף־הייבאַם.

ס׳איז מיר געלונגען אַרויסצובאַקומען אויף דער ליכטיקער וועלט דאָס ערשטע הינטעלע. טשאַראַס בכור. כ׳האָב געהאַלטן אין דער האַנט די נאָפּל־שנור ביז זי האָט אויפגעהערט צו פּולסירן. שפּעטער האָב איך אָפּגע־שניטן דאָס ערשטע הינטעלע פון טשאַראַס מוטער־טראַכט, פאַרבונדן די אָפּגעשניטענע נאָפּל־שנור אין אַ קנופּ און דאָס קליינע בלינדע קוים־פּישטשענדיקע הינטעלע אַוועקגעלייגט אויף אַ וואַרעם־אויסגעבעט קי־שעלע. אַלע אַרום זענען געשטאַנען אין גרויס ציטערניש און פלאַטערניש. טשאַראַ איז געלעגן ווי אַ פאַרצערטלטע יולדת, געקרעכצט און נישט גע־וואָלט דאָס מינדסטע מיטהעלפן. אַ צווייט קעפּעלע פון אַ הינטעלע האָט זיך אַרויסגעשטעקט פון טשאַראַן. ביים צווייטן הינטעלע בין איך שוין געווען זיכערער און עס איז צוגעגאַנגען שנעלער. די הינטעלעך זענען אַרויסגעגאַנגען ווי אין אַ ריי. אין טשאַראַס בייכעלע איז געלעגן אַ שפּע פון הינטעלעך. נישט בחינם האָט זי זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס־לעך און מען האָט זי געמוזט אַרומטראָגן. פון די טונקלקייטן פון איר מוטער־טראַכט זענען אַרויסגעקומען זעקס הינטעלעך.

ווען טשאַראַ איז בשלום איבערגעקומען האָט זי אויפגעהערט צו זיפצן און זי איז באַלד איינגעשלאָפן. איך האָב גענומען די זעקס בלינדע הינ־טעלעך וואָס האָבן קוים געפּישטשעט און זיי צוגעלייגט צו טשאַראַס ציצע־לעך. די הינטעלעך האָבן אָנגעהויבן צו זייגן און אויך שטיל געוואָרן און פאַמעלעך איינגעשלאָפן.

די גליקלעכע ניַיעס האָט מען באַלד טעלעפאָנירט צו דער מאַדאַם פוקס אין דער פאַבריק אַריין. גראָד האָט זי געהאַט אַ וויכטיקע קאָנפע־רענץ. זי האָט געענטפערט, אַז זי וועט מקצר זיין די זייער וויכטיקע קאָנ־פערענץ און תיכף ומיד קומען צו פאָרן.

ס׳איז נישט פאַרגאַנגען קיין שעה צייט און די מאַדאַם פוקס איז גע־

קומען. זי האָט איבערגעלאָזט אַלע גרויסע לעדער־סוחרים און געקומען אַ קוק טאָן אויף דער יולדת. ווען די מאַדאַם פוקס איז צוגעקומען צו טשאַ־ ראַן האָט די מיוחסניצע געעפנט די אויגן און אַ לעק געטאָן דער מאַדאַם פוקסעס האַנט. ערשט שפּעטער האָט טשאַראַ באַוויליקט אויסצוזדרייען דאָס מאָרדקעלע און צו באַלעקן אירע קליינע בלינדע הינטעלעך.

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

דער מענטש און די חיה. דער מענטש גייט אָדער גאָר אַרויף אויבן אָדער גאָר אַראָפּ אונטן. אָפּמאַכן וואָס ווערן געהאַלטן. צווישן חיהשע פּאַציענטן. די קאַץ און דער מענטש. דער פּאַפּוגיי. איך קאָן אייך ווערליק אייער הונט.

טשאַראָ איז נישט געווען דער איינציקער הונט אין דעם פּאַלאַצל פון דער משפחה פוקס. איך האָב אויך געהאַט מיין אייגנס אַ הונט. ער האָט געהייסן ניק און איז געווען דער לעצטער הונט וואָס איך האָב געהאַט. ווען איך בין אַנטלאָפן פון וואַרשע אויף קיינמאָל מער נישט צוריקצוקומען איז ניק געשטאַנען ביי דער טיר און טיף אויף מיר געקוקט מיט זיינע שוואַרצע זייער וואונדערלעכע און זייער טרויעריקע אויגן. מן־הסתם האָט ער מער געוואוסט ווי איך וואָס עס באַטייט דער שיקזאַל.

פון אָט דעם הונט וועל איך איצט דערציילן. ווען ער איז אַריינגעקומען אין מיין הויז — און געקומען צו מיר איז ער נאָך גאָר אַ קליין הינטל, צוויי חדשים אַלט — האָבן זיך אָנגעהויבן איבער דער וועלט די בלוטיקע פינצטערנישן פון דייטשן היטלעריזם. פינצטערנישן וואָס האָבן ענדלעך פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ בלוט־באָד. היטלער האָט געפּריידיקט דעם קולט פון דעם חיה־מענטש און ער האָט דערמיט געטראָפן אויף אַ גוטן באָדן.

איך האָב אין מיין לעבן געזען אַ סך חיות און האָב מיך שטאַרק מיט זיי אינטערעסירט. אָבער ווען דער מענטש ווערט אַ חיה שלאָגט ער אַלע רעקאָרדן. אַלע חיות קוקן אַקעגן אים אויס ווי לעמעלעך. דער טיגער מעג

זיך גיין ביים מענטש לערנען וואָס עס הייסט פאַרצוקונג. דער מענטש־לעכער שכל קאָן זיין אַ סך געפערלעכער ווי די שאַרפסטע חיה־ציינער. דער שכל קאָן אויסטראַכטן אופנים פון פאַרניכטונג און גרויזאַמקייט וואָס די ווילדסטע חיה האָט עס אַפילו נאָך נישט געהאַט געזען אין חלום. מיר, די מענטשן פון היינטיקן דור, איבערהויפּט די יידישע מענטשן פון היינטיקן דור, האָבן עס געזען באַשיימפּערלעך.

יעדע העכערע מדרגה פון אַנטוויקלונג איז נישט מער ווי אַ שייד־וועג אויף אַרויף און אויף אַראָפּ. דער מענטש איז אויך אַ העכערע מדריגה פון אַנטוויקלונג—דעריבער איז ער אין עצם זיינעם דער שייד־וועג, דער פרשת־דרכים צווישן דעם העכסטן גוטן און דער העכסטער האַרמאָניע און צווישן דעם נידעריקסטן שלעכטן און דעם צעשטער און דעם כאַאָס. דער מענטש שטייט אינמיטן צווישן דעם אַבסאָלוטן אמת פון דער עקזיסטענץ און דעם טייוולאָנישן שקר פון דער אימאַגינאַציע. דער מענטש איז די וואָג־שאָל אויף וועלכער עס וויגן זיך די קדושה און די סיטרא־אחרא. אַלצדינג וואַרט אויף זיין אַנטשיידונג — ווייל ער איז דער העכסטער פּונקט פון דעם אויפשטייג — און ער איז צוגעקומען צו דעם וועג וואו מען קאָן גיין אָדער גאָר אויבן אַרויף אָדער גאָר אונטן אַראָפּ. אַלע געטער אין הימל און אַלע שיקזאַלן אויף דער ערד וואַרטן און קוקן ווי אַזוי דער מענטש וועט זיך אַנטשיידן צו גיין. לויט דער דאָזיקער אַנטשיידונג באַשטימען זיי די צו־קונפט פון דער וועלט.

איך זאָג עס דעריבער, מחמת איך האָב תמיד ליב געהאַט צו האָבן לעבן מיר אַ חיה. ווערדליך דער חיה מאַכן מיר דעם חשבון פון די מדריגות. סיי וואָס שייך דעם וועלט־־באַנעם פון די נפשות און סיי וואָס שייך זייער עטיק און מאָראַל. איך האָב געהאַט פיש אין אַ וואַסער־באַסיין, אַלערליי פייגל אין שטייגן ווי אויך קעץ. דער הונט אָבער איז דאָס נאָענטסטע און דאָס אָפנסטע בוך פון דער לעבעדיקער נאַטור. ער איז אַן אָפנקייט וואָס איז — פּונקט ווי די ליכטיקע וועלט — טונקעלער פון אַלע טונקלענישן.

אַמאָל, אַמאָל, אפשר מיט צענדליקער מיליאָנען יאָרן צוריק, האָט דער הונט געשלאָסן אַ כריתת־ברית מיטן מענטשן צו גיין מיט אים אומעטום דורך פייער און וואַסער. זייער אָפט האָט זיך דער מענטש נישט געהאַלטן ביים אָפּמאַך. ער איז אַ פאַלשערע און גרויזאַמערע חיה ווי דער

הונט. אין זיין טבע איז דער מענטש אַ פאַררעטער. דער הונט — נישט געקוקט אויף אַלע זיינע אַנטוישונגען וואָס שייך דעם מענטש, און ביי זיין טיפער מענטשן־קענטשאַפט — איז פאַרט טריי געבליבן זיין אָפּמאַך. טריי ביז מסירת־נפש.

דער וואָלף אין וואַלד איז פון יענע הינט וואָס האָבן מיט דעם מענטש נישט געוואָלט האָבן קיין מחזקות און זיך נישט געוואָלט פאַרבינדן מיט אים אין קיין שום אָפּמאַכן. צי האָט ער דעם מענטש נישט געגלויבט? צי האָט ער נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם בלוטיקן זאַק־רויב אין די פינ־צטערע אור־וועלדער? מיר קאָנען צו ווייניק פסיכאָלאָגיע און דערפאַר קאָנען מיר אַזוי ווייניק געשיכטע.

דער הונט האָט אפשר געמאַכט דעם גרעסטן טעות וואָס אַ חיה האָט ווען עס איז געמאַכט זינט אונזער פּלאַנעט האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אַ געשיכטע פון זאָאָלאָגיע. אָבער אָפּמאַך איז אָפּמאַך. מען מוז האַלטן די שבועה.

איידער איך גיי דערציילן פון מיין הונט ניק וויל איך ברענגען אַ וויכטיקן פאַקט.

ווי עס וועט מיר שפּעטער אויסקומען צו דערציילן האָט ניק אָפּט געקרענקט. איך בין מיט אים אָפּט געגאַנגען צו אַ וועטערינאַרישן דאָקטער. דער דאָזיקער דאָקטער איז געווען אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ פּאָלאָניזירטער דייטש. אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ טונקעלער, און האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַ גריכישן ציניש פילאָזאָף. אַמאָל איז ער געווען פון די באַקאַנטע וואַרשעווער דאָקטוירים. צי האָט ער זיך אַנטוישט אין מענטשן בכלל? די צייטן זענען געווען גינסטיק פאַר די גרעסטע מיזאַנטראָפּישע געדאַנקען וועגן מענטשן. יעדנפאַלס — ער האָט אָװעקגעוואָרפן זיין מעדיצינישע פּראַקטיק צווישן מענטשן און איז גע־וואָרן אַ רופא־חיות.

עס איז געווען פון די אויסטערלישע איבערלעבונגען צו זיצן אין „וואָרט־צימער" פון אָט יענעם דאָקטער און צו וואַרטן, צוזאַמען מיט זיינע „פּאַציענטן", אויף דער ריי אויפגענומען צו ווערן. די פּאַציענטן זענען געווען פון די אַלערליי וועלטן וואָס פון זיי באַשטייט די מכלומרשטע איינס פון אונזער וועלט. דעם אויבנאָן האָבן, פאַרשטייט זיך, פאַרנומען הינט פון אַלערליי ראַסעס, אַלערליי קאָלירן און אַלערליי גרייסן. דערנאָך

זענען געקומען קעץ, און אויך פון כלערליי מינים. דערנאָך — אַנדערע מינים פון באַשעפענישן: פּאַפּוגייען, קאַנאַרקעס און אַנדערע עקזאָטישע און היימישע פייגל, און דערנאָך — מייז און שטשורעס, וועוויאָרקעס און ים־חזירימלעך, און נאָך אַנדערע ברואים מיט וועלכע דער מענטש האָט דווקא געוואָלט שליסן שלום און זיי געווינען פאַר פריינט און האַלטן זיי ביי זיך אין דערהיים ווי ידידים נאמנים.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַלע אַנימאַלן אין דעם וואַרט־צימער פונם מעדיצינישן פילאַזאָפישן מיזאַנטראָפּ זענען געווען קראַנק און געליטן אויף אַלערליי חולאתן. נאַרמאַל, אין די וועלדער צי אויף די פעלדער, וואָלט זיך קיינער אויף זיי נישט אומגעקוקט. זיי וואָלטן דאָרט אַוועקגע־שטאָרבן ווי די פליגן. איצט זיצן זיי דאָ מיט זייערע מענטשלעכע פריינט. פריינט וואָס ווילן מינערן זייערע ליידן אָדער זיי גאָר ראַטעווען פון טויט.

די פריינט און די פריינדינעס פון די קראַנקע הינט זענען געווען כמעט ווי נאָרמאַלע מענטשן. פון זיי איז נישט פאַראַן באַזונדערס צו דער־ציילן. די פריינטשאַפט צווישן הינט און מענטשן איז אַ קעגנזייטיקע. עס וואָלט געווען אַן אומדערהערטע אומדאַנקבאַרקייט ווען אַ מענטש — וואָס אין סך־הכל איז ער אַרומגערינגלט מיט אָפענע און באַהאַלטענע שונאים וואָס ווילן נייערט זיין שלעכטס — אַז ער, דער מענטש זאָל זיין באמת־געטרייען פריינט אין דער וועלט, נעמלעך, דעם הונט, פאַרלאָזן, ווען דער דאָזיקער פריינט ווערט קראַנק.

מיט די „פאַרבינדעטע" פון די אַנדערע חיות איז דער ענין שוין נישט אַזוי פּשוט. די ליבשאַפט איז דאָ נישט קיין קעגנזייטיקע. דאָ האָט דער מענטש אָנגעוואָרפן זיינע געפילן אויפן חיהשן פאַרטנער. דער חיה פאַלט עס דערוויייל נישט איין צו ווערן „גוט ברודער" מיטן מענטש. דאָ מוז מען שוין גוט בודק זיין די פסיכישע קאָמפּלעקסן און דעם כאַראַקטער פון אַ מענטש וואָס האָט זיך דווקא אָנגעזעצט אויף אַ חיהשן חבר און דער חבר הערט אים ווי אין טראָק. דאָ איז די מענטשלעכע איינזאַמקייט טאַקע אַ טראַגישע. עס מוז אַ סך ליגן דערונטער, ווען אַ מענטש נעמט און זוכט זיך אויס אַ פריינט דווקא אויף אַזאַ אומהיימלעכן און פינצטערן באָדן.

קודם, וואָס שייך די באַלעבאַטים פון די קעץ —

ס'רוב זענען עס אַלטע פאַרזעסענע מוידן אָדער בייזע מיזאַנטראָפּישע ווייבער. פאַרוואָס זיי געפעלט גראָד אָנצואוואַרפן זייערע געפילן דווקא אַזאַ

ביטרע און מיזאַנטראָפּיש באַשעפעניש ווי עס איז די קאַץ? מן־הסתם איז דאָ פאַראַן אַ גורל־גאָענטקייט. גורל און כאַראַקטער זענען, ווי מיר ווייסן, די צוויי זייטן פון דער זעלביקער מטבע.

וואָס שייך קלוגשאַפט שטייט די קאַץ נישט אָפּ פון דעם הונט. נאָר זי איז אַ גרעסערע מענטשן־קענערין פון אים און איז ווייט נישט אַזוי נאַאיוו צו גלויבן, ווי דער הונט, אַז דער מענטש איז דאָס חשובסטע און איידלסטע באַשעפעניש פון דער וועלט: אַז ער איז אַ כל־יכול און מען מוז אים פאַרערן ווי דעם אויבערשטן גאָט פון די געטער.

אַמאָל, אפשר מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, איז געשען אַ מאָמענט ווען דער מענטש האָט זיך פאַר דער קאַץ אַנטפּלעקט מיט אַלע אינגעווייידן פון זיין נשמה און זי האָט אים דערקענט אויף אַלע דורות. פון דעמאָלט אָן איז זי מיט אים פאַרזיכטיק און גלויבט אים נישט אויף אַ האָר. די קאַץ איז מיטן מענטשן מיטגעגאַנגען אין זיין היים — ווייל זי ווייסט, אַז אויף זיין פּעקעליק איז וואַרעמער ווי אומעטום, פון זיינע טעלער איז גוט צו נאַשן און אין די לעכער פון זיין הויז פּאַשן זיך די פעטסטע מייזלעך, וועלכע זי, די קאַץ, האָט אַזוי ליב. אָבער פון אירע געפילן מעג ער פאַרגעסן, דער מענטש, אויף אַלע דורות. זי קוקט אויף אים אַ שטילעטשקע מיט אירע גרינע אויגן. זי קוקט אויף אים ווי גאָר אַ פרעמדע און פול מיט חשדות.

פון די פייגל און אַנדערע חיהלעך וויל איך איצט נישט רעדן. אַחוץ דעם קאַנאַריק קאָן איך זיי צו ווייניק.

דער פּאַפּוגיי האָט אויך פאַרנומען אַ היפּש אָרט צווישן די פּאַציענטן ביי דעם רופא־חיות. פאַר דעם פּאַפּוגיי האָב איך אַן אומהיימלעכן דרך־ארץ. ער לעבט אַ קימאַ־לן פון עטלעכע הונדערט יאָר. אַזאַ זקנה האָט אין זיך אַ סך מיסטישעס. מן־הסתם האָט אָט דער פויגל אויך אַ סך דער־פאַרונג. אפשר איז ער אויך אַ גרויסער פילאָזאָף און פּאָעט. ווי מיר ווייסן זענען פּאָעזיע און פילאָזאָפיע נישט מער ווי די סובלימאַציעס פון אַ סך דערפאַרונג. קוקנדיק אויף זיינע שיינע פעדערן און אויף זיינע בייזע אויגן וואָלט מען עס אים געמעגט צוטרויען. פאַרוואָס וויל ער דווקא נאָכרעדן די שפּראַך פון מענטשן? איך ווייס עס נישט. אפשר טוט ער עס פון איראָני־שער אָפּשפּעטעניש.

צווישן די קראַנקע אַנימאַלן אין וואַרט־צימער איז נאָך גאָר ווייט

געווען פון משיחס צייטן. איינער האָט געקוקט אויפֿן אַנדערן מיט בלוטיקער רציחה. אָפֿט האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז די חולאים זאָלן זיך וואַרפֿן אויף אַן אַנדער און דורס זיין. עס איז געוואָרן אַ בילעריי פֿון הינט, אַ גע־מיאוקעריי פֿון קעץ און אַ געפּייפּעריי און צישעריי פֿון אַלערליי חיהלעך און פֿייגל. אָט אָט האָט זיך דאָס וואַרט־צימער שיעור נישט פֿאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקער דזשונגל. די פּריינט און די פֿריינדינעס פֿון די קראַנקע באַשע־פֿענישן האָבן קוים באַוויזן צוריקצושטעלן די פֿריערדיקע אָרדענונג פֿון אַ מיקלאָמפּערשטן שלום אויף גאָטס ערד.

מיר איז אויך אָפֿט אויסגעקומען צו זיין צווישן די זיצערס אין וואַרט־צימער פֿון דעם רופֿא־חיות. ניק פֿלעגט זיך נישט וועלן פֿון מיר אָוועק־רירן. ווען ס'איז געקומען צום ווייזן צייגער האָט ער זיך באַהאַלטן ביי מיינע פֿיס און ניט געוואָלט זען ווי די שיינע וועלט פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ ווילסטער דזשונגל. מן־הסתם זענען צווישן חיות אויך פֿאַראַן נאַאיווע אידע־אַליסטן וואָס גלויבן אין אַ בעסערער וועלט. ניק איז געווען פֿון די אײדלסטע טרוימער אין די ווינזיעס פֿון אַזאַ אויסזיכטסלאָזער מעגלעכקייט. זיין גלויבן אינם מענטש ווי אין דעם בחיר־היצירה איז געווען אומדערשיטערלעך. קיין זאַך איז נישט בכוח געווען אים צו אַנטווישן אין אָט דעם גלויבן. מחמת דעם האָט ער, ביז די בעסערע וועלט וועט קומען, זיך דערווייל געוואָלט האַלטן פֿונדערווייטנס פֿון אַלערליי חיות. פֿונדערווייטנס אַפֿילו פֿון אַנדערע הינט. עס איז שווער געווען ביי אים צו פּועלן, אַז ער זאָל זיך שפּילן מיט אַ צווייטן הונט. ווען מיר האָבן אים דערצו געוואָלט ניטן, האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע שיינע טרויעריקע און טיף־שוואַרצע אויגן צו אונז מיט דער שטומער בקשה: בעסער וועל איך מיך שפּילן מיט אייך, מיינע ערפֿורכטיקע געטער!

אַמאָל, בעת דער פֿילאָזאָפֿישער וועטערינאַר האָט אונטערזוכט ניקן, האָט ער, דער פֿילאָזאָף און מיזאַנטראָפּ, בשעת מעשה צו מיר גערעדט און מיר געזאָגט אייגנשאַפֿטן פֿון מיין אייגענעם כאַראַקטער. איך האָב מיך געוואונדערט פֿון וואַנען ער ווייסט עס.

— פֿון אייער הונט — האָט דער מיזאַנטראָפּ געענטפֿערט מיט אַן ערנסטן שמייכל — הינט נעמען זיך אָן מיטן כאַראַקטער פֿון זייער באַ־לעבאָס.

קאַפּיטל פערציק

איך וויל האָבן אַרום מיר פילאָזאָפן. אַ שוואַרצער שעפּס פון דער אַמאָליקער ראָמאַנטישער תקופה. ניק וויל נאָר ליגן צווישן די פיס פון שריפטשטעלער און דיכטער. מדרגות פון ליבשאַפט.

ניק איז געווען אַ פּודל־הונט. דאָס איז אַן אַלטע אַריסטאָקראַטישע ראַסע פון הינט. זיי האַלטן שוין ביים אויסשטאַרבן צוזאַמען מיט די רעשט־לעך פון דער ראָמאַנטישער תקופה וואָס זענען אונז נאָך פאַרבליבן פון דער אַלטער וועלט. ביי די אַמאָליקע פּאָעטן — אין די צייטן פון געטע און בייראָן — איז געווען דער גלאַנץ־פּעריאָד פון דעם געשלעכט פון די פּודל־הינט. צוזאַמען מיט דעם גרויסן וועלט־שמערץ האָט מען אויך זיי באַזונגען און זיי האָבן געהערט צו דעם רעקוויזיט פון די אַמאָליקע גרויסע דיכטער. דאָס געשטאַלט און דאָס געמיט פון אָט די הינט האָט אויף דער האָר צוגעפּאַסט צו דעם געמיט פון דער אַמאָליקער פּאָעזיע. זיי האָבן אויסגעקוקט ווי פּעד־שוואַרצע שעפּסן מיט לאַנגע גלאַנציקע לאָקן. לאָקן אײדעלע ווי שוואַרצער זייד. זיי האָבן געהאַט גרויסע טרויעריקע אויגן. אויגן וואָס זענען געווען טונקל ווי נעכט פון בענקעניש. פּודל־הינט האָבן ליב געהאַט אַ סך צו שווייגן און האָבן אין זיך פאַרמאָגט אַ שטילע און אַלטע חכמה.

אַזעלכע חכמהדיקע הינטישע שעפּסן האָבן זיך טאַקע נאָר געקאָנט געפינען אין די אַמאָליקע צייטן ווען מענטשן זענען נאָך געווען אַ ביסל ראָמאַנטישער און גאָר פאַרצייטיש. דעמאָלט זענען נאָך די פּאָעטן פאַר־

חלומטע אַרומגעוואַנדערט אויף די פעלדער פון דיכטונג און וועלט־באַ־טראַכטונג — און האָבן געשריבן פילאָזאָפיע און פּאַסטעך־פּאָעזיע.

די היינטיקע וועלט איז נישט מער צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע פּודל־הינט. זיי ווערן טאַקע ווינציקער און ווינציקער. זיי שטאַרבן פון דער פאַר־געגנגלעכקייט ווי פליגן אין סוף זומער. אַלצדינג האָט זיין צייט. די לעצטע פון אָט דעם הינטישן געשלעכט וואָס דרייען זיך נאָך אַרום ווי פּאָעטישע רעמיניסצענצן פון אַן איידעלן פאַרצייטנס — האָבן אין זיך אַלע אייגנ־שאַפטן פון אַריסטאָקראַטישע דעגענעראַטן. זיי זענען קרענקלעך און פיזיש שוואַך ווי אונטערגייער. זעט זיך אויס, אַז נאָר דער גוף באַלאַנגט צום טראַגישן שפּיל פון דער פאַרגענגלעכקייט. גייסט און חכמה זענען אייביק. די דאָזיקע הינט, די לעצטע מאָהיקאַנער פון אַ שיינער תקופה — נישט געקוקט דערויף וואָס די זון גייט שוין פאַר זיי אונטער — זענען זיי פּאָרט פאַרבליבן ביי דער אַמאָליקער קלוגשאַפט און ביי דעם אַמאָליקן טרויער פון אַן אומגעשטילטן וועלט־שמערץ.

איך האָב תמיד געהאַט אַרום מיר אַלערליי הינט. ווען איך בין געוואָרן שפּעט אין די פערציקער האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אַ פּודל. די זון פון לעבן האָט זיך שוין ביי מיר אָנגעהויבן נייגן צו מערב צו — און איך האָב געוואָלט האָבן אַרום מיר פילאָזאָפן. פונדאַנען האָט זיך אויך גענומען, וואָס גראַד אין יענע יאָרן — ווען איך בין געוואָרן אַ בן־חמישים און דערביי אַדורכגעגאַנגען אַ שווערע לונגען־אַנטצינדונג — האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן לידער. דאָס הייסט, בלויזע סך־הכלען. איך האָף, אַז די פּאָעטן פון באַרוף וועלן אויף מיר נישט האָבן קיין פאַראיבל וואָס איך מאַך אַ פאַר־גלייכעניש צווישן הינט און לידער. דאָס באַדערפעניש נאָך סך־הכלען קומט מיט דער עלטער — און ליריק באַלאַנגט מער צו דער חשבון־הנפש־דיקער באַטראַכטעניש ווי צו דעם שאַפערישן פאַנטאַזיע־שפּיל פון בע־לעטריסטישער קונסט.

איך מיט מיין פריינט הערץ פישמאַן (איך האָב וועגן אים גע־שריבן אין פערטן בוך פון דעם דאָזיקן ווערק) זענען אַרומגעפאָרן איבער וואַרשע זוכן אַ פּודל. יידן וואָס האָבן אונז געזען צעיאָכמערטע אַרומפאָרן אויף דראָשקעס איבער וואַרשעווער גאַסן האָבן זיכער געטראַכט: מי־יודע

וואָסערע גאָלדענע געשעפטן אַט די צוויי פּריוועסעס גייען דאָ צונויפ־בינדן? וועלכן ייִד וואָלט עס געקאָנט איינפאַלן, אַז מיר זוכן אַ הונט?

ענדלעך האָבן מיר געפונען אַ קליינעם פּודל, קוים פיר וואָכן אַלט.

אין דעם ערשטן יאָר זענען מיר פון אים אויסגעשטאַנען צרות ־וי פון אַן אמתן אַריסטאָקראַטישן בן־יחיד. ער האָט כסדר געקרענקט. טאָמער האָט ער געגומען אַן איבעריקן ביסן האָט ער זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן און איז געווען פאַרביי. דער וועטערינאַרישער דאָקטער האָט אים געמאַכט איינשפּריצונגען קעגן אַלערליי הינטישע קינדער־קראַנקהייטן. דאָס דע־געגערירטע גופל פון אַן אַלטער אונטערגייענדיקער ראַסע האָט געהערט אַלע איינשפּריצונגען ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. ניק האָט געקרענקט אויף אַלע מחלות וואָס באַדראָען נאָר אַ יינגן הונט. תמיד האָט מען געמיינט: אַט האַלט ער ביים אָפּזאָגן די פּאָר גילדן און ער גייט אַוועק אין די שאַטנס צו זיינע עלטערן.

פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל האָט זיך ניק אַרויסגעוויקלט פון אַלע סכנות. די ראָמאַנטישע שיינקייט פון אַ שוואַרצן טרויעריקן שפּס האָט זיך אויף אים פאַנאַנדערגעבליט מיט דער גאַנצער אַמאָליקייט פון זיין שטאַם. מבינים האָבן אים נאָכגעקוקט ווען איך בין מיט אים געגאַנגען שפּאַצירן איבער די וואַרשעווער גאַסן. צוגלייך האָט זיך אין אים צעבליט דער גייסט און די חכמה פון אַן אַנימאַל וואָס פּאָעטן און מיסטיקער האָבן אים — אין אַ פאַרגאַנגענער תקופה — אַריינגענומען ווי אַ סימבאָלישן רעקוויזיט אין די וויזיעס פון זייער וועלט־קאָנסטרוקציע. ניק האָט אָנגעהויבן אַרויס־צואווייזן אַ סך באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט און אַן אינטעליגענטע פאַרשטענ־דעניש — און האָט זיך געקאָנט טיף און פאַרשידנאַרטיק אויסדריקן בלויז מיט די בליקן פון זיינע טרויעריקע שוואַרצע אויגן. ס'האָט פּשוט טיילמאָל אין מיר אויפגעציטערט אַן אימה פאַר דער שטומער וועלט פון אַנימאַלן, וואָס ווער ווייסט וויפל וויסן זיי טראָגן אין זיך אַרום. אַ וויסן פון וועלכן מיר, מענטשן, זענען אָפּגעוואָרפן מיט מרחקים פון מיליאָנען און מיליאָנען יאָרן. אונזערע אַנימאַלישע מיטבירגער אויפן פּלאַנעט מוזן וויסן פון אַ וויסן וואָס האָט גאָר אַנדערע געשטאַלטן און דימענסיעס און זיי גיבן אונז דערפון טיילמאָל שוואַכע, שוואַכע צייכנס. און מיר? מיר בלייבן שטיין און קאָנען נישט מער טאָן סיידן זיך וואונדערן און שטוינען.

קיין גרויסע מעלות וואָס שייך זיין פשוטער טאָג־טעגלעכער הינטיש־קייט קאָן איך אים, ניקן, ליידער נישט נאָכזאָגן. קודם־כל איז ער געווען אַ ווילדער פחדן. ווען אַ פליג האָט אים אַ זום געטאָן אין די אויערן האָט ער זיך משונהדיק דערשראָקן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ווײדל און געמאַכט אַ ויברח גלייך ווי מי־יודע וואָסער געפערלעכער שונא וואָלט באַדראָט זיין לעבן. צו ווייזן ציינער, צי, חלילה, עמעצן אַ ביס צו טאָן — פון דעם האָבן שוין זיינע אָבות־אבותינו פאַרגעסן זינט פאָעטן האָבן זיך צו זיי גענומען. דאָס פחדנות האָבן זיי זיך טאַקע געמוזט אויסלערנען ביי די פאָעטן. וואָס שייך גנבים — האָט מען ביי מיר געמעגט אַרויסטראָגן די שטוב מיט אַלע אירע בעבעכעס. ניק וואָלט דאָ נישט געטאָן דעם מינדסטן ביל. אַזעלכע קלייניקייטן האָבן אים נישט אינטערעסירט. דערפאַר האָט ער געוואוסט, אַז בשעת איך אַרבעט טאָר מען נישט אַריינקומען אין מיין צימער און מען טאָר נישט בילן. אָבער נאָר בתנאי, איך זאָל טאַקע אַליין זיין אין מיין קאַבינעט און זיצן ביים טיש און אַרבעטן. טאָמער איז עמעצער ביי מיר געווען — דעמאָלט האָט ניק גוט געוואוסט: בשעת איך בין אין צווייען האָבן די מוזעס פאַרלאָזט מיין צימער. עס איז נישט פאַראַן געווען דער כוח וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן פון נישט וועלן צו זיין דער דריטער אין דער געזעלשאַפט. ער האָט ממש געבערענט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון שריפטשטעלער, מאָלער און פאָעטן.

אַחוץ שפּאַצירן גיין מיט מיר אויף גאַס אינדרויסן און צו באַטראַכטן די וועלט און אירע ליבע באַשעפענישן, איז איינס פון ניקס גרעסטע עולם־הזהס געווען צו גיין מיט מיר אין קאַפע „זשעמיאַנסקע". דאָס איז געווען דאָס קינסטלער־קאַפע אין וואַרשע. דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען סיי יידישע און סיי פוילישע מאָלער און שריפטשטעלער. ניק האָט פשוט זיך געפילט אויפן זיבעטן הימל ווען ער האָט געקאָנט ליגן אונטערן טישל אַרום וועלכן עס זענען — וועדליק זיינע השגות — געזעסן די גרעסטע געטער פון דער וועלט. די געטער האָבן געטרונקען נעקטאַר אין געשטאַלט פון טעפלעך שוואַרצע קאַווע און געשמועסט — אויך וועדליק ניקס השגות — וועגן די דברים העומדים ברומו של עולם. אַמאָל האָט ניק אפילו בגניבה אַ לעק געטאָן צום שוואַרצן נעקטאַר. ער האָט אין אים געפילט אַ ווילדע ביטערקייט און אַ טעם־חלשות. נאָר ער האָט געהאַלטן,

אַז אין זיין שטערבלעכקייט איז ער נישט דערוואַקסן צו גענים אַט דעם געטער־געטראַנק. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך באַגנוגנט צו ליגן אונטערן טיש צווישן די פיס פון שריפטשטעלער, צו כאַפּן דאָרט אַ דרעמל און צו חלומען די שענסטע מחשבות וואָס אַ הונט קאָן נאָר חלומען.

פינקטלעך האָט ער געוואוסט די שעה ווען איך קלייב מיך צו גיין שפּאַצירן אָדער אין קאַפע „זשעמיאַנסקע". ער האָט עס געוואוסט גלייך ווי ער וואָלט אין זיך אינעווייניק אַרומגעטראָגן די מאָס פון דער צייט. ער האָט שטיל געוואַרט ביי דער טיר פון מיין קאַבינעט, אַז איך זאָל, חלילה, נישט פאַרגעסן אים מיטצונעמען אויף זיינע עולם־הזהס.

נישט נאָר די מאָס פון דער צייט. ניק האָט אויך געהאַט אַ מאָס פאַר זיין גרויסער הינטישער ליבשאַפט, אַ ליבשאַפט וואָס קאָן זיין אַזוי טיף און אַזוי מסירת־נפשדיק. אַלע ליבשאַפטן פון מענטשן — לויט ווי עס שילדערן זיי די גרעסטע דיכטער — זענען ממש גראָ און אייגננוציק אַקעגן דער ליבשאַפט וואָס אַ געטרייער הונט קאָן אַרויסווייזן צו זיינע באַלע־באַטים. בעסער געזאָגט : צו די העכערע וועזנס וואָס מיט זייערע עקזיס־טענצן האָט ער פאַרבונדן זיין גליק און זיין לעבן.

אין שטוב זענען מיר געווען דריי. איך, מיין פרוי חנה און מיין טאָכ־טער איטע. אויך ניק האָט איינגעטיילט זיין גרויסע ליבשאַפט אויף דריי מדרגות. די ליבשאַפט איז צו אַ הייליקע זאַך, אַז מען זאָל נישט וויסן אין איר קיין מאָס. ניק האָט זי אויסגעמאָסטן ווערדליק אָן אינערלעכקייט, וואָס נאָר אַ געטרייער הונט האָט וועגן איר אָן השגה.

ווי גרויס זיין ליבשאַפט זאָל נישט האָבן געווען צו מיר — פּאָרט בין איך ביי אים געשטאַנען אויף דער דריטער מדריגה. עס האָבן נישט געפּועלט קיין שום מתנות און צערטלעכקייטן כדי ניק זאָל דערפאַר בייטן די מדרגות פון זיינע באַציאונגען. ער האָט די מאָסן פון זיינע געפילן אַרויסגעוויזן אָפן און אָן שום חניפה, נישט מורא האָבנדיק אַז ער וועט האָבן שאָדן אויב ער וועט מיט עמיצן פון אונז איינרייסן — און אַז מען וועט אים צוריקצאָלן מאָס פאַר מאָס. אויף דער צווייטער מדריגה איז געשטאַנען מיין פרוי חנה. אויפן העכסטן שטאַפּל פון זיינע געפילן — געפילן וואָס האָבן דערגרייכט, ווי איך וועל שפּעטער דערציילן, צו דער

מדריגה פון אַבסאָלוטער זעלבסטלאָזיקייט — איז געשטאַנען מיין טאָכטער איטע. ווען זי האָט אים נאָר אָנגערירט — גראָד פון אונז דריי האָט זי אים אַרויסגעוויזן די ווינציקסטע צערטלעכקייט און אים זעלטן געגעבן גוטע זאַכן — אָדער ווען ער האָט זי אָנגעקוקט, האָט מען ממש געזען ווי דעם הונט גייט אויס דאָס חיות פון גרויסער אַהבה און עס האָט אים פאַר־פעלט אָטעם פון גליקזעליקייט.

קאַפּיטל איין און פֿערציק

ביטער איז דער גורל פֿון געפֿאַלענע געטער.
דאָס געפֿיל פֿון פּריוואַט־אייגנטום איז אַ טבע פֿון די
געטער. עזה כמות אהבה.

אַלצדינג צו דערציילן וועגן ניקן, זיין אײדלקייט, זיין אינטעליגענץ און זיין חכמה, וואָלט איך באַדאַרפֿט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. עס וואָלט געווען זייער באַלערנדיק און געוויזן, אַז אין תוך פֿון אירע תוכות איז די וועלט פֿאָרט נישט אַזוי פֿאַרדאָרבן און פֿאָרט נישט אַזאַ יאָמער־טאָל ווי זי קוקט אויס צו זיין — ווערדליק אַלע וואָרשיינלעכקייטן — אין דעם שפּיגל פֿון דער מענטשלעכער תקופֿה אין וועלכער עס איז איצט אונז באַשערט צו לעבן.

ווי עס זעט אויס באַלאַנגט דאָס געפֿיל פֿון פּריוואַט־אייגנטום אויך נישט אינגאַנצן צו די אייגנשאַפֿטן פֿון דער מענטשלעכער טבע. הינט קאָנען אַרויסווייזן נישט ווייניקער קאַפּיטאַליסטישע נייגונגען ווי די גרעסטע בורזשועס אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.

אַז הינט האָבן פֿיינט אָרעמעלייט איז אַ באַקאַנטע זאַך. (אויך דאָ מוז איך מאַכן אַן אויסנאַם פֿאַר ניקן. ער האָט געשוויגן און נישט געבילט ווען ער האָט געזען אַ מענטשן אין צעריסענע בגדים.) אויף יעדן אָרעמען מענטש וואָס וואַגט זיך צו דערנענטערן צו די גרענעצן וואָס געהערן צום באַזיץ פֿון זיין באַלעבאָס — און דעם דאָזיקן באַזיץ באַטראַכט דער הונט ווי דעם קדשי־הקדשים פֿון אַלע עקזיסטענצן — קוקט דער הונט ווי אויף אַ פֿאַרברעכער וואָס קומט מיט שאַלקהאַפֿטיקע געדאַנקען עפּעס צוצונעמען פֿון די דאָזיקע הייליקייטן. דער הונט האַלט דעם מענטש — און איבערהויפּט

זיין באַלעבאָס — ווי דעם טרעגער פון דער אַלמעכטיקייט. די אָרעמקייט פון אַ מענטש, דאָס הייסט, מענטשלעכע אָנמעכטיקייט, איז — ווערדליק די הינטישע השגות — אַ סתירה צו אַלע געזעצן פון קאָסמאָס. אויב אַ גאָט איז אוממעכטיק, איז ער מן־הסתם אַ געפאַלענער גאָט. אַ גאָט אַ יורד און ס'איז דער גרעסטער יושר אויף אים צו בילן און ביי אַ גוטער געלעגנהייט אים אויסצובייסן אַ שטיק פלייש פון דער ליטקע, צי אים צערייסן די שוין־צעריסענע קאַפּאָטע. ביטער איז דער גורל פון געפאַלענע געטער!

אויב באַזיץ איז אַ הייליקע זאַך און אַ טבע פון אַלע גאָטהייטן — איז עס אַ טבע וואָס דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט ביי די געטער. דער הונט, וואָס פאַרגעטערט דעם מענטש, האָט זיך אויך באַמיט אים נאָכצוטאָן אין דעם דאָזיקן געאָכפּערטן פּרט.

אַזוי ווי אַ ביין איז דער העכסטער אידעאַל פון הינטישן גליק האָט ער, דער הונט, זיך באַמיט דעם ביין אַוועקצושטעלן אויף דער העכסטער מדריגה פון זיינע וועלט־גליקן. זעט זיך אויס, אַז פּייערבאַכס טעאָריע וועגן רעליגיע קאָן מען אָנווענדן נישט דווקא בלויז וואָס עס איז שייך דעם מענטש.

ווען ניק איז אונטערגעוואַקסן און האָט אונז אַלעמען אָנגעהויבן צו פאַרבליפן מיט זיין חכמה און גוטסקייט האָט חנה באַשלאָסן אים צו קויפן אַ מתנה. אַ הונט, ווי עס איז באַוואוסט, האָט ליב עפּעס אַרומצוטראָגן אין מויל און דערין צו בייסן. חנה האָט געקויפט אין אַ יאַטקע אַ היפּשן ביין פון אַן אָקס. זי האָט דעם ביין אויסגערייניקט און אויסגעקאָכט און אים אַוועקגעשענקט ניקן.

ניק האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין ביין צו עסן, נייערט עפּעס אַ לצמיתות־זאַך, זיין אייגנס אַ פּריוואַט־אייגנטום, ענלעך צו די פּריוואַט־אייגנטימער וואָס מיר פאַרמאָגן אין שטוב — נאָר דאָ איז ער דעריבער דער איינציקער באַלעבאָס. זיין שמחה און דאַנקבאַרקייט איז געווען אין לשער. ער האָט באַלד פאַרלוירן דעם אָטעם פון גרויס גליק־זעליקייט, געשפּרונגען אין דער לופטן, געדרייט מיטן ווידל און חנהן באַלעקט דאָס פּנים. באַלעקן דאָס פּנים איז דער אויסדרוק פון דעם טיפסטן געפיל וואָס אַ הונט ווייזט אַרויס צום מענטש.

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניק פאַרשטייט נישט ווייניקער ווי

דער גרעסטער קאַפּיטאַליסט וואָס עס הייסט אַזוינס פּריוואַט־אייגנטום. ער האָט געציטערט און אַלעמען חושד געווען, אַז מען טראַגט זיך אַרום מיט שאַלקהאַפטיקע גערדאַנקען וועגן זיין בּיין. ער איז כסדר געווען אויף דער וואַך און כסדר געהאַלטן אַן אויג אויף זיין מאַיאַנטעק.

פּונקט ווי זיין ליבשאַפט, אַזוי האָט ער אויך זיין „קאַפּיטאַליסטישע ציטערניש" איינגעטיילט אויף דריי מדרגות.

איך בּין ווידער געשטאַנען אויף דער אונטערשטער מדריגה.

פאַרוואָס האָט ער גראָד מיך חושד געווען, אַז איך האָב אויך חשק צו זיין בּיין און מען מוז מיר גוט קוקן אויף די הענט? עס איז מיר שווער צו דערקלערן. אין דעם דאָזיקן פּרט האָט ער — בּיי אַלע צערטלעכע געפילן צו מיר — זיך געהאַלטן בּיי דעם כּלל: ליבשאַפט איז ליבשאַפט און געשעפט איז געשעפט. טאָמער האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז איך גיי צו צום אָרט וואו עס ליגט זיין „פּריוואַט־אייגנטום", האָט ער איבערגעלאָזט אַלע זיינע שפּילענישן. הענדום־פּענדום איז ער צוגעלאָפן, מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און געדרייט מיטן ווידל צו דערגיין וואוהין עס צילן מיינע כוונות. ביינאַכט פלעגט ער האָבן טיילמאָל זייער אַפּשרעקנדיקע חלומות. פּונקט ווי דער מענטש, חלומט אויך אַ הונט בּיינאַכט. אויך דעם הונט קומט די וועלט צו חלום, דאָ אין געשטאַלט פון אַ גאָלד־בּרונעם און דאָ ווי אַ יאָמער־טאָל. אַ שאָד וואָס פּסיכאָ־אַנאַליטיקער האָבן זיך אַזוי ווייניק פאַרנומען מיט די חלומות פון הינט. מען וואָלט דאָרט געקאָנט אויסגעפינען אַ סך געהיימענישן פון דער אור־וועלט.

טיילמאָל האָט זיך ניקן געחלומט בּיינאַכט: אָט שטיי איך — דער בּאַלעבּאָס, הייסט עס — אויף פון מיין געלעגער. מעשה־גנב גיי איך פאַמעלעכל צו צו זיין בּיין און נעם מיר אים צו. ניק האָט אַזש אויפגעבילט פון גרויס שרעק. די פעל האָט אים געציטערט פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין אַנגסטיקן חלום. ער האָט געעפנט די אויגן. ער האָט אויפגעשפּיצט די אויערן און געהאָרכט. עס איז שטיל און קיינער גייט נישט. פונדעסטוועגן איז ניק געווען אָפּגעשראָקן פון די בייזע חלומות און ער האָט זיך מיישב געווען און אין מיטן דער נאַכט געגאַנגען נאָכן בּיין, אים גענומען צווישן די ציינער און אים אוועקגעלייגט לעבן זיך אויפן געלעגער. ער האָט בּעסער געוואָלט רואיק שלאָפן בּיזן כאַאור.

חנהן האָט ער קנאַפּער חושד געווען. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַלטן אַן אויג ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו זיינע מאַיאָנטקעס.

ווען זיינע געפילן צו מיין טאָכטער איטע האָבן שוין דערגרייכט צו דער העכסטער מדריגה — האָט ער איר געוואָלט אַרויסווייזן זיין אַבסאָ־לוטע זעלבסטלאָזיקייט און אַז לגבי איר ווייסט ער נישט פון קיין גרענעצן. ער האָט גענומען דעם ביין אין מויל אַריין — און אויב זי איז געזעסן אויף אַ שטול איז ער צו איר צוגעגאַנגען און אַוועקגעלייגט דעם ביין אויף איר שויס. כדי זי זאָל נישט טראַכטן, אַז ער מיינט עס נאָר אויף קאַטאָוועס, האָט ער איר טיף געקוקט אין די אויגן אַריין, אַוועקגעגאַנגען און איבער־געלאָזט דעם ביין אויף איר שויס. עס איז געווען דער גרויסער זשעסט פון געפיל און עס האָט געהייסן: איך שענק דיר אַוועק דאָס טייערסטע וואָס אַ זינדיקע קרעאַטור אויף דער וועלט קאָן נאָר האָבן: פּריוואַט־מאַ־יאָנטקעס. עזה כמות אהבה — און וואָס קאָן זיין טייערער ווי די גרויסע ליבשאַפט? ביין! מער ווי ליבשאַפט פאַרמאָגט אויך נישט אַן אָרעמער הונט אויף דער וועלט.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

אין די חלומות פון ליבשאַפט. אַיעדער קרעאַטור
וויל דער בעל־דבר אונטערשטעלן אַ פּיסל. פון וואָס
ווערט פילאָזאָפיע און דיכטונג? דער הונט האָט זיך
נישט אַנטוישט אינם מענטש!

ניק איז געוואָרן פון חודש צו חודש שענער און קליגער. פאַמעלעכל האָט ער דערגרייכט זיין רייפקייט. מען האָט בפירוש געזען ווי דער יצר־הרע הייבט אים אָן צו פאַרקען און לאָזט אים נישט קיין מנוחה. ווען איך בין מיט אים געגאַנגען איבער וואַרשעווער גאַסן האָבן אַלע אים נאָכגעקוקט. הינטיכעס זענען געוואָרן נאָך אים די כפרה. ניק האָט מצדו אויך אָנגעהויבן שטאַרק צו ליידן פון עראָטישע ליידנשאַפטן.

איך האָב געוואוינט אויף די גויישע גאַסן לעבן די לאַזשענקעס און דעם בעלוועדער. אין יענע גאַסן האָבן געוואוינט אַ סך הויכגעשטעלטע מיליטער־לייט. דער טעלעפאָן מיינער האָט ניט גערוט. אַלערליי גענעראַלן און פּולקאָווניקעס האָבן געקלונגען: היות ווי זיי האָבן פּודל־הינט נקבות, און ביי מיר האָבן זיי געזען אַזאַ יופי פון אַ מאַנסביל, על־כן שלאָגן זיי מיר אָן אַ שידוך. אַלערליי שדכנים האָבן אָפּגעשלאָגן מיינע שוועלן מיט שידוכים פאַר ניקן.

ענדלעך איז געקומען דער חופה־טאָג.

עס איז צו מיר אַרויפגעקומען אַ פּוילישער גענעראַל, מיט זיין ווייב, מיט זיינע זין, טעכטער און שנורן. מיט גרויס ציטערניש האָט מען געפירט די יפת־תואר. זייער אַ שיינע פּודל־הינטיכע, נאָך גאָר אַ יינגע און נאָך גאָר אַ שעמעוודיקע. זי האָט אויך נאָך געמוזט זיין אַ בתולה — מחמת

זי האָט נישט געוואוסט צו וואָס מען פירט זי און זי האָט זיך אַ דערשראָ־קענע אַרומגעקוקט. זי איז געווען די אויסדערוויילטע. די כלה. איך האָב אַריינגעפירט ניקן. פון גרויס שרעק און פרעמדקייט האָבן חתן־כלה גאָר אויף זיך אָנגעהויבן בילן. מען האָט געמיינט — אויס שידוך! דער גענעראַל איז אָבער געווען אַ דערפּאַרענער גוי און ער האָט געוואוסט, אַז נאָך רעגן קומט זון־שיין און אַז ער האָט שוין אַ סך מאָל געזען אין לעבן ווי גראָד שנאה איז דער שענסטער פאָרשפּיל צו ליבע.

כך הוה.

חתן־כלה האָבן אויפגעהערט אויף זיך צו בילן. פּאַמעלעכל האָבן זיי אָנגעהויבן צו דרייען מיט די ווידלען און זיך צו באַשמעקן. צו דער גרויסער פרייד פון פּוילישן גענעראַל און זיין הויז־געזינט איז סוף כל סוף געשען דאָס גרויסע געשעעניש.

די הויכגעשטעלטע פּאָליאַקן האָבן זיך מיט מיר געזעגנט ווי אמתע מחותנים און מיר צוגעזאָגט, אַז נאָך דער קימפּעט שיקן זיי מיר צו אַ הינטל.

ווען די פרעמדע מיט דער כלה זענען אַוועקגעגאַנגען איז ניק איבערגעבליבן אַ צעמישטער. דער זיסער רויש פון דעם איבערגעלעבטן — וואָס איז געקומען, געשען און פאַרשוואונדן — איז געווען צו גרויס פאַר דעם אָרעמען אַמאַנט, אַז ער זאָל עס אַזוי גיך פאַרגעסן. אין זיין האַרץ האָט זיך פּלוצעם פאַנאַנדערגעבליט אַן אומדערשטילט און וואונ־דערלעך בענקעניש.

דער אָרעמער הונט האָט אַ גאַנצן טאָג געשפּילט די ראָל פון אַ פאַר־ליבטן ראָמעאָ. ער איז אַרומגעגאַנגען אין הינער־פלעט. אַפילו דאָס געפיל פון צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין האַרץ און ער האָט פאַרגעסן מיך אָפּצוואַרטן ביי דער טיר פון מיין קאַבינעט אין דער שעה ווען איך דאַרף גיין שפּאַצירן. ער האָט כמעט נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים און האָט גאָרנישט געוואָלט עסן. ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ גרויסן חלום און האָט אַליין נישט געוואוסט צי איז עס געווען אַ וואָר. אַזוי ווי הינט פאַרשטייען די געהיימנישפולע שפּראַך פון ריחות — די שאַרפע נאָז דער־ציילט זיי פון אַ סך זאַכן — איז ער אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען און באַשמעקט דאָס אָרט וואו ס'איז געשטאַנען די פאַרשוואונדענע פּודל־הינטיכע. מן־

הסתם האָט זי דאָרט איבערגעלאָזט איר ריח — און דער דאָזיקער ריח איז געווען דער שאָטן פון דעם גרויסן גליק וואָס איז געווען און אַנטקומען.

פודל־הינט זענען באַקאַנט פאַר געשיקטע שפּרינגער. ניק האָט אויך אין דעם דאָזיקן פּרט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס בריהשאַפט. דאָס פּחדנות זיינס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון יעדער צו האַסטיקער וואַגעניש. פונדעסטוועגן קאָן דער גרעסטער אינדיווידואַליסט נישט אינגאַנצן אויס־מעקן אין זיך די אייגנשאַפטן פון זיין ראַסע. צו אונזער אַלעמענס דער־שטוינען האָט ניק אַמאָל געוויזן קונצן אין שפּרינגען. עפּעס ווייטע אַמאָליקע הינטישע דורות האָבן אים געפּאַרקעט און געהייסן זיין אַ שקאָץ.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם טאָג פון די שיינע הינער־פּלעט איז ניקן נישט געלעגן אין קאָפּ דאָס שפּרינגען. ער האָט זיך געפילט אויף דער העכסטער מדריגה פון אַ בענקשאַפט. אַ בענקשאַפט וואָס איז געווען אי זיס און אי ווייטיקלעך. עס זעט זיך אָבער אויס: דעם בעל־דבר גייט אין לעבן ווען אַ קרעאַטור שטעלט זיך אַוועק אויף אַ העכערן שטאַפּל. דעמאָלט מאַכט ער נישט קיין חילוק צווישן אַ מענטש און אַ חיה. איעדן וואָס וויל שטייגן העכער איז דער בעל־דבר קאַפּאַבל אונטערצושטעלן אַ פיסל און מאַכן פון אים אַ טראַגישן חוזק.

נאָך אַ טאָג חלומען — ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז אַפילו אַ הונט ווערט מיד און עס הייבן זיך אָן אים צו קלעבן די אויגן — האָט דער בעל־דבר געפונען דעם בעסטן שעת־הכושר ניקן צוצורעדן, אַז ער זאָל געבן אַ שפּרונג אַרויף אויף אַ העכער שענקל.

ניק איז געשפּרונגען — אָבער געשפּרונגען איז ער ווידער נישט אויף דער וואַנט. מן־הסתם האָט דער שפּרונג געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט זיינע חלומות. דעריבער איז עס אויסגעקומען אַזוי ביטער־אומגעלומפּערט, אַז דער הונט איז צוריק אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל מיט אַ צעבראָכענעם פוס.

עד היום, אַפילו דאָ אין אַמעריקע — און נאָך אַזוי פיל טראַגישע אי־בערלעבונגען. איבערלעבונגען פּערזענלעכע און כללישע — קאָן איך נישט פאַרגעסן דעם ערשטן אַנגסטיקן געשריי וואָס דער הונט האָט געטאָן ליגנ־דיק אויפן דיל. עס איז געווען אַ געשריי פון אַלע טיפענישן פון דער קרעאַ־טור. און נאָר אַ חיה, אין די צייטן פון איר אַנגסט און צער, איז נאָך בכוח פאַר אונז צו אַנטפּלעקן די ערשטע ווייטיקן און די ערשטע שרעקן פון דער

מעשה־בראשית. די שרעק פון דער באַשאַפענער וועלט ווען זי האָט אויפֿגעוואַכט אין דעם תהום פון דעם כאַאָס. די שרעק — וואָס האָט זיך מן־הסתם שפּעטער פאַרוואַנדלט אין שטוינען — און דאָס שטוינען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מחשבה און אין פילאָזאָפיע. די אורווייטיקן פון דעם באַשאַפענעם האָבן זיך שפּעטער — מן־הסתם — סובלימירט אין דיכטונג און פּאָעזיע. ווער ווייסט עס ?

ווען מיר זענען אַריינגעלאָפן אין צימער האָט ניק געוואָיעט און אין גרויסע יסורים זיך באַמיט צוצושלעפּן אין די טונקלקייטן אונטערן בעט. אין זייער היסטאָרישן אונטערבאַוואוסטזיין האָבן הויז־חיות נישט פאַרגעסן די היילן אין די פינצטערע אור־וועלדער, וואו זייערע אָבות־אַבותינו האָבן געלעבט מיט מיליאָנען יאָרן צוריק. איעדעס אַנגסטלעכע איבערלעבעניש וואַרפט אַ הויז־חיה צוריק אויף מיליאָנען דורות. די אינסטינקטן פון די קרעאַטורן זענען צוגלייך די ביכער פון זייער געשיכטע.

אין דער שטוב ביי אונז איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ מהומה. מען האָט באַלד געשיקט נאָך אַן אויטאָ און מיר אַלע זענען מיטן קראַנקן הונט אַוועקגעפאָרן צום וועטערינאַרישן דאָקטער — יענער מיזאַנטראָפּישער פילאָזאָף, פון וועלכן איך האָב פריער דערציילט.

***

ניק האָט אויף דעם אומגליקלעכסטן אופן צעבראָכן אַ פוס. מען האָט אים דעם צעבראָכענעם פוס געמוזט שטאַרק פאַרגיפּסן און פעסט באַנדאַזשירן. ווען מען האָט אים צוריק אַהיים געברענגט איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. זיינע יסורים זענען געווען אומגעווייניטלעך. ער איז געלעגן אויף דער ערד און ביטער געוויינט.

אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. דאָ האָט חנה באַוויזן דעם הונט וואָס עס הייסט רחמנות און גוטסקייט.

זי איז נישט געגאַנגען צו בעט. אַ גאַנצע נאַכט איז זי געזעסן לעבן דעם שווער־ליידנדיקן הונט. עס איז פאַר דעם הונט געווען אַ גרויסע טרייסט ווען מען האָט אים נישט איבערגעלאָזט אַליין אין דער איינזאַמקייט. חנה האָט אים אייגנטלעך גאַרנישט געקאָנט העלפן. דער צעבראָכענער פוס

האָט וואָס אַמאָל שטאַרקער געברענט אונטערן גיפּס און אונטער די באַנ־דאַזשן — נאָר חנה האָט אים אַ גאַנצע נאַכט געגלעט איבערן קאָפּ, צו אים גערעדט און אים געצערטלט.

אינמיטן פון זיינע יסורים און זיפצן האָט ניק אויפגעהויבן צו איר זיינע אויגן, זיינע קלוגע שוואַרצע אויגן. פאַר אים איז געווען אַ טרייסט וואָס דער מענטש — ווען ער האַלט פאַר דער העכסטער גאָטהייט — האָט אים נישט אַנטוישט. מן־הסתם ווייסט די גאַנצע קרעאַטור, אַז די געטער האָבן אַ טבע צו אַנטוישן געפּאַלענע.

אין דער דאָזיקער נאַכט פון גרויסע יסורים און באַרואיקנדיקער טרייסט, — דער עיקר, ביי דער באַשטעטיקונג אין זיין גלויבן אין מענטש, — האָבן זיך אין ניקס האַרץ געביטן די מדריגות פון זיינע ליבשאַפטן צו אונז. אינם האַרצן פון דעם ליידנדיקן הונט האָט זיך געוועקט אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט און די דאַנקבאַרקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער ליבשאַפט. חנה איז ביי אים אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף די שפּיצן פון זיינע געפילן.

עס וואָלט מיר אויסגעקומען אַנצושרייבן אַ גאַנץ בוך ווען איך זאָל וועלן דערציילן וואָסערן שלל פון ניואַנסירטער צערטלעכקייט און טריי־שאַפט ניק האָט אַנגעהויבן אַרויסצואווייזן צו חנהן אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך געווען צווישן אונז — וואָרים שפּעטער האָבן מיר נישט געוואוסט אים אָפּצוצאָלן זיין טריישאַפט : ווען מיר זענען אַנטלאָפן פון פּוילן האָבן מיר אים נישט מיטגענומען מיט אונז.

עפּילאָג

פון מיין פריסטער יוגנט־אָן האָב איך נייערט געהאַט די אַמביציע צו שרייבן בעלעטריסטיק. פּרץ האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איך וועל נאָך זיין אַן עסייאיסט און אַ קריטיקער און אָנשרייבן וועגן אים (פּרצן) עפּעס רעכטס. איך האָב אים דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען פּונקט ווי איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען ווען ער האָט מיר געזאָגט (ווי איך האָב שוין דערציילט) אַז איך באַנעם נישט שלום־עליכמען און אַז ער האָפט אַז איך וועל אַמאָל גוט פאַרשטיין וואָס עס באַטייט שלום־עליכם אין דער יידישער ליטעראַטור.

פּרצעס נביאותן אין דעם פּרט זענען צו מיין גרויסער צופרידנקייט מקוים געוואָרן. זיי זענען מקוים געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט. אי איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין שלום־עליכמען און אי איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן עסייען און קריטיק.

מיין פאַרבינדן דאָס באַנעמען שלום־עליכמען מיט דעם פאַקט וואָס איך האָב שפּעטער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַ ניי ליטעראַטור־געביט — איז נישט קיין צופעליקייט. געוויס האָט פּרץ אויך נישט סתם גערעדט אויף די ווינטן ווען ער האָט די ביידע זאַכן פאַרבונדן. ווען איך האָב שפּעטער זיך אָנגעהויבן צו גריבלען אין דער פּסיכישער דיאַלעקטיק פון שריפטשטעלער און זייערע ווערק — האָב איך זיך בעסער, זעט אויס, אויסגעפונען אין די לאַבירינטן פון אַנדערע שאַפערישע מענטשן ווי אין די לאַבירינטן פון מיין אייגענעם וועג און מיין אייגענער אַנטוויקלונג. לגבי אַנדערע שטייט מען סוף כל סוף פונדערוויטנס. פונדערוויטנס קאָן מען זיך נאָך איינרעדן, אַז מען ווייסט עפּעס אין די וועגן פון דער געשטאַלטערישער נשמה. וואָס שייך זיך אַליין — דאָ טראָגט מען מיט זיך מיט דאָס

גאַנצע געשטאַלט אין דעם דיאַלעקטישן אינדיווידועלן וועג פון דער אינער־לעכער עקזיסטענץ. אַ היסטאָרישע עקזיסטענץ וואָס הייסט מענטש אין דער וועלט. דערפאַר טאַקע ווייל עס דאַכט זיך אונז אַז מיר ווייסן אַלצדינג וועגן זיך אַליין — ווייסן מיר וועגן זיך אַזוי ווייניק און מחמת דעם איז אונז שווער צו זאָגן עפּעס קלאָרס וועגן דער אייגענער פּערזענלעכקייט.

איך וועל פּרואוון צו דערציילן אַ פאַקט ווי אַזוי איך בין אינערלעך געקומען צו שלום־עליכמען. דאָס דערקענען שלום־עליכמען האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכע באַדייטונג פאַר מיין שפּעטערן שריפטשטעלערישן וועג. איך בין געוואָרן זיין תלמיד נישט וואָס שייך שרייבערישן נוסח, נאָר — ביי אַ סך לייענער וועט עס אויסקומען פּרעמדלעך — וואָס שייך גייסטי־קער וועלט־באַנעמונג.

פּרץ האָט פאַרגלייכט שלום־עליכמען מיט שעקספּירן. דעם דאָזיקן פאַרגלייך האָב איך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. שפּעטער איז עס געוואָרן דער אמת פון מיין וועלט־באַטראַכטונג.

שלום־עליכם און שעקספּיר זענען פאַר מיר געוואָרן די צוויי רע־פלעקטאָרן וואָס האָבן מיר באַלויכטן די וועלט. די צוויי גרויסע קאָמע־דיאַנטן אין דער אויסוועגלאָזער טראַגעדיע וואָס הייסט וועלט. די גרויסע וועלט־נאַראָנים אין דעם זייער טיפן און זייער קלוגן נאַרן־שפּיל פון דער וועלט. זיי זענען געווען די חכמים פון דעם רעלאַטיוון און פון דער אילוזיע — וואָס דאָס איז די איינציקע וואָרהייט פון אונזער וועלט־באַנעמונג. דעריבער זענען שעקספּירס ווערק די אייגנטלעכע ביבל פון דעם מאָדערנעם מענטש. שלום־עליכם האָט דער ערשטער אויפגעדעקט די הינטער־קוליסן פון דער גרויסער טראַגישער אומבאַקאַנטקייט וואָס רופט זיך יידישע וועלט־געשיכטע. ער האָט אונז געוויזן דעם יידישן מענטש ווי אַ וועלט־לץ צי ווי אַ וועלט־נאַר און דערמיט — דאָס קאָמעדיע־שפּיל וואָס די גאָטהייט שפּילט מיט דער אייביקייט.

נאָר לאָמיך נישט פאַראויסלויפן די געשעענישן.

עס איז געווען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין גענף, אין דער שווייץ. איך האָב דאָרט געלעבט אין איינזאַמקייט און האָב כמעט נישט געהאַט קיין באַקאַנטע.

איך בין פון תמיד־אָן געווען אַ לייענער פון ספרים און ביכער און

מיך אינטערעסירט מיט אַלערליי געביטן פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט. דאָס לייענען און לערנען איז מיר געלעגן אין בלוט נאָך פון מיין פאָטער־הויז. אין צייטן פון איינזאַמקייט לייענט מען נאָך מער ביכער און מען האָט אַ סך צייט פאַר חשבון־הנפש. ווען די אויערן הערן ווייניק — האָט ליב צו חשבונען דאָס נפש. מן־הסתם חשבונט עס תמיד, נאָר מיר הערן עס נישט ווייל מיר זענען פאַרטאָן מיט הערן עפּעס אַנדערש.

עס איז מיר צופעליק געקומען אונטער דער האַנט דאָס בוך פון ערנסט רענאַן „געשיכטע פון פאָלק ישראל״. פאַרוואָס גראָד אָט דאָס בוך האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ אַנטשיידנדיקן איינדרוק קאָן איך היינט נישט דערקלערן. ווען איך האָב עס אין שפּעטערע יאָרן נאָכאַמאָל איבערגעלייענט איז דער איינדרוק געווען אַ סך שוואַכער. דאָס ווערק איז גיכער אַ שפּאַציר־גאַנג אין די לאַבירינטן פון געמיט אײדער אַ סאָליד וויסנשאַפטלעך ווערק. עסייאיסטישע עקסקורסיעס און פילאָזאָפישע השערות זענען די אייגנטלעכע יסודות אויף וועלכע דאָס גראַנדיעזע ווערק איז געבויט. עס איז דער עקספּרי פון אַ געניאַלן פּראַנצויזישן העלעניסט וואָס האָט געוואָלט באַלויכטן דעם סוד פון דער יידישער געשיכטע. דערבײַ — האָט רענאַן נישט געהאַט קיין איבעריק גוט האַרץ פאַר יידן. ער האָט זיי נישט ליב געהאַט ביי זייער גאַנצער גרויסקייט. אַקעגן די זעעוודיקע באַוואוסטזיניקע גריכן זענען ביי אים יידן געניאַלע בלינדע באַרבאַרן וואָס ווערן געשטופּט פון דער געשיכטע. אָבער יידן זענען פון דער היסטאָרישער וועלט־אידעע נאָר אויסגענוצט געוואָרן ביז מען האָט פון זיי אַרויסגעקוועטשט דאָס קריסטנטום. נאָכדעם ווי זיי האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אָט די שענסטע פרוכט פון זייער שיקזאַל — זאָגט רענאַן — זענען זיי איבערגעבליבן אויף די פליינען פון דער געשיכטע ווי אַ טרוקענער בוים וואָס האָט אָפּגעגעבן זיינע זאַפטן און איז געבליבן אַן אייביקער עקר און אַן אייביקער שאָטן אין ווייטערן שפּיל פון די דורות.

מיט אָט דער לעצטער פראַזע פון זיין בוך איז זיך דער געניאַלער פראַנצויז נוקם אין יידן מחמת גראָד וועגן זיי און צו זייער לויב איז אים באַשערט געווען אַנצושרייבן דאָס לעבנס־ווערק פון זיין פעדער.

יאָ. ערנסט רענאַן האָט וואונדערלעך געמיטפּול אויסגעשפּונען דעם אידעאישן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע און איר מהות. ער האָט אָבער

נישט פאַרשטאַנען — צי נישט געוואָלט פאַרשטיין — אַז גראַד די שפּע־טערע געשיכטע פון יידן, גראַד די יידן נאָכן געבורט פון קריסטנטום, האָבן נאָך בולטער און טראַגישער אויסגעדריקט די אידעאָלאָגישע סימ־באָליק פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — די האָפענונגען, די ווילנס, די חלומות און די טראַגעדיעס פון דער מענטשהייט. נישט ישו אויפן קרייץ פון דער גאָלגאָטאַ, נאָר דאָס יידישע פאָלק אויפן קרייץ פון דער וועלט איז דער טראַגישער עפּאָס פון אַ ראַנגלען וואָס עס ראַנגלט זיך די ערד מיטן הימל. דאָס דאָזיקע נישט־פאַרשטיין איז דער גרעסטער חסרון פון רענאַנס „געשיכטע פון יידישן פאָלק". רענאַן האָט גוט באַנומען די ערשטע טריט פון יידישן פאָלק צו דעם דאָזיקן טראַגישן וועלט־גאַנג. ווען עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס אמתע שוישפּיל פון יידן אין דער וועלט — האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און מער נישט געוואָלט קוקן.

פאַר מיר איז ערנסט רענאַנס „געשיכטע פון יידישן פאָלק" געווען דער פאָרשפּיל צו שלום־עליכמען.

די יידישע געשיכטע, און איבערהויפּט איר לעצטע תקופה האָט שלום־עליכם באַטראַכט ווי אַ גרויסע טראַגישע סימבאָליק פון דער וועלט. אין דעם גראָטעסקן שפּיל פון זיינע ווערק פירט ער אַריין די יידישע פי־גורן — און דווקא די יידישע פיגורן פון גאָר־אונטן — ווי די קאָמע־דיאַנטן און שוישפּילער פון אָט דעם יידישן וועלט־שפּיל, וואָס שוועבט מיט די פיס אויף דער ערד און האַלט דעם קאָפּ אין די וואָלקנס.

מען מוז דורכאויס באַטראַכטן שלום־עליכמס שאַפונגען ווי די גע־עפנטע טיר צו דעם גאַנצן מהות פון יידישער וועלט־עקזיסטענץ. דער טעמפּעראַמענט און די מעשים פון זיינע יידישע מענטשן כאַראַקטעריזירן די טעמפּעראַמענטן און די כאַראַקטעריסטישע מעשים פון דער יידישער נאַציע אין דער וועלט. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן און דאַרף באַנומען ווערן שלום־עליכמס באַטייט נישט בלויז פאַר דער יידישער ליטעראַטור נאָר אויך זיין באַטייט וואָס שייך דעם באַגריף פון דעם מעטאַפיזישן וועזן פון דער יידישער געשיכטע. די יעניקע וואָס נעמען שלום עליכמען נייערט ווי אַ שפּאַסיקן און לוסטיקן יידישן שריפטשטעלער שטייען אויף דער אייגענער מדריגה פון די, וואָס פאַרשטייען נישט די אינטימע אָרגאַנישע שייכות צווישן דעם לץ און דעם מלך אין שעקספּירס „קיניג ליר". דער

לץ און דער קיניג זענען די סינטעזע פון דעם העכערן איראָנישן וועלט־אמת און דאָס מיינט: דאָס רעלאַטיווע און אילוזאָרישע פון אַלע מענטש־לעכע טועכצן.

יעדנפאַלס, ווי עס זאָל נישט זיין און ווי מען זאָל עס נישט וועלן דערקלערן — ביכער זענען אָפטמאָל ווי שיקזאַלן און שפּילן אָפטמאָל אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין דער באַשטימונג פון אַ מענטשלעך לעבן. אין שייכות צו מיין ווייטערער אַנטוויקלונג, — און אין יענע איינזאַמע געגנפער יאָרן, — איז דאָס אויבנדערמאָנטע בוך פון ערנסט רענאַן פאַר מיר געווען ווי אַ גורל. עס איז מיר דערפון אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן ווי איינעם וואָס מען עפנט אים אויף אַ פענצטער אין דער פינצטערניש.

זאָל איך זאָגן, אַז אָט דאָס טיפע איבערלעבעניש האָט מיך אַרויפ־געפירט אויף אַ ניי געביט פון שאַפן? מן־הסתם זענען דערצו אויך געווען אַנדערע סיבות אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין. אויף די שטחים פון קינסטלע־רישער שאַפערישקייט זענען די גרעניצן פון באַוואוסטן און אונטערבאַ־וואוסטן ענג צווישן זיך פאַרבונדן. אין ערגעץ רעדט נישט אַזוי הויך דאָס אונטערבאַוואוסטע ווי גראָד אין דער געשטאַלטערישקייט פון בילד און מחשבה. אונזער פּראַקטיש באַוואוסטזיין האַלט דאָס אונטערבאַוואוסטע אין די טיפסטע טונקלענישן און האַלט עס דאָרט פאַרשלאָסן הינטער טויזנט שלעסער. פּראַקטיש קאָנען מיר גאָרנישט לעבן מיט אַזאַ עשרות פון גע־פילן, וויסנס און דערקענטענישן. דאָס בידנע שיפל, אויף וועלכן מיר פאָרן אויף די שטראָמען פון לעבן איז צו ווינציק און שוואַך כדי מיר זאָלן אויפלאָדענען דערויף די אַלע געוואַלדיקע רייכטימער וואָס ליגן אין אונז. רייכטימער פון פריערדיקע וועלטן און פאַרגאַנגענע דורות. פּראַקטיש קאָנען מיר אַדורכקומען אין לעבן סיידן מיט אַ גאַנץ קליין וואַליזקעלע — און פון די אינערלעכע פאַרמעגנס מוזן מיר דאָרט אַריינלייגן דאָס סאַמע ניי־טיקסטע פאַר אונזערע טאָג־טעגלעכע געברויכן. מען מוז זיין זייער באַ־שיידן און אָרעם אין גייסט כדי זיך אַדורכצושטופּן מיט דערפאָלג אין פּראַקטישן לעבן.

ערשט אויף די פליינען פון שאַפערישקייט און מחשבה — שטחים וואָס ליגן גאָר אָפּזייט פון די שליאַכן פון דער פּראַקטישער רעאַליטעט — ערשט דאָרט הייבט אָן דאָס אומבאַוואוסטע אין אונז צו לייכטן ווי אַ זון

וואָס איז אַרויס פון די פינצטערנישן. ערשט דאָרט ווערט דאָס אומבאַ־וואוסטע אין אונז באַוואוסט און הייבט אונז אָן צו דערציילן פון אונז אַליין און פון דער וועלט. עס טויכן אין אונז אויף דערקענטענישן און זעאונגען וואָס מיר האָבן אַליין נישט געוואוסט אַז מיר פאַרמאָגן זיי אין זיך.

די טראַגעדיע פון דער יידישער געשיכטע נעמט זיך דערפון, וואָס יידן האָבן נישט געוואוסט אונטערצושיידן צווישן די עשרותן פונם אומ־באַוואוסטן און די פּראַקטישקייטן פונם באַוואוסטן. זיי האָבן נישט גע־וואוסט קיין חילוק צווישן דעם אַבסאָלוטן און דעם רעלאַטיוון און האָבן פאַנאַנדערגעמישט די יוצרות גראָד דאָרט וואו די גרענעצן מוזן זיין שטאַרק אָפּגעהיט. זיי האָבן געוואָלט לעבן צווישן חלום און וואָר. זיי האָבן געוואָלט לעבן ווערדליק די שפּילפולע געזעצן פון דער אייביקייט און דווקא אין אַ וועלט וואו די געזעצן קוקן נישט ווייטער אַרויס ווי פון די שטחים פון דעם הייַנטיקן טאָג.

קיינער האָט אונז נאָך נישט אַזוי בולט געוויזן די ספּרוזשינקעס פון דער יידישער געשיכטע אין דער וועלט ווי שלום־עליכם.

***

דאָס דערקענטעניש פון דעם וועזן פון שלום־עליכמס שאַפונגען האָבן אין מיר געוועקט דערקענטענישן פון אַ סך אַנדערע זאַכן. דער עיקר האָט עס ביי מיר געוועקט דאָס באַדערפעניש צו געבן נישט בלויז דאָס געשטאַלט פון דער אויסערלעכער וועלט, נאָר אויך דאָס געשטאַלט פון דער אינערלעכער מחשבה. אַלע פאָרמען און סיסטעמען פון פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען זענען סוף כל סוף דאָס געשטאַלט פון דער אינערלעכער מחשבה. די גרויסע דענקער פון דער מענטשהייט אונטערשיידן זיך פונ־אַנאַנדער נישט מיט דעם וואָס זיי זאָגן — וואָרים אין תוך זאָגן אַלע גרויסע דענקער איינס און דאָס זעלביקע — נייערט מיט דעם ווי אַזוי זיי זאָגן עס, — דאָס הייסט — ווי קוקט אויס זייער אינערלעך געשטאַלט אין דער אייביקער וועלט פון באַטראַכטונגען און געדאַנקען.

וואָס איז די פאָרעם פון דעם עסיי אין שייכות צו די פאָרמען פון אַנדערע געדאַנקלעכע געשטאַלטונגען? זי איז ווי דאָס איראָנישע שפּיל

פון דער מחשבה אויף די העכסטע שפּיצן פון דער קינסטלערישער גע־שטאַלטונג. אין דעם עסיי נעמט זיך די איראָניע אירע שפּילערישע פריי־הייטן אין די טונקעלע ערנסטקייטן פון דער מחשבה. דער עסיי איז אַ פּאַרעם פון באַטראַכטונג וואו אַפילו דער פּאַראַדאָקס ווערט דאָרט אַן איראָנישער שמייכל פון דעם וועלט־אמת.

עס איז כמעט ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז מיין ערשטער עסייאיס־טישער פּרואוו איז געווען זיך קלאָר צו מאַכן מיינע געדאַנקען וועגן יידן. יידן זענען ביי מיר געוואָרן אַ פּאַרעם ווי צו קוקן אויף דער וועלט אין דעם ליכט וואו עס האָט מיך געפירט שלום־עליכם. איך האָב אָנגעשריבן אַ קליינעם עסיי „טרוימער". עס איז געווען אַ פּרואוו אויפצופּאַסן שלום־עליכמען און זיין שייכות צום וועזן פון דער יידישער געשיכטע. דאָרט איז שוין געווען אַרויסגעזאָגט דער גרונט־געדאַנק וועלכן איך האָב מיט יאָרן שפּעטער ווייט און ברייט אַנטוויקלט אין מיינע צוויי ביכער וועגן שלום־עליכמען. שפּעטער האָב איך געשריבן נאָך עסייען וועגן גאָר אַנדערע ענינים און וואָס האָבן זיך נישט אָנגעקערט נישט מיט יידן און נישט מיט יידישער ליטעראַטור. סתם־אַזוי געדאַנקלעכע עקסקורסיעס — אָבער אומעטום האָט דערין געשטעקט מיין איבערלעבעניש וועגן שלום־עליכמען.

אין דער זעלביקער צייט האָב איך זיך פּאַרטיפט צו לייענען שעקס־פּירן. ער איז ביי מיר אויסגעקומען ווי דער שלום־עליכם פון דער וועלט. די צוויי חכמים און זעער וואָס שפּילן די קלאָונס אין דער גרויסער אילוזיע וואָס הייסט וועלט. ווידער איז מיר געקומען אויפן זינען וואָס פּרץ האָט מיר אַמאָל געהאַט געזאָגט וועגן שעקספּירן און שלום־עליכמען און אַז ער האַלט זיי פאַר די גרעסטע שריפטשטעלער און איז זיי מקנא.

פאַמעלעך איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק צו שרייבן אַן אַנאַ־ליטיש ווערק וועגן דער יידישער ליטעראַטור און אויף וויפל עס קומט אין איר צום אויסדרוק דאָס מעטאַפיזישע וועזן פון דער יידישער גע־שיכטע. איך בין געווען אין דער טיפסטער איבערצייגונג, אַז די אייגנטלעכע באַזע פון דער יידישער ליטעראַטור איז שלום־עליכם. ער איז איר פּסי־כאָלאָגישער און היסטאָרישער יסוד. אָן אים וואָלטן מיר נישט געווען געוואוסט וואָס זי איז מיט זיך אויסן ווי אַ היסטאָרישער פּראָצעס און וואָס

קומט אין איר צום אויסדרוק. אָן שלום־עליכמען וואָלט אויך פּרץ נישט געווען מער ווי אַ שיינע ווינט־מיל אין די פּוסטקייטן. פּרצעס היסטאָרישע אידעאָלאָגיע וועגן יידן וואָלט דעמאָלט געווען געקלונגען אין אונזערע אויערן ווי אַ שיינע אוממעכטיקע פראַזע — און מיר וואָלטן נישט געווען געוואוסט פונוואַנען שעפּט פּרץ זיינע יידישע לעבנס־וואַסערן. אָן שלום־עליכמען וואָלט די יידישע ליטעראַטור פאַרבליבן ווי אַ בנין אין דער לופטן — און ממילא וואָלט איר געווען געפעלט דער יסוד פון אַ גרויסן היסטאָרישן פּראָצעס.

באַלד אָנצוהייבן מיין אַרבעט מיט אַ ברייט און אויספירלעך ווערק וועגן שלום־עליכמען האָב איך געהאַלטן פאַר צו פרי. קודם־כל — האָב איך געטראַכט — מוז איך אַנאַליזירן די וועזנטלעכע עלעמענטן פון דער יידישער ליטעראַטור און זען זייער שייכות מיט שלום־עליכמען. איך האָב פאַרטראַכט מיין אַרבעט ווי אַ טרילאָגיע.

דאָס ערשטע בוך, „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור", האָב איך אָנגעשריבן ווי אַ סטודיע אין שייכות מיט די אידעאָלאָגישע גרונט־עלעמענטן פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם צווייטן בוך, „צווישן ווילן און אוממעכטיקייט", האָב איך גענומען פאַר אַ טעמע דעם ליטעראַרישן פּאָרטרעט פון ה. ד. נאָמבערגן.

דער מאָטיוו „נאָמבערג" האָט זייער אַ כאַראַקטעריסטישן באַטייט פאַר דער יידישער ליטעראַטור. און נישט גראָד די קינסטלערישע קוואַליטעטן פון נאָמבערגס שאַפונגען. מיט דער פּסיכאָלאָגישער פּאָזיציע וואָס ה. ד. נאָמבערג פאַרנעמט אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון דער יידישער ליטעראַטור איז ער פאַר אונז אַ וויכטיקער סימבאָל. ער איז דער מאָדערנער אינטעליגענטער ייד אין איינעם פון די בין־השמשותן פון דער יידישער געשיכטע. בין־השמשותן וואָס געהערן צו דער דיאַלעקטיק פון יעדן פּאָזיטיוון היסטאָרישן גאַנג. נאָמבערג אין דער יידישער ליטעראַטור שטייט מיט איין פוס אין דער אונטערגייענדיקער טעזע און מיטן צווייטן פוס אין דער אויפגייענדיקער טעזע — אָבער ווערליק דער קאָנסטרוקציע פון זיין געמיט הוידעט ער זיך אויף דער בריק פון דער אַנטיטעזע ווי אויף אַ צעבראָכן ברעט. ער פילט טיף יעדע טראַגעדיע אָבער ער באַנעמט זי נישט. ער איז ווי אַ שטויבעלע אינמיטן דעם שטורעם פון די איבער־

גאַנגען. אינמיטן דעם געזאַנג פון אונטערגאַנג און דעם געזאַנג פון אויפ־גאַנג איז ער דער סקעפּטישער עפּיקורעער.

ווען עס רעדן די געטער, אַז אַפילו אַ טויבער דאַרף הערן — גראַד דעמאָלט פּרעדיקט נאָמבערג די אמונה אין דער גאָטלאָזיקייט.

אין דעם פּאָזיטיוון בילד פון דער יידישער ליטעראַטור איז ה. ד. נאָמבערג אַ באַלערנדיק געשטאַלט. אַט די בין־השמשות־אינטעליגענטן האָבן זיך נישט געקאָנט דעצידירן צו גאָרנישט. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר איעדער טאַט וואָס פירט ווייטער אָדער פירט צוריק. זיי זענען געווען די טיפּישע קליינע יידעלעך אויף די גרויסע ביימעלעך. זיי זענען געשטאַנען ביי אַלע וואַסערן און נישט געוואוסט ווי אַזוי מען טרינקט. פאַר דעם היסטאָרישן בילד פון דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס גע־שטאַלט פון אַזעלכע קליינע יידעלעך זייער וויכטיק. דורך דער קליינקייט פון די וואָס האָבן מורא צו וואַגן קאָנען מיר אָפּמעסטן דאָס גרויסקייט פון די וואָס וואַגן יאָ.

ווי אַ דריטן טייל פון דער טרילאָגיע האָב איך אָנגעשריבן צוויי ביכער וועגן שלום־עליכמען. דאָרט האָב איך מיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ערשט שלום־עליכם גיט אונז דאָס היסטאָרישע גרויסקייט פון די קליינע יידעלעך אין דעם קאָלעקטיוו פון דער יידישער מאַסע. אין די ווינציקע אַטאָמען פון דער יידישער געשיכטע ווייזט אונז שלום־עליכם דעם אייביקן גאַנג פון אירע פּלאַנעטן.

דעריבער איז ער פאַרבליבן דער באָדן און דער יסוד פון דער יידישער ליטעראַטור.

***

עס זענען אָנגעקומען די לעצטע צוויי חדשים פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. איבער דעם גאַנצן פּלאַנעט פון דער ערד האָבן זיך אָנגע־זאַמלט די שוואַרצע מאוימדיקע כמאַרעס פון די געשעענישן וואָס קומען אָן. היטלערס בעסטיאַליש קול האָט געוואָיעט איבער אַלע מעגאַפּאָנען פון דייטשלאַנד און איבער אַלע ראַדיאָס פון דער וועלט. עס האָט דערפון געשמעקט מיט בלוט און מיט חורבן. ער האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, אַז אַלצדינג איז שוין ביי אים גרייט אָנצוצינדן די וועלט און דער

עיקר — צו פאַרניכטן יידן. ער האָט נישט גערעדט מיט קיין שום דיפּלאָ־מאַטיש פאַרשטעלעניש. ער איז געווען דער שוואַרצער אָדלער פון טויט וואָס שוועבט איבער די פינצטערע כמאַרעס וואָס זאַמלען זיך איבער דער וועלט. דער גערויש פון זיינע פליגלען האָט אָנגעפילט די הערצער פון מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען מענטשן מיט דעם אומהיימלעכן רויש פון טויט.

פוילן איז געוואָרן דער נאָענטסטער ציל פון אַדאָלף היטלערס אויפ־מאַרשן. זיינע חיילות זענען געווען באַפּאַנצערט און באַוואָפנט מיט די בעסטע און מאָדערנסטע משחיתים פון דער מענטשלעכער וויסנשאַפט. זיי האָבן געשפּאַרט צו פוילנס גרענעצן. די רויטע פאָן מיטן האַקן־קרייץ, האָט שטאָלץ געפלאַטערט אין אַלע ווינטן. די דייטשע ראַדיאָס האָבן גע־וואָיעט מיט היטלערס קול, גלייך די פאַנפאַרן פון די ווילדסטע און פינצטערסטע געטער פון אַ בלוטיקן אור־בראשית. אינדרויסן אין דער וועלט און אינעווייניק אין די מענטשן האָבן זיך געעפנט די תהומות פון דעם אור־־כאָאָס.

אונטער די דאָזיקע שוואַרצע מאַוימדיקע הימלען זענען די הערצער פון די פּוילישע יידן פול געווען מיט די אַנונגען פון זייער אומקום. זיי האָבן אָבער געוואוסט אָט די אַנונגען צו פאַרוואַנדלען אין געפילן פון בטחון. יידן זענען די געפּרוואוטסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע און זיי האָבן שוין מיט איר געהאַט קאַלט און וואַרעם — דעריבער זענען זיי זיך קיינמאָל נישט מיאש. אומקום וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין בטחון געהער אפשר צו דער דיאַלעקטיק פון דעם רזא־דיחידא — צו דעם דראַמאַטישן שפּיל פון דעם וועלט־איינס וואָס ווירקט אַזוי טיף אין דעם געמיט פון דעם יידישן פאָלק.

***

אין צייטן ווען מען גלויבט, אַז אַלצדינג ווערט שוין פאַרענדיקט און מען האָט פּשוט מורא צו קוקן אויפן מאָרגן — וועקט זיך אינם מענטש עפּעס אַ מאָדנע געפיל פאַר לעבנס־לוסט. אינם בעכער פון לעבן זענען נאָך פאַרבליבן עטלעכע טראָפּן — לאָמיר זיי אויסטרינקען! אכל ושתה כי מחר נמות!

גראַד איז דער זומער 1939 געווען זייער אַ שיינער. אַ פוילישער זו־מער קאָן זיין אויסערגעוויינטלעך שיין. ווען די זון האָט געשיינט און די ביימער האָבן געגרינט, האָט זיך עפּעס נישט צוגעגלויבט אַז אָט — און טאַקע אַלצדינג ווערט חרוב. סוף כל סוף ווערט דער מענטש בלינד צום מאָרגנדיקן טאָג. דאָס פּנים פון דער שוואַרצסטער צוקונפט גלוסט זיך אים צו זען ראַזיק. האָפענונג און בטחון זענען די שענסטע וויג־לידער — און מען וויל זיי הערן אַפילו ווען מען ליגט שוין אויפן טויטן־בעט.

איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין קוזמיר. אַ וואונדערלעך יידיש שטע־טעלע נישט ווייט פון וואַרשע. איך וועל דערציילן דערפון שפּעטער. מיין פאָטער און מוטער זענען געזעסן אויף אַ זומער־וואוינונג ביי לאַסק היגטער לאָדזש. איידער איך בין געפאָרן קיין קוזמיר האָב איך באַזוכט מיינע עלטערן.

זיי האָבן געוואוינט אינמיטן פון אַלטע פוילישע וועלדער. אַ גאַנצן טאָג בין איך מיט זיי צוזאַמען געווען אין וואַלד. דאָס טונקלקייט, דער ריח און דאָס רוישן פון פוילישע וועלדער האָבן שטענדיק ביי מיר אַרויסגערופן זכרונות פון מיינע קינדער־יאָרן אין דלוטאָוו. אין דער דאָזיקער שרעקעוו־דיקער צייט זענען זכרונות געווען באַזונדערס ליב און אומעטיק. מיין פאָ־טער האָט מיר אויך אַ סך דערציילט פון זיינע קינדער־יאָרן אין קוטנע. ער האָט מיר דערציילט אַלערליי מעשיות. מיין פאָטער האָט געקאָנט דערציילן זייער שיין און בילדלעך. אין דעם דאָזיקן טאָג איז ער געווען עפּעס באַ־זונדערס אויפגעלייגט און באַזונדערס האַרציק צו מיר.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער מיך באַגלייט צום באַנהויף. ווען דער צוג האָט געהאַט גערירט און איך האָב אַרויסגעקוקט פון וואַגאָן־פענצטער האָב איך געזען ווי מיין פאָטער שטייט אויפן פּעראָן און קוקט מיר לאַנג נאָך. איך האָב ממש געפילט ווי זיינע בליקן גלעטן מיין פּנים. איך האָב אויך געקוקט אויף אים ביז ער איז פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל ווי איך האָב געזען מיין פאָטער. ער האָט מיר אַזוי לאַנג נאָכגעקוקט — מן־הסתם האָט דאָס האַרץ אים געזאָגט, אַז דער צוג טראָגט מיך אַוועק אויף אייביק פון זיינע פאָטערלעכע בליקן.

שפּעטער איז ער אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט מיין מוטער.

***

דאָס קליינע יידישע שטעטעלע קוזמיר האָט אויף אַ מיניאַטורן אופן אָפּגעשפּיגלט דאָס גאַנצע בילד פון יידן אין פּוילן. איבערגעחזרט אין דער סובלימאַציע פון אַלע ניואַנסן פון פּוילישע יידן אין שייכות צו זייער פיזישער און גייסטיקער פיזיאָנאָמיע. אַפילו לאַנדשאַפטלעך האָט קוזמיר באַלאַנגט צום געמיט פון פּוילישע יידן. קוזמיר האָט עפּעס אויסגעקוקט ווי אַ פרום שער־בלאַט פון אַן אַלטן קרבן־מנחה־סידור, אַ סידור מיט ליכטיקע זילבערנע טאָוולען, אָדער ווי אַ גראַוויור וואָס אַלטע יידישע אַנאָנימע מייסטער האָבן מיט גרויס פרומקייט אויסגעקריצט אויף דער פּוילישער ערד און אונז פּלאַסטיש געוואָלט ווייזן וואָס עס הייסט אַזוינס פּה־לין.

קוזמיר איז געווען אַ שטעטעלע ביי די ברעגעס פון דער ווייסל, און עס איז געווען אַרומגערינגלט מיט נישט קיין הויכע בערג און מיט תבואה־ און קאַרטאָפל־פעלדער. די לאַנדשאַפט אַרום קוזמיר איז געווען אַ טיפּיש פּוילישע. אינמיטן אָט דער לאַנדשאַפט זענען אָפּגעהיט געוואָרן אַלערליי סודות און לעגענדעס. נישט אַלצדינג אין קוזמיר איז געווען נייערט דאָס, וואָס דאָס אויג האָט געזען אויפן ערשטן קוק. ניין! נאָך העכער, נאָך טיפער און נאָך טונקעלער . . .

צווישן די בערג אַרום קוזמיר זענען געווען ענגע טונקעלע שלוכטן פול מיט ניס־ביימער. דאָס רוישן פון די ניס־ביימער האָט זיך עפּעס ווי אויסגעמישט מיט אַ שטילער און אַלטער שווייגעניש. ווען מען איז דאָרט געגאַנגען שפּאַצירן האָט מען זיך געפילט אי זעלטן אומעטיק און אי זעלטן באַרואיקט. עס האָט אויסגעקוקט, אַז מען איז עפּעס איינער אַליין אין אַ וועלט־שווייגעניש, און די דרויסנדיקע וועלט איז נייערט אַ חלום.

דערפאַר טאַקע זענען די קוזמירער שלוכטן געווען דאָס אידעאַלע אָרט פאַר פאַרליבטע ראָמאַנטישע פּאָרלעך. ווען מען האָט זיך דאָרט, אין דער טונקעלער שטילעניש, צוגעשוואוירן אייביקע ליבע — און די ניס־ביימער האָבן לייכט צוגערוישט — האָט מען מיט דער טיפסטער ערלעכקייט געמיינט די שבועה צו האַלטן טריי. אויב ליבע איז געגליכן געוואָרן צו אַ ליד — האָט עס נאָר געהאַט אַ שייכות ווען זי האָט זיך שטיל און ראָמאַנטיש אַנטפּלעקט אין די שלוכטן פון קוזמיר.

אַ פּאָעטישע ראָמאַנטיק איז דאָרט געלעגן אויסגעגאָסן אויף ערד און הימל. אויך דער הימל האָט אַראָפּגעוואָרפן אויף קוזמיר אַ שטיל און איידל ליכט. אַ ליכט וואָס האָט שעמעוודיק געציטערט מיט חן און מיט חסד. אַזאַ צאַרט מאַלעריש ליכט האָב איך געזען נאָר אויף דריי מקומות אין גאָר דער וועלט, אין פּאַריז, אין ירושלים און אין קוזמיר.

***

אַרויסגעקומען פון די טונקעלע שלוכטן און די ליכטיקע פּוילישע תבואה־פעלדער — איז מען אַריינגעקומען אין שטעטעלע קוזמיר.

אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן איז דאָס שטעטעלע קוזמיר געווען איינס פון די רעקוויזיטן וואָס יידישע שריפטשטעלער האָבן נישט אויפגעהערט עס צו באַזינגען און צו באַשרייבן. זיי האָבן דערפון דערציילט מיט אַ סך צאַרטקייט און מיט ראָמאַנטישער ליבשאַפט. מען האָט קוזמיר באַזונגען און באַשריבן סיי אין פערזן און סיי אין פּראָזע. יידישע מאָלער האָבן דאָס שטעטעלע נישט אויפגעהערט צו מאָלן. עס איז געוואָרן אַ רעקוויזיט פון דער יידישער מאָלעריי אין פוילן. דער באַרימטער „מאַרק" פון פּרצעס מיסטיש־סימבאָלישער דראַמע — דער „מאַרק" וואו אין אַ געוויסן „ביינאַכט" ווערט אויפגעפירט דאָס שוישפּיל פון יידישן שיקזאַל סיי אין דער רעאַליטעט און סיי אין דער וויזיע — איז נישט קיין אַנדערער ווי דער מאַרק פון שטעטעלע קוזמיר. דער „ברונעם", דער „געץ", דער „קלויסטער", די „שול" פון פּרצעס דראַמע זענען גענומענע רעקוויזיטן פון קוזמירער מאַרק.

***

עס איז נישט קיין וואונדער וואָס דאָס האַרץ און פאַנטאַזיע פון אַ פּוילישן ייד אַ קינסטלער האָבן זיך אַזוי היימישלעך און זיס אַנגעצונדן ווען זיינע פיס זענען אַנגעקומען אין שטעטעלע קוזמיר. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אין וואונדערלעך־צאַרטן און איידעלען זון־ליכט אַנטפּלעקט די שמאָלע צעבראָכענע ליקעלעך און געסעלעך פון שטעטעלע — די געסעלעך מיט זייערע קליינע אַלטמאָדיש־פּאַרצייטישע און כמעט איינגעפאַלענע הייזע־

לעך. די דאָזיקע עניוותדיקע יידישע חורבהלעך האָבן אין זיך געהאַט אַ שפּע מיט יידישער מאַלערישקייט. מען האָט זיי געקאָנט פאַרגלייכן עפּעס ווי צו די רעקוויזיטן פון אַלטן און היימישלעכן כלי־קודש. עפּעס ווי צו בתים פון תפילין, צו תפילין־זעקעלעך אָדער גאָר עפּעס ווי צו בשמים־ביקסן אָדער צו צעריסענע קרבן־מנחה־סידורים. איך קאָן דאָ נישט געפינען דעם ריכטיקן אויסדרוק, נאָר די שטימונג איז געווען אַזעלכע. די קוזמירער יידישע שטיבעלעך האָבן אין זיך אויך געהאַט פון צעבראָכענע סוכות און פון די געצעלטן פון יעקב אין גלות. יענע אָהלי־יעקב פון וועלכע עס ווערט אַזוי פיל דערציילט אין חומש. נישט מער וואָס זיי זענען עלטער געוואָרן אין די לאַנגע טויזנטער יאָרן פון יידישער געשיכטע און אויך זיי זענען מיטגעקומען מיט יידן קיין פוילן און מיטגעברענגט מיט זיך דאָס אָפּגעקילטע אײדעלע זון־ליכט פון דער מדבר־סיני און פון ירושלים עיר־הקודש. — אָט די אייביקע אָהלי־יעקב האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט זייערע האַלב־צעבראָכענע פענצטערלעך, מיט זייערע טונקל־ליכטיקע געסלעך, מיט די געעפנטע טירן פון זייערע בידנע יידישע קרעמלעך אַרום דעם קוזמירער מאַרק.

***

דער קוזמירער מאַרק האָט אויסגעקוקט ווי אַן אַרכיטעקטאָניש שלאַכט־פעלד צווישן דער גויאישער און דער יידישער וועלט. בעסער געזאָגט: ווי אַ פאַרצייטישער אמונה־ויכוח צווישן יידן און גלחים און דוכסים. נישט מער וואָס דאָ אין קוזמיר האָבן די געצעלטן פון יעקב גענומען די אויבער־האַנט און אַרומגענומען דעם מאַרק מיט אַ רינג פון יידישקייט. אַ יידיש־קייט וואָס האָט דערמאָנט צפת אין די צייטן פון האר״י הקדוש, און אין די יידישע וועלט־שבירת־הכלים פון וועלכע עס רעדט אַזוי פיל די קבלה און דער זוהר.

פון די דוכסים און גלחים איז אויפן מאַרק נישט מער פאַרבליבן ווי אַן אַלט מיטל־אַלטערלעך הויז. — אָט דאָס הויז איז אויך אַ שפּילנדיקער רעקוויזיט אין פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ — אַ שוואַרצס און אַ טונקלס ווי די סוטאַנע פון אַ קאַטוילישן אינקוויזיטאָר — און מיט זיילן־גענג און נישעס. די ברייטע פראָנט־וואַנט פון הויז איז אָפן ווי די וואַנט

פון אַ גאָטישער קירך. פון אירע נישעס קוקן אַראָפּ אויף קוזמיר דוכסים און קריסטלעכע הייליקע. זיי שטייען מיט שטיינערנע שטיץ־היט און מיט צלמים און כלי־זיין אין די טיפקייטן פון דער וואַנט און קוקן אַראָפּ אויפן מאַרק און אויף די האַלב־צעפאַלענע אָהלי־יעקב וואָס שטייען אַרום און אַרום. די דוכסים און גלחים קוקן אויף די גראָע און טונקעלע יידן וואָס דרייען זיך אַרום אויפן מאַרק, טויכן־אויף און פאַרשווינדן אין די שמאָלע צעפאַלענע געסלעך. זיי קוקן אויף די יידישע ווייבער און מיידלעך, וואָס שטייען ביי די טירן פון די קרעמלעך . . .

***

אינמיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ ברונעם. ער האָט באמת אויסגעקוקט ווי אַ ברונעם פון אַ מעשה־ביכל אָדער פון אַ לעגענדע. קוזמיר איז פול געווען מיט לעגענדעס און מעשיות. אויך אָט דעם ברונעם האָט י. ל. פּרץ שטאַרק אויסגענוצט אין זיין מיסטעריע. צי דער ברונעם האָט געהערט צום גויאישן מיטלאַלטערלעכן הויז צי צום יידישן קוזמיר? עס איז שווער געווען צו זאָגן. ברונעמער שווייגן. עס שווייגט אויך דאָס וואַסער אין זייערע טויבע טונקעלע טיפענישן. אויב שטומע זאַכן האָבן מחשבות — באַהאַלטן די ברונעמער זייערע מחשבות.

אין פּרצעס מיסטעריע הייבט דער קוזמירער ברונעם אָן צו לייכטן ביינאַכט. אָט דער ברונעם איז דער אייגנטלעכער ליכט־פּונקט ביי פּרצן. דער ליכט־פּונקט אין וועמעס שיין עס שפּילט זיך אָפּ די יידישע וועלט־מיסטעריע צווישן אויבן און אונטן און צווישן פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט.

***

אַ הויכער שטיינערדיקער און שפּיציקער באַרג שטייט איבערן שטעטעלע קוזמיר עפּעס ווי אַ כותל־מערבי, ווי אַ שומר, צי ווי אַ גרויסער שאָטן — ווארים אין קוזמיר איז אַלצדינג נישט קלאָר. אַלצדינג איז ווי פּרדס — פּירוש, רמז, דרוש, סוד. דעם קוזמירער באַרג איז שווער מיט עפּעס צו פאַרגלייכן. גיכער וואָלט איך אים פאַרגליכן צו דעם ייד־באַרג צווישן די בערג

פון דער וועלט. מן־הסתם געהער עס צו דער וועלט־מחשבה, אַז אומעטום, אויף אַלע פּליינען און דימענסיעס זאָל גיין דאָס זעלביקע און אייביקע דראַמאַטישע שפּיל, וואָס אויף דער דימענסיע פון דער געשיכטע רופן מיר עס: די דראַמע צווישן יידן און גוים. מיר דוכט זיך, אַז צום טרעפלעכסטן און ריכטיקסטן וועט זיין צו פאַרגלייכן דעם קוזמירער באַרג, אין זיינע דימענ־סיעס, אין זיין מעמד און אין זיין געשטאַלט צו אַ גלות־ייד, צו אַ געוואַלדיק גרויסן און איבערדימענסיאַנאַלן יידישן אָרעמאַן וואָס איז אַנגעקומען פון גאָר ווייטע און אויסטערלישע מרחקים און האָט זיך אַן איינגעבויגענער אַוועק־געשטעלט איבער קוזמיר און וואַרט, אַז יידן זאָלן אים אַהיימנעמען ווי אַן אורח אויף שבת.

זיינע פולע שאַנקייטן האָט ערשט דער באַרג באַקומען דעמאָלט, ווען די מלכה־שבת האָט זיך געגרייט אַריינצוקומען אין שטעטעלע קוזמיר. דאָס בין־השמשותדיקע זון־ליכט ערב שבת קודש אין שטעטל איז דעמאָלט געוואָרן נאָך שטילער, גאָלדיקער און איידעלער ווי אין די טעג פון ששת ימי המעשה. יעקבס געצעלטן זענען געלעגן אין גאָלדיקן רויט. די ווייבער זענען אַרויסגעקומען אויפן מאַרק אין זייערע טערקישע טיכער — די מאַנסבילן אין זייערע בגדי־שבת. דער זון־פאַרגאַנג פון ערב־שבת־קודש האָט זיך ווי אויסגעמישט מיט דער יידישער הלבשה. עס האָט באַשיימפּער־לעך אויסגעקוקט: אויפן קוזמירער מאַרק דרייען זיך אַרום נישט קיין אָרעמע יידן און אָרעמע יידענעס נייערט דוד המלכס און אסתר המלכהס — און זיי גייען אָנגעטאָן אין גאָלד און אין פּורפּור, אין טונקעלן תכלת און אין גאָלדענע אַלטוואַרגן.

פאַמעלעכל איז די מלכה שבת אַריינגעקומען קיין קוזמיר. זי איז געקומען ווי די מאַמע רחל פון איר קבר אויפן וועג קיין בית־לחם, ווי די מאַמע רחל אין אַ טיפער קופּקע, אין אַ טערקיש טוך און מיט אַ זילבערנעם קרבן־מנחה־סידור אין דער האַנט. זון־פאַרגאַנג פרייטיק בין־השמשות! רזא דשבת! אין די יידישע הייזלעך גייט די מאַמע רחל בענטשן אירע שבת־ליכט. זי טוט אַ ליב־האַרציקן שמייכל צו קוזמירער יידן און זאָגט זיי: גוט־שבת — יידן! און אין דעם שמייכל פון שבת לייכט קוזמיר פון אינעווייניק און אויסנווייניק ווי אַן אור־הגנוז.

פאַמעלעכל, פאַמעלעכל האָט זיך אויך דער הויכער באַרג־אָרעמאַן

איינגעהילט אין די שאַטנס פון פרייטיק צו נאַכטס ווי ער וואָלט זיך געווען אָנגעטאָן אַ טונקעלע אַטלאַסענע קאַפּאָטע און געוואַרט איבער קוזמיר און געהאָרכט ווי יידן זאָגן קבלת־שבת.

⁂

ווען איך פלעג זיין אין קוזמיר בין איך אָפט פאַר די פרייטיקדיקע בין־השמשותן אַרויפגעגאַנגען אויף אָט דעם באַרג. כ׳האָב דאָרט אָפּגע־וואַרט דאָס אָנקומען פון שבת־קודש אין שטעטעלע. פון אויבן האָט מען געהאַט דעם בעסטן אויסבליק צו זען דאָס צוזאַמענשפּיל פון לאַנד פה־לין מיט אירע יידן. אַרום און אַרום — וואו דאָס אויג האָט נאָר דערגרייכט — האָבן געוואוינט גוים און מען האָט געזען תבואה־פעלדער. באַלד הינטער דעם באַרג־אָרעמאַן אויף אַ דערנעבנדיקן באַרג זענען געשטאַנען די חורבות פון אַן אַמאָליקן קיניגלעכן שלאָס.— לויט דער לעגענדע האָט דער פּוילי־שער מלך קאַזימיר דאָס דאָזיקע שלאָס געלאָזט בויען פאַר זיין מלכה אסתרקע. די דאָזיקע חורבה איז אויך אַ געמיש פון פּוילישע און יידישע לעגענדעס. עס איז עפּעס ווי אַ מין קוזמיר של מעלה. וואָרים קוזמיר — ווי אַ סינטעטישע רעקאַפּיטולאַציע פון יידישן לעבן אין פוילן שפּילט זיך אָפּ אין אַלערליי ספערעס. ספערעס ווירקלעכע און ספערעס לעגענדאַרישע.

איך ווייס נישט צי עס האָט בכלל אַ היסטאָרישן יסוד די לעגענדע, אַז דער פּוילישער קיניג קאַזימיר האָט געהאַט אַ יידישע מלכה און איר נאָמען איז געווען אסתרקע. צו דער וואונדערלעכער פּרשה חומש־מיט־רשי וואָס עס הייסט יידן אין פוילן געהער די דאָזיקע לעגענדע ווי אַן אָרגאַ־נישער קאָלאָריט. אין קוזמיר האָט זי דערגרייכט איר שענסטן אויסדרוק. זי האָט לעגענדאַריש פאַרבונדן דאָס צעפּאַלענע יידישע שטעטעלע מיט אַ פּוילישן מלך של חסד און מיט דער יידישער מלכה אסתרקע. וואו דען האָט דער מלך קאַזימיר געזאָלט אויסבויען אַ שלאָס פאַר זיין האַרץ־געליב־טער אסתרקע אויב נישט איבערן שטעטעלע קוזמיר? און וואו דען — אויב נישט הינטער דעם רוקן פון דעם איבער־דעמענסיאָנאַלן באַרג־אָרעמאַן?

אין אַזעלכע פרייטיקדיקע בין־השמשותן ווען איך בין געשטאַנען אויפן אָרעמען קוזמירער באַרג און אויסגעקוקט דאָס אָנקומען פון דער

שבת־מלכתא צו די יידן און יידענעס, האָט זיך מיר תמיד אויסגעדוכט, אַז לעבן מיר שטייט די מלכה אסתרקע און זי קוקט אויך אויס דעם שבת. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט: איר שאָטן, אָנגעטאָן אין אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ און מיט אַ שבתדיק טערקיש טוך אויף די פּלייצעס איז אַרויס־געקומען פון די חורבות פון איר שלאָס. אסתרקע קוקט אַהין צו מערב־זייט און וואַרט ווען די זון וועט זיך זעצן און עס וועט גענענען די שעה פון ליכט־צינדן. די זון נייגט זיך שוין טיפער צו מערב. קוזמיר, אירע געצעלטן און אירע יידן הייבן אָן צו לייכטן אין טונקעלן גאָלד — אין גאָלד פון אַן אַלטן קידוש־בעכער.

פאַמעלעך ווערט טונקעלער און טונקעלער. די מלכה אסתרקע גייט צוריק אין איר שלאָס. זי גייט דאָרט בענטשן שבת־ליכט. דער באַרג־אַרעמאַן אויף וועלכן איך שטיי הייבט זיך אָן איינצוהילן אין שאָטענעס. דאָס שטעטעלע קוזמיר הייבט זיך אָן איינצוהילן אין שאָטענעס. די הימלען פאַרגייען אין שאָטן. דאָס שלאָס פון דער מלכה אסתרקע ליגט אין שאָטן. די קליינע פענצטערלעך אין די קוזמירער מפולתן הייבן אָן צו ציטערן מיט שבת־ליכט. די הימלען ציטערן מיט זייערע שטערן איבער קוזמיר. רזא דשבת! עס איז שטיל און הייליק אין די אָהלי־יעקב אויף דער פּוי־לישער ערד ווען דער ליבער שבת־קודש קומט אָן צו מזל און צו ברכה.

***

אין אָט דעם יידישן שטעטעלע בין איך אָנגעקומען האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך האָב נישט געוואוסט — צי נישט געוואָלט וויסן — אַז באַלד פאַלט צו דער שוואַרצער פאַרהאַנג איבער פוילן און די טעג פון פוילישע יידן אויף דער פוילישער ערד זענען שוין ווינציקע און געציילטע. דאָס שיקזאַל קלאַפּט שוין ביי דער טיר — דער מענטש וויל נאָך אַלץ נישט וויסן ווער עס רופט.

דאָס שטעטעלע איז נישט געווען צו דערקענען. עס האָט אויסגעקוקט גלייך ווי אינערלעכע פינצטערע שטורעם־ווינטן בושעווען אין קוזמיר און די אָהלי־יעקב ציטערן ווי בלעטלעך אין דער לופטן. די אידילישע שטיל־

קייט פון שטעטל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ביטערער מרה־שחורה. עס האָט אויסגעקוקט — ווי מאַנסבילן און ווייבער גייען אין די זאָקן. איבער גאָר דער וועלט האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אַ תשעה־באָב — און טיטוס הרשע האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיינע חיילותן איבערן יידישן שטעטעלע. די אימה האָט זיך נאָך געשטאַרקט דערמיט, וואָס איבער די געזימסן פון דעם טונקעלן מיטלאַלטערלעכן הויז וואָס אויפן מאַרק, האָט מען אויפגע־האַנגען אַ שאַליקן ראַדיאָ־רעדער. האָט ער מיט אַ ווילסט און שאַרף קול אַריינגעשריגן אין קוזמירער מאַרק און דערציילט פון דעם שוואַרצן גע־וויטער וואָס עס גרייט זיך אויף פוילן און אויף גאָר דער וועלט. טיילמאָל זענען אַלע געשרייען פון ראַדיאָ־רעדער אַנטשטומט געוואָרן. מען האָט געהערט דאָס הייזעריקע געוואָיערײ פון אַדאָלף היטלער און ער האָט ווי־דער דערמאָנט, אַז עס איז געקומען דער סוף פון יידישן פאָלק און אַז ער, אַדאָלף היטלער, וועט יידן אויסראָטן ביז אויף איינעם.

קוזמירער יידן זענען אַרומגעגאַנגען שטילע און מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ ווי שעפּעלעך פאַר דער שחיטה און ווי די אייביקע אבלים פון דער וועלט.

די ערד האָט מיר געברענט אונטער די פיס און איך בין צוריקגע־לאָפן קיין וואַרשע. אין די עטלעכע טעג וואָס איך בין דאָרט נישט געווען האָב איך אויך וואַרשע נישט דערקענט. וואַרשע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויס תשעה־באָבדיק קוזמיר. דאָס אימהדיקע עצבות האָט אַראָפּגע־שריגן פון אַלע ווענט. איבער די גאַסן זענען געגאַנגען מענטשן מיט לאָ־פּעטעס. עס האָט אויסגעקוקט גאָר אומעטיק צו זען ווי אויך חסידישע יידן און אַלטע יידישע ווייבער טראָגן לאָפּעטעס און גייען אויפגראָבן וואַרשע. אומעטום האָט מען געגראָבן שוץ־גרובנס כדי איינצוהאַלטן היטלערן.

די וועלט־קאַטאַסטראָפע האָט זיך דערנענטערט צו פוילנס גרענעצן. ס'איז געקומען דער מלחמה־טאָג.

ווי דימענסיאָנאַלע שוואַרצע אָדלערס זענען היטלערס אַעראָפּלאַנען געפלויגן איבער וואַרשע. פון די ליכטיקע האַרבסט־הימלען פון פוילן האָבן זיי אַראָפּגעשאָסן טויט און פאַרניכטונג.

פאַר יידן האָבן זיי אָנגעזאָגט דעם סוף.

***

באַלד אין ערשטן מלחמה־טאָג צוויי אַזייגער בייטאָג קלינגט ביי מיר דער טעלעפאָן. עס רעדט הענריק ערליך. ער גיט מיר אָנצוהערן, אַז ווי דער פּאָרזיצער פון פּען־קלוב וואָס האָט געפירט אַ פּאָליטישן קאַמף קעגן נאַציזם בין איך מסתמא פאַרשריבן ביי די נאַציס ווי איינער מיט וועמען מען דאַרף זיך אָפּרעכענען, און ער מיינט, אַז איך דאַרף אַנטלויפן.

איך האָב אַלצדינג איבערגעלאָזט — די היים און דאָס האָב־און־גוטס וואָס איז מיר איבערגעבליבן פון זיידע ברוך. איך האָב בלויז איינגעפּאַקט אין אַ פּעקל מיינע כתבים זיי מיטצונעמען אין די אומבאַקאַנטקייטן וואָס וואַרטן אויף מיר —

און דאָס איז אַלצדינג וואָס איז מיר איבערגעבליבן פון פּוילן.

איך, מיין פרוי חנה און מיין טאָכטער איטע זענען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַלאַצל ווי אָרעמעלייט מדינה־גייער.

דער הונט ניק איז לאַנג געשטאַנען אויף דער גאַס און האָט אונז נאָכגעקוקט.

אַ געטרייע חיה האָט אַ סך אַנונגען. דער הונט האָט געוואוסט אַז ער זעט אונז דאָס לעצטע מאָל.

מיר זענען אַוועק צופוס און מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס.

די פענצטער פון אַלע הייזער אין דער שטאָט זענען געווען באַקלעפּט מיט שוואַרץ פּאַפּיר כדי ביינאַכט זאָל וואַרשע ליגן אין די פינצטערנישן.

עס איז אונז אויסגעקומען, אַז מיר גייען אין אַ שוואַרצן טויטנקאַסטן.

אויבן אין די הימלען האָבן ווי פירכטערלעכע דעמאַנען געשטורעמט היטלערס עראָפּלאַנען.

ניו־יאָרק, 4טער דעצעמבער, 1951.

הוספות

(צום קאַפּיטל 34)

1

אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג" פון 20סטן דעצעמבער 1938 איז געווען אָפּגעדרוקט דאָס ווייטערדיקע:

דער פּען־קלוב באַגעגנט זיך מיט די יידישע פאָלקס־לערער און שול־טוער

דאָנערשטאָג אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף צווישן די וואַרשעווער ייד. שרייבער, קינסטלער און לערער פון דער יידיש־וועלטלע־כער שול — עס איז פאָרגעקומען אַ זייער אינטערעסאַנטער מיינונג־אויס־טויש, וועלכער האָט זיך פאַרצויגן ביז דריי אין דער נאַכט. מיט גרעסערע רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן, לויט דער ריי: י. י. טרונק, ח. ש. קאַזדאַן, מ. פּאָליאַק, ל. פינקלשטיין, נ. בוקסבוים, א. קאַציזנע, ש. י. סטופּניצקי, ש. מענדעלסאָן, י. מ. ניימאַן, נ. מייזל, י. פּאַט און א. מאַנגער. אַלע רעדעס זענען אויסגעהערט געוואָרן מיטן גרעסטן אינטערעס. עס זענען געווען פיל וויכטיקע אַרויסטרעטונגען.

די איינלייטנדיקע רעדע אין נאָמען פון פּען־קלוב האָט געהאַלטן דער פאָרזיצער פון פּען־קלוב ח' י. י. טרונק. מיר ברענגען דאָ זיין רעדע, וועלכע איז געווען אַזוי ווי אַ וועג־ווייזער פאַרן ווייטערדיקן מיינונג־אויסטויש. דעם אינהאַלט פון די איבעריקע רעדעס וועלן מיר ברענגען מאָרגן.

די רעדע פון פאָרזיצער פון פּען־קלוב ח' י. י. טרונק

אין די ביטערע יאָרן פון דער וועלט־שחיטה האָבן זיך אויף די גאַסן פון וואַרשע אָפּגעשפּילט שרעקלעכע און טראַגישע בילדער פון יידישן לעבן. פון זייערע וואוין־ערטער האָט מען די יידישע מאַסן געטריבן ווי

שחיטה־פּי. די יידישע היימען זענען אַוועק מיטן רויך פון אונטערצינדער. נע־ונדע יידישע מענטשן — יידישע אָרעמקייט — היימלאָזע — האָבן זיך הונגעריקע און צעשראָקענע געצויגן איבער די וואַרשעווער גאַסן. חורבן און יאָמער־בילד פון מענטשן. איבער די גאַסן פון וואַרשע איז געגאַנגען די פינצטערע פּראָצעסיע פון יידישער נויט און יידישער אויסזיכטלאָזיקייט.

י. ל. פּרץ, דער סובטעלסטער דיכטער, די גאָלדענע קייט אונזערע, דער בוי־מייסטער פון דער ליטעראַטור אויף יידיש, האָט מיט פיל מענטש־לעכער אויפריכטיקייט זיך צוגעקוקט צו די דאָזיקע וויסטע בילדער פון יידישער אָנמאַכט. — ער האָט צו זיך געזאָגט:

— וואָס איז ליטעראַטור אויף יידיש? די לעבנס־מהותן פון דער יידישער מאַסע וואָס האָבן דאָ דערגרייכט זייער שעפערישע געשטאַלט־לעכקייט; די נשמה־בילדער פון יידישן לעבן; דאָס יידישע פולווערטי־קייט־געפיל. יידיש שאַפן איז ווילן צו לעבן. יידיש שאַפן איז גלויבן אין לעבן. אָבער סוף כל סוף איז שעפערישקייט נאָר אַ פאָרם פון אינערלעכער אָרגאַניזירטקייט, אינערלעכער קלאָרקייט, לעבנס־ליניע, ציל און אויס־בליק. דערציאונג. עס זענען אַלץ די קאַמפּס־פאָרמען פון דער זאַמלונג מיט דעם כאַאָס. איז עס אָבער מעגלעך — אַזוי האָט זיך געפרעגט פּרץ — אין באַדינגונגען פון אַבסאָלוטער צעשטויבטקייט, ווערימדיקייט, אין דעם דאָזיקן לעבנס־כאַאָס פון די יידישע מאַסן, צו שאַפן ווערטן פון יידישן געשטאַלט, פון יידישער גייסטיקער צוזאַמענגענומענקייט, די ווערטן פון יידישער זעלישער אָרגאַניזאַציע? צי איז מעגלעך אין עלנטער אַפּהענטי־קייט, רעזיגנאַציע און אין פולשטענדיקער מענטשלעכער מאַכטלאָזיקייט, צו שאַפן אין די יידישע מאַסן די ווערטן פון מענטשלעכן זעלבסטבאַוואוסט־זיין, דאָס באַציאונגס־געפיל צו זיך אַליין און דאָס באַציאונגס־געפיל צו דער וועלט, די ווערטן פון יידישער גייסטיקער מאַכט?

ניין! — אַזוי האָט צו זיך געזאָגט י. ל. פּרץ — דער יידישער מענטש מוז דערהויבן ווערן פון זיין שפלדיקער עלנטקייט צו טאַט און קאַמף. עלנטקייט איז כאַאָס. — קאַמף איז געשטאַלט. נאָר אין קאַמף וועט דער יידישער מענטש קאָנען ווערן שעפעריש. דערציאונג — דאָס איז דער גראַדער און דער אָרגאַניזירטער וועג צו דער באַפרייאונג. דערציאונג איז

דער וועג צום זעלבסט־דערקענטעניש, דער וועג צו אינערלעכער פול־ווערטיקייט. דערציאונג איז אָבער אויך דער גראָדער וועג צום קאַמף.

דערציאונג צום קאַמף! דערציאונג צום אייגענעם ווערט! מען מוז ערשט דעם יידישן מענטש דערציִען דערצו, אַז ער זאָל קאָנען באַנעמען און געשטאַלטיקן אין אינערלעכער זאַמלונג זיינע מענטשלעכע און יידישע שיינקייטן. דאָס איז דער וועג פון דער וועלטלעכער יידישער שול. און די ליטעראַטור אויף יידיש — דערדאָזיקער וואונדערלעכער פּאַרמעסט פון יידישן לעבן — זי קאָן אויך נאָר געדייען אין דער אַטמאָספערע פון דער־ציאונג. זי קאָן אויך נישט געדייען אין כאַאָס. פּרץ האָט עס באַנומען און ער האָט געטאָן זיין היסטאָרישן חוב. חברים לערער, לאָמיר עס דאָ אַלע געדענקען: דעם ערשטן בוי־שטיין פון דער דאָזיקער קאַמף־פּאָזיציע פאַר יידישן ווערט — די יידישע וועלטלעכע שול — האָט געלייגט איינער פון די גרעסטע בויער פון דער יידישער ליטעראַטור, י. ל. פּרץ.

דער רוף צו דער קעמפערישער יידישער שול — די דערציאונגס־פּאָזיציע פאַר אַ ווערטפולער יידישער צוקונפט — האָט לייכט געטראָפן דעם וועג צו דער קאַמפס־פּאָזיציע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. אין מיטן דער טראַגישער באַדנלאָזיקייט פון יידישן לעבן האָט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס מיט פיל מאַרטירערישקייט און העראָאיזם פאַנאַנדערגעבויט פעסטע באַדנהאַפטיקייטן; די קאַמפס־פּאָזיציעס פאַרן סאָציאַליזם. אינם סאָציאַ־ליסטישן קאַמף איז דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־קלאַס גע־גאַנגען דעראָבערן די שענערע צוקונפט פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן. סאָציאַליזם — איז דאָס בילד פון אַ לעבנס־שטייגער, אָבער סאָציאַליזם איז אויך די אַקטיווע לעבנס־שול. איינע פון די ערשטע אויפגאַבן פונם סאָציאַליסטישן קאַמף איז — צו דערציִען דעם סאָציאַליסטישן מענטש פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די יידיש־וועלטלעכע שול און דער סאָציאַליזם—וואָס שייך דערציערישע פּערספּעקטיוון—איז זייער וועג דער גלייכער. אויך זייער ציל איז דער גלייכער. פּרצעס טאַט איז געווען ווי אַ רוף צום יידישן אַרבעטער־קלאַס. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט געטאָן זיין חוב. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט באַטראַכט די יידיש־וועלטלעכע שול ווי זיינס אַ קאַמף־פאַרבינדעטע.

***

אין דער יידיש־וועלטלעכער שול שטייט איר, חברים־לערער, שוין צוואַנציק יאָר אַלס מסירת־נפשדיקע קעמפער, וועג־ווייזער, יידישע צו־קונפט־בויער. ערע און כבוד אייך, לערער פון דער יידישער שול! גראָד איר טוט ווייטער די גרויסע טאַט פון י. ל. פרץ. און מיר, די יידישע שרייבער — אין דער פערזאָן פון י. ל. פרץ האָבן מיר, אַזוי צו זאָגן, געלייגט דעם ערשטן בוי־שטיין פון דער יידישער שול. מיר האָבן עפּעס צוגעזאָגט פאַר דעם יידישן קאַמף. טייערע חברים לערער, איך בין מודה: נישט תמיד האָבן מיר געגעבן גענוג געטאָן אונזער היסטאָרישע פליכט פאַר דער יידישער שול אַזוי ווי איר האָט זי געטאָן און טוט זי כסדר. נישט תמיד האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ווען מיר וועלן נישט צוזאַמען מיט אייך טאָן די טאַט פון יידישן קאַמף — און מיר וועלן נישט העלפן דאָס יינגע יידישע דור ווירדיק צו דערציען צו זיינע לעבנס־אויפגאַבן — דאַן וועלן מיר סוף כל סוף די יידישע קינסטלערישע געשטאַלטונג בויען אויפן כאַאָס, און דער כאַאָס וועט אָפּווישן אירע שפּורן. ווי אונז ווען מיר וועלן די היים פון דער יידישער קונסט בויען אויפן אָפּגרונט. — דער אָפּגרונט וועט זי פאַרניכטן. ווען מיר וועלן זייען אויפן ווינט, וועלן מיר שניידן ווינט. ווי דעמאָלט אין די ביטערע יאָרן פון דער וועלט־שחיטה, ווערן היינט צו טאָג די יידישע הימלען איבער אונזערע קעפּ פינצטער און פינצטערער. אונטער אונזערע טריט ציטערט די וועלט אין חשכותדיקן פאַנאַנדערפאַל. מיר פילן זיך ווינציק און מינדערוועריטיק. האָפנונגסלאָזע אָפּהענטיקייט דערשלאָגט אונזער גייסט. פאַמעלעך ווערן מיר געגליכן צו שטויב און פלעווס און אַרום אונז בושעוועט דער כאַאָס. נאָר איין כוח האָבן מיר נאָך און נאָר איין אָננעמער, דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס. זיינע פיס וואַקלען זיך נישט. אין מיטן דעם כאַאָס שטייען די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער מיט דערהויבענע פויסטן גרייט צום קאַמף און רופן אונז צו זאַמלונג. אַרום אונז איז שטורעם־געלאָדענע פינצטערניש — נאָר די רויטע פענער פון סאָציאַליזם פלאַקערן דאָרט ווי דערצונדענע פאַקלען. עס זענען ווידער אָנגעקומען די לעצטע טעג פון אונזער חשבון־הנפש און הויך און דראָענדיק מאָנט אונז דאָס געוויסן.

***

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט פּרץ געוואוסט זיך צו אַנטשיידן. מיר, יידישע שרייבער, אין די היינטיקע שווערע טעג דערמאָנען מיר זיך אין פּרצן און מיר ווילן גיין אין זיינע וועגן. פּרצעס דערציערישע — צוגלייך זיין רעוואָלוציאָנערסטע טאָט — די יידיש־וועלטלעכע שול, זי ליגט הינטער מעכטיקע שוץ־וואַלן. מוטיק שיצן זי און עס שטייען אַרום איר ווי גע־טרייע היטער די שטאַרקסטע אוואַנגאַרדן פון אַ שענערער יידישער צו־קונפט — די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער. און איר, חברים לערער, אין די גרעסטע סכנות און אין ליידנפולסטע שווערקייטן, טוט איר די רע־וואָלוציאָנערע טאָט פון אַקטיווער יידישער קולטור. דער וואונדערלעכער מאַן, י. ל. פּרץ, ער איז דאָס געוויסן פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס דאָזיקע געוויסן רופט אונז צו אייער אַרבעט. מיר ווילן קומען. צוזאַמען מיט אייך ווילן מיר זיין אין קאַמף, צוזאַמען מיט אייך אין זיג, צוזאַמען מיט אייך אין לייד, און צוזאַמען אין דער פרייד פון דעם נייעם קומענדיקן מאָרגן. מיר זענען אייך שולדיק אַ חוב, אייך, לערער פון דער יידישער שול. אַ געוויסנס־חוב. מיר ווילן זיך באַמיען דעם דאָזיקן גרויסן חוב אייך צו באַצאָלן.

טייערע חברים, לערער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, ברוך הבא אייך צווישן אונז! זייט האַרציק באַגריסט אין נאָמען פון יידישן שרייבער, אין נאָמען פון יידישן פּען־קלוב.

2

(„פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 13טער מאַי 1938)

די באַדייטונג פון דער פּרץ־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור. די עפענונג־רעדע פון ח' י. י. טרונק אויף דער אַקאַדעמיע פון פּען־קלוב

ווי מיר האָבן שוין נעכטן געמאָלדן, האָט דער פּען־קלוב אין וואַרשע פאַרטיילט דינסטאָג אין אָוונט אויף אַ פייערלעכער אַקאַדעמיע אין ליטעראַטן־פאַראיין די פּרעמיע פאַר ליטעראַטור אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. די פּרעמיע פון 1000 גילדן איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די דריי שריפטשטעלער י. פּערלע (פאַר זיין ווערק „יידן פון אַ גאַנץ יאָר“), י. ראַשקין (פאַר „מענטשן פון גאָדלעבאָזשיץ“) און אהרן צייטלין (פאַרן ראָמאַן „ברענענדיקע ערד“). די אַקאַדעמיע האָט געעפנט דער פאַרזיצער פון פּען־קלוב חבר י. י. טרונק מיט פאָלגנדיקער רעדע:

ווען די פאַרוואַלטונג פון פּען־קלוב האָט באַשלאָסן די פּרץ־פּרעמיע האָט זי דערמיט געוואָלט ברענגען צום אויסדרוק צוויי וויכטיקע מאָמענטן. ערשטנס: מיר לעבן היינט אין צייטן, ווען אַרום די יידישע מאַסן זענען אָפן אַלע פינצטערע תהומות. האָפנונגלאָזיקייט און סכנות באַדראָען אונז. נישט בלויז פאַר דער יידישער ליטעראַטור, נאָר פאַרן יידישן לעבן בכלל איז עס אַ גוטער סימן וואָס אין אונזער קולטור־שאַפן הערשט נישט קיין יאוש און אַפּהענטיקייט, און די קוואַלן פון יידישער שעפערישקייט פאַרזאָגן נישט. קולטור איז די סובלימירטע פאָרם פון אינערלעכע לעבנס־כוחות. אויב מיר האָבן גענוג כוח צו שאַפן — הייסט, אַז מיר האָבן גענוג כוח צו לעבן. היינט צו טאָג איז דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין פאַר אונז אַ גרויסער טרייסט און אַ גרויסע האָפענונג.

דער צווייטער מאָמענט — אויך זייער אַ וויכטיקער — מיט וועלכן די פאַרוואַלטונג פון פּען־קלוב האָט זיך גערעכנט, איז מער, אַזוי צו זאָגן,

אַ היימישער און האָט אַ שייכות צו אונזער יידישער שרייבערישער געמיינ־שאַפט. אין זיין אינערלעכער וועלט איז דער שריפטשטעלער טאַקע פריי און אינדיווידועל, אייגן און איינזאַם. אַפילו די שטילע שרייבערישע התבודדות איז אייגנטלעך נאָר אַ גרויס געפיל פון באַציאונג און געמיינשאַפט־לעכקייט. אַ געמיינשאַפט־געפיל, וואָס דריקט זיך בלויז אויס אין פּערזענ־לעכקייטס־אַטריבוטן. דאָס אַחריות־געפיל פונם קינסטלער פאַר זיין טאַט, די אויסבליקן זיינע צו דער וועלט, די אומגעשטילטע בענקשאַפטן פונם קינסטלער צום רום און אומשטערבלעכקייט. — אין דער אמתן זענען עס נאָר זיינע שטאַרקע איבערלעבענישן פון אַ גרויס געמיינשאַפטס־געפיל. ער פילט זיך פאַראַנטוואָרטלעך און אַריינגעוואקסן אין אַ מענטשלעכער צוזאַמענקייט. און ער וויל שטענדיק פאַרבלייבן אין דער דאָזיקער מענטש־לעכער צוזאַמענקייט. דער קינסטלער לעבט און געדייעט אינם געפיל פון אַ גרויסער ברידערלעכקייט.

אין אַ געפיל פון וואַרעמער און אינטימער צוזאַמענקייט שאַפט דער קינסטלער באַזונדער. וואונדערלעך און ברידערלעך איז דאָס פילן זיך צוזאַ־מען! צוזאַמען אין יידישער קולטור־טעטיקייט. צוזאַמען ביי דעם בנין פון יידישער ליטעראַטור, — דאָס דאַרף אונז געבן אויסדויער און מוט אין אונ־זער ווייטערן שאַפן. וואָרים מיר טאָרן אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן: יידיש קולטור־שאַפן הייסט צוגלייך ביטערער און העראָאישער קאַמף פאַר יידיש לעבן! דער יידישער שריפטשטעלער היינט צו טאָג איז נישט בלויז דער בויער פון קונסט־ווערק אין דער איינזאַמער רואיקייט פון זיין פּער־זענלעכקייט. ער איז אויך אַ קעמפער, אַ קולטור־קעמפער פאַרן ווערט און פאַר דער גייסטיקער חשיבות פון יידיש לעבן. די פעדער איז צוגלייך די קאַמפס־שווערד. אויך די קונסט־טאַט פונם יידישן שריפטשטעלער איז אַ שווערע און אַ ביטערע. אין טראַגישן געראַנגל פון די יידישע מאַסן פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן שטייט ער, דער יידישער שרייבער אויף אַ באַזונדערער און אַרויסגערוקטער פּאָזיציע.

אויך אים, דעם יידישן שריפטשטעלער, דראָען נישט ווינציקער די זעלביקע פינצטערע תהומות, צו וועלכע מיר אַלע זענען היינט צוגעקומען. נאָר מיטן מאָרגנשטערן פון די יידישע מאַסן וועט אויפגיין דאָס ליכט פון דער יידישער ליטעראַטור און מיר קאָנען זאָגן מיט שטאָלץ: ווען נאָך די

אַלע ביטערע טעג וועלן אָנקומען שענערע צייטן פאַרן יידישן לעבן, וועלן מיר, די יידישע שרייבער, אויך האָבן אַ גרויס חלק אין דעם זיג פון דער יידישער צוקונפט. אינמיטן פייער און שטורעם האָבן מיר נישט פאַרצווייפלט און נישט אָפּגעטרעטן און נישט פאַרלאָזן די פאָן. העראָאיש האָבן מיר געטאָן די טאַט פון יידישן וואָרט און פון יידישער קולטור. מיר האָבן צו־זאַמען מיט אַלעמען געבלוטיקט. און די טאַט פון יידישער קולטור האָבן מיר געטאָן אין שווערן, מיפולן צער.

יידישע קולטור היינט צו טאָג איז אַ טאַט פון דער גרעסטער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט. מיר דאַרפן זיך פילן גרייט און געוואַקסן צו דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר אַלע צוזאַמען שמידן די קרוין פון יידישער גייסטיקייט. אייניק שטייען מיר אין לעבן און טויט. גרויס און הייליק און ברודערלעך דאַרף אין אונז זיין דאָס געפיל פון דער דאָזיקער שיקזאַל־פולער צוזאַמענקייט פון יידישע שרייבער.

עס איז גוט און עס איז נוצלעך וואָס אין אונזער שווערן קאַמף ווילן מיר אַמאָל מאַכן פאַראַדן. מיר ווילן דעמאָנסטרירן. מיר ווילן אַרויס־טרעטן פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט און ווייזן, אַז מיר ווייסן פון אונ־זער באַשטימונג. און מיר לעבן. — און דאָס יידישע וואָרט געשטאַלטיקן מיר פריש און מונטער. מיר האָבן זיך דאָ היינט צונויפגעזאַמלט אויף אַ פייערלעכער אַקאַדעמיע, און מיר ווילן אָפּגעבן דעם פאַרדינטן כבוד די בויער פון אונזער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן אויסגעקליבן עטלעכע פון צווישן אונזערע רייען מיט וועמענס פערזאָן מיר ווילן פאַרבינדן די דאָזיקע פייערלעכקייט. און מיר טוען עס נישט דערפאַר ווייל מיר האָבן בדעה צו מינערן דעם ווערט פון אַנדערע קאָלעגן. די טייערע לאַורעאַטן זענען, אַזוי צו זאָגן, די סימבאָלישע פיגורן, די שלוחים פון דער יידישער שריפטשטעלערישער געמיינשאַפט. אין די פרעמירטע חברים ערן מיר דעם לעבעדיקן יידישן שריפטשטעלער.

מיטן טיפסטן באַוואוסטזיין פון אונזער טאַט האָבן מיר אונזער פרעמיע פאַרבונדן מיטן הייליקן נאָמען פון י. ל. פרץ. די געשטאַלט פרץ וועט אייביק פאַרבלייבן אַ מאָנונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור און אַ ליכטי־קער וועג־ווייזער ווי אַזוי מען דאַרף צו פאַראייניקן דאָס אינדיווידועל־קינסטלערישע מיטן געמיינשאַפטס־געפיל — און דער עיקר, ווי אַזוי עס

דאַרף אויסקוקן די מאָראַלישע געשטאַלט פון אַ יידישן שרייבער. די דער־הויבונג פון דער יידישער קונסט איז פאַר פּרצן געווען אַ דערהויבונג פון יידישן לעבן. פּרצעס שבת־יום־טובדיקייט איז געווען דער אידעאַל פון אַ שבת־יום־טובדיקייט פאַר דער יידישער געמיינזאַמקייט. פּרץ איז געווען דער גרעסטער צווישן אונז, וואָס זיין קונסט איז צוגלייך געווען אַ דער־לייזונגס־קאַמף פון יידישן לעבן. דעריבער איז יעדער נייער שפּראָץ אין דער יידישער ליטעראַטור געווען פאַר אים אַן עץ־החיים, יעדער נייער טאַלאַנט האָט געשטאַרקט די רייען פון די בויער. יעדעס נייע גוטע בוך איז געווען פאַר פּרצן די פריידיקע בשורה פון זיינע אייגענע האָפענונגען.

זאָל פּרצעס נאָמען פאַרבלייבן דער שטערן אויפן וועג פונם יידישן שריפטשטעלער. לאָמיר זיך זאַמלען ביי דעם פייער פון אַ גרויסער ליב־שאַפט וואָס פּרץ האָט אָנגעצונדן אויף אונזער וועג. אייביק וועלן מיר דער־מאָנען זיין נאָמען אין טיפער ערפורכט, אין ליבע און אין דאַנקבאַרקייט.

י. י. טרונק

פוילן

זכרונות און בילדער

פוילן (זכרונות און בילדער) ערשט בוך.

פוילן (זכרונות און בילדער) צווייט בוך (קינדער־יאָרן).

פוילן (זכרונות און בילדער) דריט בוך („יוגנט").

פוילן (זכרונות און בילדער) פערט בוך (די פריוועסעס).

פוילן (זכרונות און בילדער) פינפט בוך (פרץ).

פוילן (זכרונות און בילדער) זעקסט בוך (לאָדזש צווישן בײדע וועלט־מלחמות).

פוילן (זכרונות און בילדער) זיבעטע בוך (וואַרשע צווישן בײדע וועלט־מלחמות).

פאַרלאַג „אונזער צייט", ניו־יאָרק.

אַנדערע ווערק פון י. י. טרונק

פון דער נאַטור. נאָוועלן. (פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע).

פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען. (פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע).

מידע. נאָוועלן. (פאַרלאַג פנחס גראַאובאַרד, וואַרשע).

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע).

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע).

יאָסעפוס פלאַוויאוס פון ירושלים און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע).

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע).

נאָענט און פרעמד. עסייס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע).

שלום עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע).

וועלט־חשבון (פּראָזע און לידער וועגן דער וועלט).

סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע).

טביה און מנחם־מענדל אין יידישן וועלט־גורל. (פאַרלאַג „ציקאָ", ניו־יאָרק).

בלעטער אויפן ווינט. לידער. ניו־יאָרק.

די יידישע פּראָזע אין פּוילן אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות. (צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס).

סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע אָדער דער יידישער דאָן־קיכאָט. (צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס).

כעלעמער חכמים אָדער יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט. (פאַרלאַג „יודבוך", בוענאָס איירעס).

פאַרלאַג „אונזער צייט"

י. י. טרונק — פוילן, באַנד I, 252 זייטן $2.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד II, 318 זייטן 2.50
י. י. טרונק — פוילן, באַנד III, 288 זייטן 2.50
י. י. טרונק — פוילן, באַנד IV, 304 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער 3.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד V, 308 זייטן 3.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד VI, 244 זייטן טעקסט, 4 זייטן בילדער 3.00
י. י. טרונק — פוילן, באַנד VII, 278 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער 3.00
י. ש. הערץ — די געשיכטע פון אַ יוגנט, 592 זייטן טעקסט, 48 זייטן בילדער 3.50
לייבעטשקע בערמאַן — אין לויף פון יאָרן, 386 ז״ז טעקסט, 38 בילדער 2.50
זיגעלבוים־בוך — 408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער 3.00
בערנאַרד גאָלדשטיין — 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ, 500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער 3.50
די יידן אין פוילן — (אַ. מענעס, דר. ר. מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי, וו. שולמאַן) 920 שפאַלטן (פון גרויסן פאָרמאַט) 5.00
אַרקאַדי — 436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער 2.00
וולאַדימיר מעדעם — 367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער 2.00
אין די יאָרן פון יידישן חורבן — (די שטים פון אונטערערדישן בונד), 342 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער 3.00
שלמה מענדעלסאָן — 492 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער 3.50
י. ש. הערץ — די יידן אין אוקראַינע, 262 זייטן 3.00
ערליך־אַלטער בוך — 472 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער 4.00
מרים ראַסקין — זלאַטקע, 336 זייטן 3.00
י. ש. הערץ — הירש לעקערט, 132 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער 1.50

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

FARLAG UNSER TSAIT

25 East 78th Street, New York 21, N. Y.